STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02799

GEKLIBENE VERK

Isaac Meir Weissenberg

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

395-l

י. מ. ווייסענבערג

געקליבענע ווערק

באַנד III

SASKATOON

פערלאַג ש. גאָלדפאַרב

ווארשע 1930

92

J. M. Waisenberg

DER MODERNER SZED

Wydawnictwo

Sz. Goldfarb

Warszawa Dzika 31.

Druk. „POL" Przejazd 11.
Telefon, 317-31

איינלייטונג

JEWISH CULTURAL CLUB - OF SASKATOON -

מאָטאָ

אָפּט איז די דיכטונג אַ פאָלגע פין אימבע־האָלפנקייט.

דאָס וועלן אויסלייזן די וועלט, כאָטש זי דאַרף, גענבעך, אויסגעלייזט ווערן, איז אַ טיב־קעלער טריעב פין שלימזל׳ס...

די וועלט וויל נישט זיין אַנדערש, — וואָס זי וויל יאָ — איז נאָך אַ שטיקל ברויט. טיילמאָל דאַרף זי אויך אַ קנעפּעלע צים העמד!...

דער קאַשטאַן האָט געבליהט,
און צייטיק געוואָרן —
די מענטשן לאָז גייען
און שטיל דיר דיין צאָרן.

די רויז האָט פערוועלקט,
וואָס געבליהט האָט אין זימער —
די ווערם לאָז גייען
און שטיל דיר דיין קימער.

נעם ברויט און נעם וואסער
אין לאָגל — און מאַרשיר —
אויב וועלט איז נאָך וועלט,
איז פלאַץ נאָך אין איר.

אַזוי, ווי דאָס ליעדל לויטעט, וואָלט געדאָרפן זיין מיין איצטיקער קורסיוו. איך האַלט אָבער, אַז יעדער מין שטאָלצער זשעסט איז אַ פערברעך אין קאָמפּראָמיטאַציע פאַר אמתער גבורה. וואָרן באמת איז אַ זשעסט נישט מער, ווי אַן ארויסדריי זיך פין אַ סיטואַציע, וואָס דאַרף אים, גלייבט דער אייגנטימער, זיין צישוויער צי פערבלענדן.

דאַדאָרך איז דאָס ליעדל, ווי שטאָלץ און ברוגז עס זאָל נישט זיין, נאָר אַן אָפּטרעהטן, אַן אַרויסדריי זיך מיט כבוד...

איך האַלט טאַקי מיין איצטיקע צייט פאַר די, וועלכע האָט אין מיין קאַמף נישט געבראָכן יענע פּרוכטן, וועלכע איך האָב געמיינט. איך האָב אָבער פּיל געלערנט אין קאַמף און וועל דאָס ניצן צום ווייטערן קאַמף.

איך האָב געלערנט, אַז איך בין איינער אַליין — דאָס האָב איך שטאַרק געדאַרפן וויסן...

איך האָב אויך געלערנט, אַז דאָך האָב איך קיין שותפות נישט געמאַכט, ווייניקער נאָך, ווי מיט די געגנער, מיט די פריינט — דאָס האָב איך אויך געדאַרפן שטאַרק וויסן...

איך פערלאָז איצטער דאָס שלאַכט־פעלד אָן איבעריקן שטאָלץ, נאָר אַזוי ווי אַ פערשפּילטער...

י. מ. וויסענבערג...

פאָרעדע

דער אַלטעגליכער צײַטונגס מענטש פיהלט נישט זײַן זינד, ווײַל ער ווערט פין קײנעם נישט אָפגעשטויסן. ווי יעדע זינד, וואָס אַז זי איז פין דער געזעלשאַפט טאָלערירט, ווערט זי שיעור אַ טוגענד, אַזוי איז מיטן זשורנאַליזם. ווער האָט געקענט פערצײַטנס האַלטן פאַר אַן עוולה דאָס פערבערגען קינדער פאַרן גאָט מולך, אָדער נאָך מיט גאָר אַ קאָרצער צײַט צוריק — קאַפּיטאַליזם פאַר אַן אומרעכט. פערקעהרט! דאָס איז נאָך גאָר געווען אַ טוגענד און די טרעגער פין איר — די טרעגער פין דער געזעלשאַפטליכער מאָראַל אין זייער צײַט. דאָס מין זשורנאַליזם, דאָס אַרײַנקיקן אינטער די קוליסן, דאָס אַרײַנכאַפּן זיך דאָרך אַ שפּאַרע צי יענעם אין סאַלאָן, מיט דער כונה, אויפצישפּראַלן אים טיהר און פענסטער צי דער ענטפּלעקונג פאַר דער גאַס, געהעהר נישט זי געהעהרן צי די גאָר שיינע אייגנשאַפטן. אַזוי האָבן עס מענטשן אַלעמאָל אויפגעפאַסט און געהאַט פעראַכטונג פאַר דעם סקאַרבאָוון נאָכזיכער פין עבירות אויף זיינע מיטבירגער, ווער שמיעסט נאָך, אַז דער דאָזיקער איז געווען אַ געדינגענער עבירות-זיכער, צילליעב פענסיע, ווי עס איז עס דער זשורנאַליסט. נאָר אויב נאָכזיכן נאָך פרעמדע עבירות געהעהר נישט צי די גאָר פיינע טוגענדטן, געהעהר שוין גאָר גאָרנישט צי דער פיינער טוגענדט דאָס צווינגען דעם אמת צי קניען פאַרן שקר, ווי עס צווינגט אים גאַנץ אָפט דער זשורנאַליסט מיס דעם כח פין דעם ברייטן, גרויסן אָפענעם מויל פין דער „מאַיעסטעט" די פרעסע.

איך האָב, נישט לאַנג צריק, געלעזן צווישן די קליינע שורהלעך פין וועלט נייעסן, אַז אַ פראַנצויזישע אָוויאַציע געזעלשאַפט, נאָכדעם ווי זי האָט בעקימען פין דער רעגירונג אַ בעשטעלונג פין פערציק מיליאָן פראַנק, האָט זיך אָפגערעדט פין האַרץ פאַר אַ דאָרטיקן מלוכה-מאַן. זי האָט געזאָגט:

„— פראַנקרייך איז געוויס ריאיק מיט איר געוויסן פאַר איר פאָטערלאַנד: זי האָט איר פליכט געטיען: פערציק מיליאָן סובסידירט פאַר דער זיכערקייט פין איר גאַנצקייט. בערעכנט אָבער, וואָס קען אינזער פירמע ליווערן פאַר דער שטאַרקייט פין אינזער לאַנד, ווען צען מיליאָן נעמט ביי אינז צי די פרעסע, סיי גרויסע און סיי קלענערע צייטונגען, אַז זיי זאָלן נישט אַגיטירן געגן אינזערע בעסטע און ערליכסטע כּונות אויף אָנצינעמען די בעשטעלונג, פינף מיליאָן — געוויסע דעפּוטאַטן, וואָס זאָלן שטימען און מאַכן שטימונג פאַר אינז, און נאָך צען מיליאָן מיזן מיר ווידער רעזערווירן פין דער דאָזיקער סומע, אַ טאָמער טרעפט אַ פאַל פין אַ קאַטאַסטראָפע מיט אינזערן אַ געליווערטן אַעראָפּלאַן, אַז די פרעסע זאָל ווידער נישט אויפמאַכן איר מויל!...“

ציליעב דעם, הייסט עס, וואָס די ערליכע געזעלשאַפט וואָלט נישט געגעבן דעם געהעריקן „חורש“, אין דער ערשטער רייע דער פרעסע און דערנאָך אויך געוויסע געעהרטע דעפּוטאַטן פין סיים!!! וואָלט מען די ערליכקייט פין דער דאָזיקער געזעלשאַפט געמאַכט קניען פאַר דעם שקר פין וועלכער עס איז נישט סאָלידער פירמע, נאָר וועלכע וואָלט יאָ געגעבן כאַבאַר דער פרעסע, פאַר דער בעשטעלונג פין דער רעגירונג. אָט דאָס איז אויך די טוגענד פין זשורנאַליסט, נאָך אַלע זיינע אַנדערע טוגענדטן: דעם אמת צי מאַכן קניען פאַרן שקר.

דאַדאָרך האָבן אַ סך, זעער אַ סך כאַראַקטער-פילע מע-

נער, ווי לאַסאַל א. נ. א. געהאַט אַ נאַטירליכע פעראַכטונג פאַר דעם טעגליכן צייטונגס-מענשט, פאַר דעם מין, וואָס ריפט זיך צייטונגס-זשורנאַלוסט. ער איז באמת אַ פעראַכטונגסווירדיק מין אין דער היינטיקער געזעלשאַפט; ווייל אויב ער וואָלט דאָס נישט געווען אין זיין טיעפן שורש, וואָלט ער צי זיין פראָפע-סיע נישט געטויגט. מענטשן אָבער, וואָס דאַרפן שטייען מיט זיי אין בעריהונג, ווי כלל-טיער, פאַרטיי-פיהרער, דעפוטאַטן, פאָלי-טיקער, פאַבריקאַנטן, סוחרים און אינטערנעמער פין געזעל-שאַפטליכע אַקציעס,— ווייל זיי האָבן מורא פאַרן שאָדן, וואָס די דאָזיקע זשורנאַליסטן קענען זיי ברענגען; ווער שמיעסט נאָך, ווייל די ערשטע האָבן אַ געוויסע „טענדענץ” דאָרכצופיהרן דאָרך דער פרעסע, מכלומרשט לטובת דער געזעלשאַפט, די האָבן גאָר אַ בעדאַרף דעם לעצטן צי טאָלערירן. דער כלל-טיער, פאַר-טיי-פירער (אַזעלכן ווי מיר זעען היינט) דעפוטאַט, פאָליטיקער האָבן סתם נישט וואָס אָנצ‌ויוערן, ביי זייער גרויסער מאָראַל, טאָלערירנדיק דעם זשורנאַליסט. זייער ריינקייט קען נישט ליידן, פינקט ווי עס קען נישט פערשוועכט ווערן די ריינקייט פין אַ פראָסטיטוטקע, טאָלערירנדיק אירע אַ חברטע, וואָס שטייט אויף דעם זעלבן ניווא מאָראַל. דער פאַבריקאַנט, ווידער, און סוחר, אָדער אינטערנעמער, מיזן אים שוין במילא טאָלערירן, אפילו זיי זאָלן נישט וועלן. און ווייל אין דער איצטיקער גע-זעלשאַפט געפינען זיך אַזאַ גרויסע צאָל פאָליטיקער, כלל-טיער, פאַרטיי-פיהרער און דעפוטאַטן, ווער שמיעסט נאָך, די גאָר גרוי-סע קלאַס סוחרים און אינטערנעמער, געפינען די זשורנאַליסטן אַ גאָר גרויסע און ברייטע טאָלעראַנץ.

פאַר די גאָר ערשטע, ווי פאָליטיקער, דעפוטאַטן, כלל-טיער און פאַרטיי-פיהרער, זענען די לעצטע פשוט אַ נויטווענ-ווענדיקייט. דאָס רוב מיסיע פין אַ זשורנאַליסט איז, דעם פאַ-

ליטיקער, דעם דעפוטאַט, דעם כּלל־טוער און פּאַרטיי־פירער, אויסציבעטן דאָס געזעלשאַפטליכע „בעט“ אַזוי ווייך... ווי עס עס טיהט עס די דיענסט אין שטיב פין אַן ערשט־קלאַסיקער זונה. זי שנירט איר פענאַנדער דאָס שיכל, ווען די זונה דאַרף... זי מאַכט לויז איר טאַליע און צעהענגט אירע רייצונגס־בענדער אויף אַלע פלויטן און עפנטליכע ערטער, דאָס געעהרטע פּובּליקום צי פערנאַרן צי איר... אָט דאָס איז אַ זשורנאַליסטס דיענען פאַר די ערשטע. די אַנדערע, ווידער, קלאַס: סוחרים, פאַבריקאַנטן, כאַטש זיי קיקן אויפן זשורנאַליסט, ווי אויף אַ מסור, ובפרט נאָך געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, ווי אויף אַ בּליט־זייגער, שפּיאָן און בּלבול־מאַכער — דאָך מיז ער אים אָנערקענען... און דער לעצטער געפינט אַזוירנאָך זיין גרויסן און ברייטן אָנשפּאַר אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, און במילא, אויך אַ גרויסע און ברייטע טאָלעראַנץ...

און ס'איז נישט קיין ווינדער, ס'איז יעדערן בעוויסט, אַז די מאָראַל פין אַ געזעלשאַפט איז לויט איר אייגן פּנים. נישט דער מענטש איז געשאַפן פאַר איר, נאָר זי פאַרן מענטש, ס'הייסט אַ וואָסערער מענטש אַזאַ מאָראַל; — אַזוי ווי אין אינזער היינטיקער מאָראַל פערנעמען דעם אויבּנאָן פּאָליטיקער, פּאַרטיי־פיהרער, כּלל־טיער, דעפוטאַטן און דערצי אויך די גאָר אָנגעזועענע קלאַס סוחרים און פאַבריקאַנטן, און די אַלע זענען דאָס אויבערשטע פין אינזער היינטיקער געזעלשאַפט, ס'הייסט, דאָס פּנים, דאָס חשיבות פין אינזער איצטיקער מאָראַל, במילא איז דאָס מיעסע מין, דער זשורנאַליסט, וואָס איז פין געבוירן: דער שפּיאָן, דער בּלבול־מאַכער, דער פערפינסטערער פין אמת, מיט אַ געבוירענעם דראַנג צי דעמאַגאָגיע, ווייל אַנדערש — ווי שוין אויבן געזאָגט — וואָלט ער נישט געטויגט פאַר זיין פּראָפעסיע, איז ער שוין דערמיט אַליין, וואָס ער איז טאָלערירט פין

אַזאַ חשובותדיקער קלאַס, וואָס פערנעמט דעם אויבנאָן פין איינזער היינטיקער געזעלשאַפט און במילא אויך פין איר מאָראַל — דער אָרנטליכער מענטש, וועהמען מען קען, לכל הפחות, דערלאַנגען די האַנט...

אָבער לאסאל און נאָך אַנדערע קרעפטיקע מענער, האָבען געהאַט נאָר בלויז פעראַכטונג פאַר דעם זשורנאַליסט.

אָט דעם מין, ס׳הייסט, דעם זשורנאַליסט, דעם פרעסע־מאַן, פיהר איך איצטער אריין מיט זיין גאַנצער נאַקעטקייט אין מיין ווערק „ד ע ר מ אָ ד ע ר נ ע ר ש ד״. מיין פערדיענסט וועט בעשטייען אין דעם, וואָס אין דער צייט, ווען איינציקע, יחידים האָבען אים נאָר בלויז פיינט געהאַט און געלאָזט פאַלן אויף אים נישט מער, ווי בייזע ווערטער, אָבער מען האָט נישט געוויסט, וואָס און ווען דאָס מין איז דאָרכאויס, האָב איך אים איצטער קאָנקרעטיזירט: אָט דאָס איז ער און אַזוי זעהט אויס זיין טאַהט פאַר אינזער געזעלשאַפט.

דער אויטאָר.

דער מאדערנער שד

ס צ ע נ י ש ע ר

ר אָ מ אַ ן

רעדאַקטאָר עטי פּייטיס "פּריוואַטע שטיב. רעדאַקטאָר אין זיין קאַבינעט. עס הערט זיך דאָס גלעקל פון דער קאָרידאָר טיהר. דאָס דיענער-יינגל קומט אַריין:

— עס קומט ווער.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— ווער?

דיענערייינגל:

— כ'ווייס נישט.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— ני גיי ישע, זעה פריער...

דיענערייינגל אָפּ. ער קומט אין אַ וויילע צריק:

— בינאָקל איז עס.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— האָסט אים שוין געזאָגט, אַז איך בין דאָ?...

דיענערייינגל:

— ני, יאָ...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— פאַרוואָס?...

דיענערייינגל:

— כ'האָב אים געזאָגט, אַז איר זענט נישטאָ, האָט ער מיך אָנגעשאָלטן. ער זאָגט, אַז ער איז אַ בשופמאַכער און ער וועט מיר נאָך בשוף אָפּטיען...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי, גיט אַ שמייכעלע:

— ני גיי, לאָז אים אַריין. (דאָס דיענערייינגל. אָפּ).

מיסטער בינאָקל קומט אַריין.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי, גייט אים אַנטקעגן:

— אַ, וואָס מאַכסטו? (גיט אים די האַנט, גלעטיקט און פּעטשלט אַביסל צו איבער יענעמס געגעהבענער האַנט, מיט זיינער, דער צווייטער, אויס ליעבליכקייט, פיהרט אים צו אַ שטיהל) זעץ דיך.

מיסטער בינאָקל זעצט זיך.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי, אַנטקעגן זיך זעצנדיק:

— וואָס עפּעס אַזוי פריה?..

מיסטער בינאָקל:

— עפּעס נייעס האָט מיך געבּרענגט צו'ן אייך. כ'האָב אַ פּריוואַט געשפּרעך מיט אייך צו שמועסן, דעריבער האָב איך נישט געוואָלט אין רעדאַקציע, ווי אַלע זענען.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— ניי, ניי, אוודאי עפּעס וויכטיקס...

מיסטער בינאָקל:

— איך בין ענטשלאָסן אייך צו פרעהגן, צו ווילט איהר דילדן, אַז אַזאַ פראָפּאָן, ווי דער מעטראָנפּאַוש, זאָל מיר אויסבעלאָזן נאַכט ביי נאַכט די שורות?..

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— אַזוי גאָר!..

מיסטער בינאָקל:

— און זאָל מיך זידלען...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— טאַקי אַ גראָבּער יינג... (פּויזע)

מיסטער בינאָקל:

— איך בין ענטשלאָסן... איך ווייס נישט וואָס צו טיען...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— גיי שוין, וואָס רעדסטו?..

מיסטער בינאָקל:

— יאָ, יאָ...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— ר'אי דאָך אַ גראָבער יינג... די ווייסט נישט, דער פעראיין האָט דאָך היינט צי זאָגן... וואָס, כ'וועל אים גייען אָפּשאַפן?

מיסטער בינאָקל:

— איז טאַקי שלעכט...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— גיי שוין, גיי שוין...

מיסטער בינאָקל:

— איך בין ענטשלאָסן זיך אָפּציזאָגן פין דער אַרבעט!

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— וואָס ווילסטו דען? עס זענען דאָך היינט עפּעס יאָ דאָ דיינע שירות...

מיסטער בינאָקל:

— וואָס?!

רעדאַקטאָר עטי פּייטי, זיכט אַרים זיך מיט די אויגן:

— ווי איז דאָס בלאַט? (נעמט עס פין שרייבטיש, ניט עס אַ וויקל) אָט, וואָס איז דאָס?..

מיסטער בינאָקל, דערשטוינט:

— אַן אמתער גראָבער יינג. פערפיהרט מיט מיר אַקריעג וועגן דעם, אַז עס איז נישט אַריין...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— אַ העצעלע, מסתמה...

מיסטער בינאָקל:

— שוואַרץ יאָר ווייסט אים...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— ני שוין?.. אָט האָסטי... לוינט שוין בייז צי זיין?..

מיסטער בינאָקל:

— איך זאָג דאָך אייך, ער צעמישט מיך אַלעמאָל, אָט דערדאָזיקער גראָבער יינג...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— און די מעשה גופא, ווי האָסטי גענימען?.. ס'איז דאָך עפּעס גאָר פיין...

מיסטער בינאָקל:

— אָט דאָס קאָסט ערשט רעכט — בליט...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי.

— בליט?! וואָס, אַ ליובעלע? אַן אימגליקליכס? האָסט דיך שוין „פערדרייט" אין וועהמען?

מיסטער בינאָקל:

— אָט, דאָס איז עס... איך ליעב אָן שום אויסזיכטן...

רעדאַקטאָר:

— אָט דאָס איז שלעכט. ווער איז זי?

מיסטער בינאָקל:

— אָט דאָס איז נאָך ערגער.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— דהיינו?...

מיסטער בינאָקל:

— איך ווייס אויך נישט, ווער זי איז...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— הער, בינאָקעלע! די ווייסט גאָרנישט, ווער די פּרופ־ איז וואָס די ליעבסט?

מיסטער בינאָקל:

— כמעט, נישט.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— אַ גייסט, אַ געשפּענסט, אַ מלאך... ווער מיז זי דאָך זיין...

מיסטער בינאָקל:

— אַ רעטעניש...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— אַ רעטעניש, נישט קיין פרוי, נישט קיין קערפּער?...

מיסטער בינאָקל:

— צי קען איך זי אָנעמען פאַר אַ געוויינלעכע פרוי, ווען יעדע נאָך האַלבער נאַכט קימט צי איר אַ מאַיאָר אַ מכשף?...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— האָסטי זי דאָך דאָ בעשריבן, אַז זי איז אַ פרוי פין אַ געוויינלעכן ייד: זי לייד פין נירן, לעהבער, גאַלשטיינער, און אַזוי ווייטער...

מיסטער בינאָקל:

— אָבער דאָס איז נישט זי. ערשט בעכטן ביינאַכט, ווען איך בין געזעסן דאָרט אויפן בוידעם, אַנטקייגן אירע פענסטער, צי אָבסערווירן זי, האָב איך ערשט געזעען, ווער זי איז, און, אַז מיט די אַלע קרענק גיט זי זיך נאָר אָן פאַר דעם מאַן, כדי ער זאָל נישט טאָרן לעהבן מיט איר און, אַז יעדע נאָך האַלבער נאַכט זאָל קענען קימען צי איר אין בעזינדערן שלאָפצימער נישט דער מאַן, נאָר דער מאַיאָר, דער מכשף. און, אַז זי איז נישט קיין פראָסטע, נישט די, פאַר וועלכע זי פערשטעלט זיך פאַרן מאַן, האָב איך געזעען אין דעם: פּינקט צוועלף ביינאַכט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר אַ געשטאַלט אין אַנטקייגנאיבערדיקן בוידעם-לאָך, וואָס איז טאַקי איבער אירע פענסטער, און מיך געפרעגט: „וואָס טיהסטי דאָ?...” ווי האָט זי געוויסט, אַז איך אָבסערוויר איר?

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— און דאָס איז געווען זי אַליין?

מיסטער בינאָקל:

— ניין, דאָס דיענסטמיידל, וואָס זי האָט, מיר זיין, אַרויפגעשיקט, מיך אָפּציאָגן. איך האָב איר דערקלערט, אַז איך בין נישט קיין גנב פון וועש אויף פרעמדעביידעמער. אָבער אַ שרעק איז מיך בעפאַלן, ווען כ'האָב געזעען, אַז אויך די דיענסט איז געשטאַנען אין אַ קלייד פון בלויז זילבערנע פלי־טערלעך און מיט אַ ברענענדיק ליכטל אין דער האַנט האָט זי געכשופט עפּעס קייגן דער לבנה... אָט אַזוי, ווי כ'האָב די סצענע בעשריבן היינט אין בלאַט.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— מערקווירדיק.

מיסטער בינאָקל:

— אָבער געשראָקן האָב איך מיך, נאָר נישט דערשראָקן, פאַרווינדערט, אָבער נישט פאַרלוירן. און איך האָב אויסגעניצט די דאָזיקע געלעגנהייט צו אַ בעקאַנטשאַפט מיט דעם דאָ־זיקן דיענסטמיידל, כדי צו קענען אַריינדרינגען אין שטיב פון מיין געליעבטער און געוואָר ווערן אַלע סודות. איינס בין איך זיכער: אַז די בעל־ביתטע אירע איז אַ פּרינצעסין, אָט דאָס גע־שטאַלט נעמט זי טאַקי אָן יעדע נאַך האַלבער נאַכט, ווען דער מאַיאַר־מכשף קומט צו איר, און אַ גאַנצן טאָג פאַרן מאַן, איז זי די קראַנקע, די מיגרען ליידנדיקע, די גאַלשטיינער־פערקווע־טשטע, מיט איין וואָרט — אַ געוויינליך קראַנקע פרוי.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— ני, בינאָקעלע, איך ווינטש דיר דערפאָלג. ס'איז אַן אויסערגעוויינליכע געשיכטע...

מיסטער בינאָקל:

— יאָ. אָבער, מיין ליעבע איז פערביי.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— מאַ, וואָס קען מען טיען, אַז מען איז בעשאַפן, נאָר כּדי צי ליידן, — איך זעה אַזוי... אָט האָב איך געמיינט, אַז נאָר איך אַליין לייד: אויף דער עלטער — מען קען נישט שלאָפן, ווי געהעריק, מען קען נישט עסן אויף דעם פּילן מויל געדיגגענע צייך: אָנשטאָט לויפן וואָלט מען געדאַנקט גאָט, אַז מען זאָל קענען גייען. מען קען נישט אויפנעמען אויך דאָס וואָרט שוין לויטער, עפּעס, ווי אַ זיפּל ליגט אויפן אויער, מאַנכעס מאָל אויך אויף דעם מח. די אויגן זעען, ווי דאָרך אַ נעפּל: — פאַר מיר איז שוין דער הימעל נישט אַזוי בלאָ, נאָר ווייסלעך, ווי פּאַ-רע... איצטער ווער איך געוואָר, אַז יינג צי זיין איז אויך נישט גיט, אויך די ליידסט... (נעמט אַרויס אַ האַוואַנער ציגאַר פין אַ שעכטל אויפן שרייב-טיש, איז אים מכבד, זיך אַליין אויך, ביידע פערייכערן) נאָר פינדעסטוועגן, פאַל נישט אַראָפּ ביי דיר. (קליינע פויזע) ווילסטי אפשר טיי?

מיסטער בינאָקל:

— ניין. דאַנק! מען דאַרף גייען. (שטייט אויף)

רעדאַקטאָר עטי פּייטי, שטייט אויך אויף צים בעגלייטן אים:

— דאָך, פּאָרזיכטיק שאַדט נישט צי זיין. די האָסט צי טיען מיט אַ מכשף אַ קאָנקורענט...

מיסטער בינאָקל:

— אַ גיטן טאָג.

רעדאַקטאָר, בעגלייטנדיק אים צי דער טיהר:

— אַ גיט יאָר. (בלייבנדיק אַליין) אַ שאָד אַזאַ יינגער יינג, גייט זיך ערשט פערפלאָנטערן צווישן שדים...

קאַפּיטל צוויי

מיסטער בינאָקל אין זעלבן טאָג, האַלב צוויי אַזייגער, גייט אַדאָרך אין דער פאָרנדיקער געשעפטס שטיב פון דער רע-דאַקציע.

אַ ייד מיט אַ צעפּלאָנטערטער באָרד, שטעלט אים אָפּ:

— כ׳בעהט אייך, ווי גייט מען דאָ אריין צום רע-דאַקטאָר?

מיסטער בינאָקל:

— כ׳ווייס נישט. (אָפּ אין אַ ווייטער צימער)

אַנאָנסן אַגענט:

— צי וואָס האָט איר געדאַרפן דעם רעדאַקטאָר?

ייד:

— אַז ס׳איז גאָר ליגנט די גאַנצע מעשה...

אַנ. אַגענט:

— וואָס פאַר אַ מעשה?

ייד:

— מיט די שדים...

אַנ. אַגענט:

— פאַרוואָס איז ליגנט?

ייד:

— אַז דאָרט וואוינט נאָרנישט קיין גימפּל ראַפּאַלאָוויטש... ווען איר גיט כאָטש אָן שמעון ראַפּאַלאָוויטש, מילא, זאָג איך, קען מען זיך טועה זיין פֿין שאול אויף שמעון, ווייל אויף דעם פּלעטל פֿין דעם הויז איז, פֿין שטענדיק אָן, געשטאַנען דער ערשטער נאָמען נישט אינגאַנצן, נאָר בלויז אַ „ש"... איז אַ קלעהר, אַז מען האָט אַ גרייז געמאַכט, שאול — שמעון, אָבער אַז גימפּל איז אינגאַנצן נישט איך.

אַג. אַגענט:

— נאָר וואָס זשע דען זאָגט איר?

ייד:

— אַז דאָס וואָס ס'איז געשריבן היינט אין דער צייטונג, איז געשעען ביי אַן אַנדערן. (ציהט אַרויס פֿין קעשענע אַ צייטונג, ווייזט אויף אַ שטעלע אין איר) אָדער, עס האָט אויך געקענט געשעען, ווייל ס'איז אינגאַנצן אויסגעטראַכט, און דער אויסטראַכטער האָט גאָרנישט געוויסט, וואָס ביי מיר אין הויז טיהט זיך. ער האָט זיך ביי קיינעם נישט אינפאָרמירט, נאָר ביים שילדל פֿין הויז, ווייזט אויס, אַז שדים טאַנצן ביי מיר... און, אַז „צוועלף ביינאַכט, האָט ער אַליין געזעען", ס'הייסט, דערדאָזיקער, וואָס האָט דאָס געשריבן, „ווי אין בוידעם-לאָך שטייט אַ פֿרויענגעשטאַלט, אין אַ זילבערן קלייד, און, דער-צי, כשופט זי עפּעס מיט אַ ברענענדיק ליכטל קייגן דער לבנה"...

אַג. אַגענט:

— און פֿין וואַנען איז עס געדרינגען, אַז די איינציקע אינפאָרמאַציע האָט ער גענ־מען בלויז ביים פּלעטל פֿין הויז?..

ייד:

— ווייל נאָכדעם, ווי דער רעגן האָט שוין לאַנג אָפּגע־שווענקט צוויי פּאַסיקלעך פֿין ביידע זייטן פֿין דער שין אויף דעם פּלעטל פֿין מיין הויז און, דערצי נאָך, אַ האַלב פֿין שפּיץ פּיסל... איז געבליבן אַ בפּירשע גימעל, אויף צי דריגגעצן גימפּל דער־פֿין... ני, זעה איך דאָך, ווי ער האָט גענימען אינפֿאָרמאַציעס... און איצטער, אי ס׳איז איך, ווייל ס׳איז אָנגעריפֿן די גאַס, דער עק שטאָט, דער נאָמען ראַפּאַלאָוויטש; אי ס׳איז נישט איך, ווייל עס איז נישטאָ דער נימ. פֿין הויז און ס׳איז אַ נאָמען גימפּל באָר, נישט שאול, און דער עיקר, ווייל ביי מיר אין הויז קימט קיינמאָל גאָרנישט פֿאָר אַזעלכעס...

אַנ. אַגענט:

— קענט איר, הייסט עס, אין געריכט נישט אָנגעהבן אויף אינז, וואָרן ס׳איז נישט אייך געמיינט.

ייד:

— אַוודאַי נישט מיך.

אַנ. אַגענט:

— טאָ וואָס אַרט עס אייך, וואָס ס׳איז ווער עס איז פּעשריבן?

ייד:

— אָבער דאָס איז דאָך איך...

אַנ. אַגענט:

— ס׳טייטש, איר זאָגט דאָך אַליין, אַז ס׳איז נישט איר.

ייד:

— ניין.

אַנ. אַגענט:

— ני טאָ וואָס זשע?

ייד:

— ס'איז דאָך אָבער יאָ...

אַנ. אַגענט:

— מיין ליעבער ייד, כ'האָב נישט קיין עצה. אויב עס גייט אייך דוקא אין דעם, איר ווילט עס אַפּלייקענען, בעצאָלט פאַר אַן אַנאַנס. מיט וואָס האַנדלט איר?

ייד:

— מיט פעסער טראָן.

אַנ. אַגענט:

—גיט אַן אַנאַנס, אַז איר האָט צו פערקויפן פעסער טראָן, וועט מען די אַפּלייקענונג אויך געהבן.

ייד:

— טראָן? סוחרים נעמען אַזוי ביי מיר צו דעם טראָן.

אַנ. אַגענט:

— טאָ בלייבן דאָך אייך ליידיקע פעסער, טאָ גיט זשע אַן אַנאַנס, אַז איר האָט ליידיקע פעסער צו פערקויפן.

מיסטער בינאַקל, קימט פון וויטערן צימער מיט אַ קאַסע-קוויטעלע אין דער האַנט צום קאַסע-פענסטערל, גיט אַ ווינק צום אַנ. אַגענט. אין אַ זייט:

— ווער איז דער?

אַנ. אַגענט:

— עפּעס אויף אַ מעשה מיט שדים איז ער זיך געקימען קלאָגן.

מיסטער בינאַקל:

— לאָזט אים אינגאַנצן אַדאָרך.

דער ייד שטייט, שטייט, פערלאָזט לאַנגזאַם די רעדאַק-ציע (אָפּ).

קאַפּיטל דריי

פאַרנאַכט, זעקס אַזייגער, ביי רבקהלע פיינגאָלד אין קיך. רבקהלע דערהערט אַ קלינג פון דער קאָרידאָר-טיהר, לויפט אַרויס, קימט צריק מיט מיסטער בינאָקלען, דריקנדיק זיך שטאַרק די הענט.

מיסטער בינאָקל:

— ני, ווי זענט איר געשלאָפן די נאַכט:

רבקהלע פיינגאלד:

— אויסער חלומות, זעער גיט...

מיסטער בינאָקל:

—טיהט מיר אַ הנאה. ערשטנס אייער גיט שלאָפן, צווייטנס טיען מיר אויך אַ הנאה אייערע חלומות...

רבקהלע פיינגאָלד:

— איר ווייסט דאָך נישט וואָס פאַר אַ חלומות.

מיסטער בינאָקל:

— ני, מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן...

רבקהלע פיינגאָלד:

— איר קענט אַביסעלע צי לייכט מאַכן אַ טעות... ווייל כ'האָב אייך נעכטן געטראָפן אַ פערטראַכטן אויפן בוידעם קייגן דער לבנה, מיינט איר?..

מיסטער בינאָקל:

— ני, און וואָס מיינט איר?..

רבקהלע פיינגאָלד:

— וואָס זאָל איך מיינען וועגן היינטיקע בחורים? איך מיין, אַז ס׳איז זיי טאַקי גלייכער צי זעען אין חלום, איידער אויף דער וואָר...

מיסטער בינאָקל:

— איר זאָלט נישט לאַכן, פריילין: אין וועהמען מען איז פערליעבט, איז מען טאַקי פערליעבט.

רבקהלע פיינגאָלד:

— וואָס, איר דערקלעהרט זיך מיר שוין אין ליעבע? איך האָב דאָך אייך נאָר געזעען איינמאָל און אויף אַ בוידעם... אפשר זענט איר טאַקי אַ שד?..

מיסטער בינאָקל:

— ניין. איך האָב עס גאָרנישט געזאָגט, אַז איך ליעב אייך...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ני, קימט זשע אַרינטער דאָ אינטערן ווענטל... (זי פיהרט אים אינטער אַ שפּאַניש ווענטל, וואָס האָט אַן איינגאַנג, ווי אַ טיהרל. פון דאָרט זעהט זיך אַרויס איר בעטל, אַ קליין טישעלע מיט אַ צוויי בלימלעך אין אַ גלעזערנעם, שמאָלן קלאָשל) וועגן וואָס מיינט איר, פיהר איך אייך אַרינטער דאָ אַהעהר?.. מיין בעל ביתטע איז אַביסל אַ שוואַכע און, איך וויל איר נישט שטערן מיט מיין שמיעסן, אַזוי, דאָ, אינטערן ווענטל, איז ס׳קול שטילער...

מיסטער בינאָקל:

— גאַנץ גלייך טאַקי... איך האָב מיך אָבער געוואָלט אינפאָרמירן, פריילין, ווער איז דער מכשף, וואָס קימט אַהעהר יעדע נאָך האַלבער נאַכט?..

רבקהלע פיינגאָלד:

— דאָ אַהער?.. ני, איר... אויסער אייך, איין מאָל, האָב איך קיינעם נישט געזעען...

מיסטער בינאָקל:

— געלעכטער אָן אַ זייט. רבקהלע, איך פרעג אייך ערנסט, איז אייך אזוינס נישט בעקאַנט?.. (קליינע פויזע) איך זעה, איר קיקט פערווינדערט...

רבקהלע פיינגאָלד:

— זעער שטאַרק פערווינדערט... איר טרייבט דאָך שפּאַס...

מיסטער בינאָקל:

— ני, אַז ס'איז שפּאַס, וועט איר שפּעהטער זעען... ווען עס וועט קלעהרער אַרויסקימען...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ני, וואָס גייט עס מיך אָן?.. צי מיר קימט נישט קיינער, נישט פאַר האַלבער און נישט נאָך האַלבער נאַכט...

מיסטער בינאָקל:

— און, אַז צי אייער וויהרטין?..

רבקהלע פיינגאָלד:

— ני, אַרט עס אייך אַזוי שטאַרק?..

מיסטער בינאָקל:

— געוויס.

רבקהלע פיינגאָלד:

— ני, גייט זשע צי מיין וויהרטין...

מיסטער בינאָקל:

— ווילט איר מיר נישט זאָגן?

רבקהלע פיינגאָלד:

— ניין.

מיסטער בינאָקל:

— אָבער דעם פּאַקט גופא לייקנט איר נישט צו?

רבקהלע פּיינגאָלד:

— ניין.

מיסטער בינאָקל:

— ני, גיט — מעער דאַרף איך נישט...

רבקהלע פּיינגאָלד, ריקט זיך צריק אַרויס אין דערמיט קיך:

— אַז איר דאַרפט נישט, דאַרפט איר נישט...

מיסטער בינאָקל:

— רבקהלע, וואָס אַנטלויפט איר?

רבקהלע פּיינגאָלד, נעמט די באַרשט אין האַנט אַריין:

— כ׳האָב נישט קיין צייט...

מיסטער בינאָקל, פּערנאָטירט עפּעס ביי זיך און פרעגט אייגצייטיק:

— טאָ ווען וועלן מיר זיך זעען נאָכאַמאָל?

רבקהלע פּיינגאָלד:

— איך ווייס נישט...

מיסטער בינאָקל, לייגט אַריין דאָס באָטירטע אין קעשענע:

— ני, גיי איך איצט און וועל קימען אַ צווייט מאָל.

רבקהלע פּיינגאָלד, קעהרט די פּאָדלאָגע:

— מען דאַרף נישט...

מיסטער בינאָקל:

— ניין, רבקהלע, איך וויל אייך זעען אַלעמאָל... (געזעגנט זיך געשווינד, גיט איר די האַנט) האָט מיר אַ גיטן אווּנט... (לויפט געשווינד אַרויס. אָפּ.)

רבקהלע פּיינגאָלד, פּאַר זיך:

— אַ מאָדנער מחבל, אַ מאָדנער שד...

רבקהלע בלייבט שטייען אין דער מיט קעהרן. פין אינטערן פענסטער, ווי ס׳איז גיט טינקל, הערט זיך אַ סערענאַדע:

אָ, ליעבע, מיין ליעבע,
בעווייז דיין געשטאַלט,
לאָז נישט אויסגייען מיין נשמה
אין מדבר, אינם וואַלד.

ווי שלעכט ס'איז די וועלט,
און די אויערן פערשטעלט,
ס'איז מיין בריסט טיעף צעקרעלט,
און בלוט פון האַרץ קוועלט.

אָ, מאַך שוין אויף דיין טיהר,
און ווייז דיין פנים מיר,
דעם, וואָס שטייט דאָ אינטער איר
און בעהעלט ליעבע פון דיר.

ווען קימען וועט די צייט,
פון מאַיאָר וועערסט בעפרייט,
פון פערוואַנדלונג קימסט אַרויס,
דערלייזט וועערט דיין הויז...

רבקהלע, פערקלעהרט, לאַנגע פויזע:
— פינדעסטוועגן איז עס עפּעס נישט פראָסט...

אין דער פריה. רבקהלע פיינגאָלד שטעלט אַנידער פאַר דער בעל ביתטע, נעבן איר ליג-שטיהל, אויף אַ קליין בענקעלע, אַ טאַץ מיט זעמעל, פיטער און אייער.

בעל ביתטע:

— וואָס ביסטי, רבקהלע, היינט אויפגעשטאַנען אַזוי פריה?

רבקהלע פיינגאָלד:

— כ׳האָב נישט געקאָנט שלאָפן. מיר האָט זיך געחלומט עפּעס... בין איך אויפגעשטאַנען, ס׳איז שוין געווען טאָג, בין איך אַראָפּ צי מיין קעסטל איבערקיקן די וועש...

בעל ביתטע:

— ני, וואָס האָסטי געקיקט?

— צים ערשטן האָב איך געמיינט, אַז מען האָט זי מיר געגנבעט... דערנאָך האָב איך געזעען ווי שיין זי איז, ווי יעדעס שפּיצעלע איז אַזוי שיין געהאָפטן, ווי די פּעלבלעך זענען געפּרעסטע, אַ פּערגעניגן, און ס׳האָט מיך נישט געגליסט אַוועקציגייען פין די וועש, נאָר צי זיצן און צי קיקן, און קיקן...

בעל ביתטע:

— ני, וואָס האָסטי געטיען?

רבקהלע:

— האָב איך מיך אַנידערגעזעצט איבער איר און איך בין געזעסן...

בעל ביתטע:

— ני, וואָס ביסטי געזעסן?

רבקהלע:

— דערציילן אייך דעם גאַנצן אמת?.. עס האָט זיך מיר געדאַכטן, אַז איך בין שוין פאַר אַ חתונה און איך זיץ און לייג מיר איבער מיין וועש און איך מאַך מיר אַלץ גרייט... עפּעס ווי אַלץ פין אַרים וואָלט שוין געווען, ווי ביי אַ יינג ווייבל אין שטיב...

בעל ביתטע:

— ני ווילסטי שוין חתונה האָבן, רבקהלע?

רבקהלע:

— ני, יאָ, מאַלע וואָס איך וויל... דער חתינה-האָבער איז אָבער נאָך נישטאָ...

בעל ביתטע:

— ני, וואָס זשע האָסטי געטיען?

רבקהלע:

— האָב איך פערמאַכט דאָס קעסטל, בין ציגעגאַנגען צים קראַן וואַסער, כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט די שעלקעס פין העמד, ביז צים גאַרטל, און כ׳האָב מיך אַזוי גענימען וואַשן, אַז אַ ראָסע איז אַזש ארויסגעקימען אויף מיר און דאָס גאַנצע לייב איז געוואָרן שטייף און איינגעצויגן און קלאָר, ווי זילבער...

בעל ביתטע:

— ני, וואָס זשע האָסטי געטיען?

רבקהלע:

— כ׳האָב געהאַט אַ הנאה צי קיקן אויף די אויפגעשטעלטע בריסט-וואָרצעלעך, פינקט ווי די קליינע קיימענדלעך פין האַר-מאַטן... און ווען כ׳האָב געווישט מיטן האַנטיכל, האָב איך גע-מיינט, אַז זיי פּלאַצן, אָדער שיעסן אויס, פין רויטקייט... כ׳האָב מיך טאַקי לאַנג נישט געקענט שיידן מיט זיי... (כאַפּט זיך אָן איי איין בריסט, קישט אין ווערצעלע אַריין, דערנאָך ביי דער צווייטער דאָס זעלבע).

בעל ביתטע:

— משוגענע, ווי איך זעה, ווילסטי דאָך טאַקי חתונה האָבן...

רבקהלע:

— ני, יאָ, ני, וואָס זשע קימט מיר דעראויס, אַז דער חתונה-האָבער איז נישטאָ...

בעל ביתטע:

— ני, וואָס זשע האָסטי געטיען?

רבקהלע:

— האָב איך מיר צריק אָנגעטיען דאָס העמד און, כ׳האָב בעשלאָסן, אַז היינט מיז איך מיר גייען נעמען אויף נאָך איין ויידן בלוזקעלע...

בעל ביתטע:

— פאַרוואָס עפּעס?..

רבקהלע:

— ווייל עס האָט זיך מיר געחלומט אַ חלום... אַז איך שטיי אין איין פענסטערל און אַנטקייגן מיר, איבערן הויף, שטייט אַ יינגערמאַן פין אַ יאָר צוויי און צוואַנציק, מיט באַקן־פּאותלעך, אין צווייטן פענסטערל... און וואָס מער ער קיקט אויף מיר, אַלץ מער פערשעהם איך מיך, ווייל דאָס בלוזקעלע, וואָס איך האָב געטראָגן אין חלום, איז עפּעס געווען אַזאַ אָפּגעבלאַקירטס און אָפּגעשאָסנס...

בעל ביתטע:

— ני, גיט, ני, גיי זשע, רבקהלע, און נעם דיר אויף אַ בלוזקעלע. און געלט האָסטי?

רבקהלע:

— יאָ, געלט האָב איך נאָך פין יענעם חודש די פענסיע, איך האָב זי נישט אַוועקגעטראָגן אין דער באַנק אַריין.

בעל ביתטע:

— נאָר, רבקהלע, זאָלסט דיך נישט פערגעסן. דער הער וועט באַלט קימען פּאַקן די זאַכן. איך פאָר היינט אַרויס אויף דאַטשע.

רבקהלע:

— זעער גיט, זעער גיט. נישט מער ווי צוויי שעה.

בעל ביתטע:

— און העערסט: ביסט דאך א לייכטזיניק מיידל, געדענק זשע, אז איך פאר ארויס, גיט מען דיר איבער די שטיב אין די האנט אריין...

רבקהלע:

— זאל די בעל ביתטע נישט קיין מורא האבן, עס וועט, חלילה, נישט פעהלן קיין איין פאדעם אויך.

בעל ביתטע:

— און קיין ייגגלעך זאלסטו אויך נישט אריינעמען...

רבקהלע:

— אוודאי נישט...

קאַפּיטל פיר

ביי אַ גרינעם טיש זיצט דער רעדאַקטאָר פין דער זעל־בער צייטונג, ה׳ ע, טע, פּע, טע... ער קנעהט מיט די פינגער און טיילמאָל גלעטיקט ער מיט זיי דאָס גרינע, ציגעשלאָגענע געוואַנט פין זעלבן שרייב־טיש און רעדט אַריבער צי אַ הער, וואָס זיצט ביי אַ צווייטן טיש, איינגעשפּאַנט אין האָלאָבלע־ברילן איבער די אויערן און האָט אַ פּליכל אויפן קאָפּ. דאָס פּליכל האָט ער פין צייט אָן דאָס בייכל איז אים געוואָרן שפּי־ציק און ער ליידט אויף ציקער.

רעדאַקטאָר:

— ע, טע, וואָס איז דען די נפקא מינה, צי עס שטייט אין דער ענציקלאָפּעדיע? אויף רוסיש הייסט עס צערע־מאָניאַ׳ער מארש, אויף אַנדערע שפּראַכן — דעפּיליאַדע, אָדער, ווייס איך ווי.

יענער הער, נישט אויפהייבנדיק די אויגן:

— ני, יאָ, אַלץ איינס...

— כ׳מיין, מען קען אויך אָנרופן „פּאַראַד”, פייערלי־כקייט?...

יענער הער.

— יאָ, כ׳מיין אויך.

— אָבער יעדנפֿאַלס נישט „מאַניאָוורי״. ווייל „מאַניאָוורי״ הייסט שוין מאַניעווּרירן, לאַווירן, סטראַטעגישע שפּיל, וואָס „פּאַראַד״ קען דאָס נישט הייסן.

יענער הער:

— כ׳מיין אויך, אַז ניין.

— ע, טע, טע, טע, ני, ווי זענען עפּעס אינזערע מיט־אַרבעטער?

יענער הייבט אויף די אויגן אויף דער קייגנאיבערדיקער טיהר, גיט אַ בייג אויס די האַנט מיט דער אויבערפֿלאַך אַרויף:

— מסתּמא...

עס עפֿנט זיך די טיהר. אַ יינגערמאַן קימט אַריין, הויך, דעם קאָפּ אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט, מיט איבערגעבויגענע פּלייצעס:

— גיט מאָרגן.

רעדאַקטאָר:

— אַ... גיט מאָרגן. וואָס מאַכט איר?

קיקט זיך ערשט גיט איין, וואָרן געענטפֿערט האָט ער, ציליב קאָרעקטקייט, נאָך איידער ער האָט דערקענט:

— אַ, דאָס ביסטי, האַ?

דער יינגערמאַן שאָקלט מיטן קאָפּ.

— האָסטי געזעען דעם טריומף פֿין די ציוניסטן?

— יאָ.

— ני, ס׳איז דאָך דיין פֿעלד... ני. דאַרפֿסט דאָך בע־גריסן.

— אַוודאי בעגריסן.

— און „וואַזשנע״ בעגריסן... איך מיין, עס זאָל זיין...

— כ׳פֿערשטיי...

— ני, וואָס זשע זוימסטי, האַ?

דער יינגערמאַן:

— כ׳ווייס... כ׳האָב אַפילו געוואָלט דאָס אַרטיקל שרייבן אין דער היים...

— צי וואָס אין דער היים? אַז די ׳עסט וועלן, נאַרע-לע... אָט דאָ, באַלט...

יינגערמאַן:

— גיט... — גייט צריק דאָרך דער טיהר.

רעדאַקטאָר עטע-טעמע:

— ווי זענען די איבעריקע?

יענער הער גיט אַ קיק איבער דער פערמאַכטער טיהר, אַ בייג אויס די האַנט מיט דער פלאַך אַרויף:

— כ׳ווייס? מסתמה...

עס עפנט זיך די טיהר, עס קימט אַריין אַ ייד מיט אַ צעוואַקסענער באָרד ביז אין גאַרטל און אין גאָלן קאָפּ.

דער רעדאַקטאָר עטע-טעמע:

— האַ, איר טיהט עפּעס?

— וואָס?

רעדאַקטאָר עטע-טעמע:

— איי, ע, טע, טע, טע... איר האָט גאָרנישט געזעען? דער גראָדזיצקער מאַכט חתונה אַן אייניקל. מען זאָגט: עפּעס גאָר-גאָר „וואָזשנע“...

דער ייד מיט דער באָרד, אויך אַביסל קאָרצזיכטיק, ווייניקער ווי דער רעדאַקטאָר, בייגט זיך אויך אַביסל צו ביים אייַנקיקן זיך אין רעדאַקטאָר, מאַכט אַזש פון פנים אַ צע-קנייטשטע פייג, די נאָז פערקוועטשט זיך, ווי זי וואָלט געלעקט ציטרין, בשעת אַרים די אויגן בילדן זיך אָן אַ שיעור פעלבע-לעך, און ער באַמבקעט אינטער:

— בים-בים-בים...

דאָס איז דער טייטש, אַז עס וועקט זיך שוין ביי אים דאָס געהער, און אַז די געדאַנקען ביי אים הייבן זיך שוין אָן...

דער רעדאַקטאָר עטע-טעמע:

— דער מונקאַטשער מיטן ראַדימנער דאַרפן זיך דאָ טרעפן...

דער ייד מיט דער באָרד שאָקלט זיך צו, אינטערזינגענדיק:

— בים, בים, בים...

דאָס איז דער טייטש, אַז איצטער הייבן זיך שוין די געדאַנקען גאָר שטאַרק אָן.

רעדאַקטאָר:

— ני, גייט זשע, באַלעמיטשעט נישט... זעצט אייך דאָרט וויזט אַריין אין די צווייטער שטיב) ביי אַ טישל... מען זאָגט, אַז עס וועט זיין גאָר „וואַזשנע"...

דער ייד מיט דער באָרד גיט זיך אַ קראַץ אויפן מיטן קאָפּ, און בלייבנדיק שטייען מיט די פינגער אויף אים, קעהרט ער צריק אין די פריערדיקע שטיב.

דער רעדאַקטאָר אינטער אים:

— צייט וועלט שטייט, זאָגט מען, איז נאָך אַזוינס נישט געווען. גאָר-גאָר!... (פויזע).

דער רעדאַקטאָר עטע-טעמע, נאָכן פערשווינדן פון דעם:

— און די רעשט ווי זעגען?

יענער הער, אַ קיק געהבנדיק אויף די פערמאַכטע טיהר, בייגט אויס די האַנט מיט דער פלאַך אַרויף:

— כ'ווייס, מסתמה...

די טיהר עפנט זיך, און עס קימט אַריין אַ נידעריקער, אַ קליינער מיט אַ גרויסן קאַרליק-קאָפּ אין אַ נייעם אַנצוג, מיט

בריטליך, שייגעצעוואַט צעשטעלטע פּיס.

רעדאַקטאָר עטע-טעמע:

— ע, וואָס מאַכט איר?

— איך מאַך גאָרנישט...

רעדאַקטאָר עטע-טעמע:

— איר זענט דאָך ייִנגער געוואָרן.

— איך בין אַזוי אויך נישט אַלט.

— ני, וואָס שרייבט איר היינט? ע?

— אָ, איך שרייב גאָרנישט!

רעדאַקטאָר עטע-טעמע שטעלט זיך אויף, גיט זיך אַ גיטן קיק איין, און דערנעהנטערנדיק זיך אויף אַ צוויי טריט:

— אײַ, ס'אַנייער אַנצוג?

— יאָ.

רעדאַקטאָר:

— איר האָט געהערט, ווי ס'האָט זיך היינט פערקאָכט מיט די לינמבערגער געשעענישן?

— פּאַר מייִנעטוועגן זאָלן זיי זיך שמדן, אַלע יידן...

— „שייגעץ,” וואָס רעדסטי? הע, הע, הע... אַ שיין ווערטעלע...

— ס'איז נישט קיין ווערטעלע...

— ני, און מען קען דען אַזוינס פערשווייגן? פּאָגראָמען!

— פּאָגראָמען? נישט מיך... איך האָב די נאַכט פערשפּי-עלט 67 גילדן אין טערטל-מערטל, זענען זיי מיר מער אַ שאָד...

— „שייגעץ”, וואָס רעדסטי?

דער רעדאַקטאָר עטע-טעמע קראַצט זיך אַביסל איננערן אויער:

— האָסט דאָך געוואָלט עפּעס שרייבן...

— אַז איך שרייב נישט.

— ני, ני, ני... די בעסערע לעזער וואַרטן דאָך אויף דיין שטעלונג...

— אַז איך האָב גאָר קיין שטעלונג נישט.

— ני, ני, ני... דער אינטעליגענטער לעזער וויל, אַז די זאָלסט יאָ האָבן אַ שטעלונג...

— אַז איך בין נישט קיין אינטעליגענטנער שרייבער, אַז איך וויל גאָר שרייבן פאַר משהן...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— ני, ני, ני... אויף דערויף זענען דאָ די שלעק..

— וויל איך אויך זיין אַ שלאַק.

רעדאַקטאָר עטע-טעמע, קראַצט זיך אינטערן אויער, אין פערלעגנהייט:

— איר ווילט דאָך, דאַכט זיך, אַ קוויטעלע צי דער קאַסע?

— פינוואַנען ווייסט איר?

— איר האָט דאָך נעכטן פערשפּיעלט ס׳גאַנצע געלט?

— אַז איך וויל נישט שרייבן דריי מאָל אין דער וואָך, אַז איך האָב געניג איינמאָל אויף אַ פּרייטיק.

— ני, ני ני... ע, טע, טע, טע... נאַט אייך אַ קוויטעלע צי דער קאַסע. (ער שרייבט אויף זיין נאָטיצל, רייסט אַרויס אַ בלעטעלע, גיט עס אים, יענער כאַפּט עס, ענטלויפט, דער רעדאַקטאָר שרייט אים נאָך) דער אינטעליגענט וויל הערן דיין שטעלונג צי לעמבערג...

דער רעדאַקטאָר, נאָכדענקענדיק, דרייט זיך איבער צי יענעם הערס טיש:

— ווי זענען די אַנדערע?

יענער הער, איבערקעהרנדיק די האַנט מיט דער פלאַך אַרויף:

— מילא. כ׳ווייס? מסתמא...

עס עפנט זיך די טיהר, עס קימט אריין א פּאָר מאָרדעס אין א שווארצן פראַק, מיט שאַרע, געפּרעסטע הויזן:

— גיט מאָרגן, הער רעדאַקטאָר. ס׳איז דאָ אַ מעשה מיט שדים און מיט אַ סערענאַדע, וואָס שכנים האָבן נעכטן בייגאַכט געהערט זינגען אויף אַ הויף. עס קאָכט שוין אימעטים מיט דער מעשה.

רעדאַקטאָר:

— הע, וואָס?

מאָרדעס:

— מען וואָלט געדאַרפן ציפאָרן מיט אַן אויטאָ, נעמען ידיעות אויפן אָרט...

רעדאַקטאָר:

— כ׳ווייס נישט, כ׳דאַרף זעען בינאָקעלען...

מאָרדעס:

— אַלין בינאָקעלען?

רעדאַקטאָר:

— לאָשאַקל, ס׳איז דאָך שוין נעכטן געווען געדריקט אין אינזער צייטונג... די לעזט גאָרנישט די צייטונג?...

מאָרדעס:

— געווען שוין געדריקט?

ער פערשעהמט זיך, ציהט זיך צריק און פערשווינדט פון וואַנען ער איז געקימען...

רעדאַקטאָר עטע-טעמע צים בעברילטן הערס טיש:

— מען זעהט ווידער נישט קיינעם, —

יענער הער, גיט אַן עפן די פלאַך האַנט:

— מילא, מסתמא...

די טיהר עפנט זיך, עס קימט אריין אַ יינגערמאַנטשיק

אין אַ געהאַקט קאַפּעטקעלע, מיט אַ יידיש היטעלע, מיט אַ קליינער דענקע.

רעדאַקסאָ־ עטע־טע־מע.

— עך, אַ פּאָליטיק פערקאָכט... ע, וואָס מאַכט איר? ברוך הבא!

דאָס געהאַקטע קאַפּעטקעלע:

— נישט קשה. דאַנק.

— איר האָט דאָך שוין עפּעס גאָר לאַנג נישט געשריבן.

— וואָס הייסט לאַנג? פין פרייטיק-נימער אָן...

— איי, דער עולם וויל דאָך נאָך עפּעס הערן פין אייך...

— וואָס דער עולם וויל!...

— אי, וואָס רעדט איר, לאָשאקל... וואָס מיינט איר, דער עולם איז נישט קיין מבין אויף אייער שרייבן... די פּאָליטיק דעם פרייטיק, מיט דער „יאַרמעלקע" און מיטן ענגלענדער, צעגייעט דאָך אין מויל... קען דען אַ ייד האָבן אַן עונג שבת אָן אַזאַ שטי־קעלע, וועגן הלכות דיפּלאָמאַטיע?... אין אַלעקסאַנדערער שטיבל, האָט מען מיר דערציילט, האָבן זיך צוויי יידן איבער אייך גע־פּאַטשט... איר מאַכט אָן מחלוקת, לאָשאַקל...

קאַפּעטקעלע:

— פאַרוואָס?

— איר שטעלט אויף צוויי צדדים — איינעם פאַרן טערק און איינעם פאַר ענגלאַנד...

קאַפּעטקעלע:

— מילא...

— זאָג די מיר, די, לאָשאַקל, מיזט דאָך יאָ וויסן, ווער ס'איז גערעכט, דער טערק, אָדער דער ענגלענדער?..

— פאַר מיינעטוועגן שלאָגן זיי זיך ביידע קאָפּ אָן קישן... ביי מיר איז פּאָליטיקע אַ סוגיה... כ'האָב געענדיקט די סוגיה

— פעו־מאַכט די גמרא... היינט ווייס איך שוין גאָרנישט...

— ני, געם זשע, שרייב עפּעס אָן אויך ווע גן פּילסודס־קעלען...

דאָס קאַפּאָטקעלע דערפּיהלט זיך שטייף:

— ע, דאָס איז שוין אַ שווערע מעשה...

רעדאַקטאָר עטע-טע-מע:

— וואָס?.. ע?.. „גנב יינג". פאַר דיר איז פערהאַנען עפּעס שווערס?..

דאָס קאַפּעטקעלע, פּיהלנדיק זיך געשמייכלט:

— מילא... כ'על מיזן קענען...

רעדאַקטאָר עטע-מעטע-טעטע, קראַצנדיק זיך אינטערן אויער:

— דאָס, פערשטייסטי מיך, מאַכט מען נישט אַזוי פּרע־טענציאָנעל... נאָר לייכט... (בסוד אין אויער אריין) פערשטייסטי מיך — דער צענזאָר... נאָר אַזוי לייכט... מיר זענען חלילה נישט געגן דער רעגירונג, נאָר נישט נעמען קיין שטעלונג געגן איר, כאָטש עפּעס... וועט עס הייסן, אַז מיר נעמען זיך נישט אָן... (בייגט זיך צי, אין אויער אריין), פאַר „משהן"... נאָר, פערשטייסטי מיך, אַזוי לייכט... לייכט... אָט האָסטי דאָרט אין יענער שטיב טינט און פעדער...

דער רעדאַקטאָר עטי-מעטי שטיפּט אים אינטער ביי דער טאַליע מיט גרויס ליעבשאַפט און הפגיולעך אין די צווייטע שטיב אַריין. (קאַפּאַטקעלע אָפּ).

דער רעדאַקטאָר צים בעבריילטנס טיש:

— מען זעהט ווידער נישט קיינעם.

דער בעבריילטער, אויפלייגנדיק די האַנט מיט דער פלאַך:

— מאַ, מסתמה...

עס עפנט זיך די טיהר. עס קימט אַריין אַ יינג אין אַ

רויטן קראַוואַט, מיט אַ שוואַרצער נאַפּקע, און די הענט אין די-
הויזן-טאַשן:
— מען זאָגט, אַז אין ציוניזם טיהט זיך, אַ שרעק!..
דער רעדאַקטאָר, איינקנייטשנדיק די אויגן, זיך גיט איינ-
קיקנדיק און ציגעגעהנענדיק:
— יאָ, וואָס „שייגעץ" איינער... (מאַכט אַ בעוועגונג,
מכלאמערשט צי געהבן אים אַ שנעל אין דער נאָז אריין) וואָס
טיהט זיך?...
— עס גייט אַ שטאַרקע קאָמפּאַניע ערשט צי דער
„אגענך"...
דער רעדאַקטאָר:
— וואָס, געגן?
— אַן אַגיטאַציע! אַ צעשמעטערנדיקע.
— און וואָס זאָגט די צייטונג דער „קאָנגרעס היט"? „דער
צילענדער", מיין איך?...
יינג מיט דער נאַפּקע:
— אָט דאָס טאַקי איז דאָך איר אַרבעט.
— און וואָס פאַר אַ שטעלונג זאָלן מיר אָנעמען? מיר
טאָרן דאָך נישט זאָגן דאָס זעלבע, וואָס יענע צייטונג...
— ס'איז דאָ אַן עצה: וואָס יענע זאָגט — זאָגן מיר
נאָך שטאַרקער, אַזוי, אַז ס'זאָל הייסן: נישט יענע, נאָר מיר
זאָגן...
רעדאַקטאָר עטי-מעטי-פּעטי, מיט אַן אויסדריקליך געלעכ-
טערל אויפן פּנים:
— הע, הע, „שייגעץ"! (וויל אים מכלאמערשט געבן אַ
שנעל אין דער נאָז אריין.ביידע צעלאַכן זיך)
(פּויזע)
רעדאַקטאָר:

— און וואָס זאָגט די גאַס? ווי איז איר שטימונג?

— פערשיידן, מען קען נישט זאָגן, אַז די גאַס איז אויך אין אַ געגן שטימונג צו דער „יידישער אַגענץ".

— ניין?

— ניין.

— זיכער?

— זיכער.

רעדאַקטאָר עטי פייטי, קראַצט זיך אינטערן אויער:

— ני, מיר וועלן נאָך האָבן וועגן דעם ענין אַ רעדאַק-ציע-זיצונג. מיר זאָגן נאָך דערווייל גאָרנישט... אָפּלייגן, דער-ווייל שווייגן...

דער יינג מיטן קראַוואַט, האַלב אין אויער פון רעדאַק-טאָר:

— רעדאַקטאָר, אַ קוויטעלע...

— „לאָבוס" יינג. האָסט דאָך שוין די וואָך ביי מיר גע-נומען אַ סך קוויטעלעך...

— ניין, עס דאַכט זיך אייך נאָר...

רעדאַקטאָר שרייבט אין נאָטיצל, רייסט אַרויס אַ בלעטל, גיט אים, יענער שפּרינגט אַרויס דאָרך די טיהר.

רעדאַקטאָר עטי-פּעטי, קיקט צום בעברילטנס טיש:

— מען זעהט נישט און מען הערט נישט קיינעם.

דער בעברילטער, אויפמאַכנדיק די האַנט-פלאַך:

— מאַ...

עס עפנט זיך די טיהר, עס קומט אַריין אַ מאַנספּערשוין, מיט אַ ווייבעריש ליכטיקער גלאַטיקייט אויפן מאַנספּאַרשוינישן פּנים, וואָס וואָלט אפילו נישט געווען מאַנספּערשויניש, ווען נישט די נאָז איז אַ לאַנגע, און די פּאַסמעס האָר, וואָס זע-נען שוואַרץ, שיטן זיך אים נישט איבערן שטערן אַראָפּ, וואָס

דאָס גיט אים צי אַן אויסערליכע אינטעליגענץ און אַן אינער־ליכע בתולה־ריאיקייט; ווי די בתולה, וואָס ווייסט, אַז זי איז אַ מיידל, אַזוי ווייסט ער, אַז ער איז אַן „אינטעליגענט"...

רעדאַקטאָר טע־טע:

— אָט גייט אינזער שלימזלניק. ני, וואָס מאַכט איר „שלימזלע", האַ?

— כ'מאַך אַ ליטעראַטשע זייט צים פרייטיק־נימער.

— ני, גיט זיך אייך איין?

— כ'בענק דאָס גאַנצע לעהבן נאָך אויסדריק...

רעדאַקטאָר עטי־פעטי־מעטי־עטי:

— איי, איי, איי, דאָס איז גיט!.. אָט אַזוי דאַרף טאַקי זיין... מען דאַרף דאָס גאַנצע לעהבן בענקען נאָך אויסדריק. דער קינסטלער בלייבט אַלץ נישט ציפרידן — נאָך נישט דערגאַנגען צי זיך... ער בענקט, ער בענקט... אַ רבי, דערציילט מען, האָט געהאַט זיך אויסגעריפן, אַז די תורה איז אַזוי טיעף, אַז ער האַלט ערשט ביי דער אַלף... געהטען איז אָנגעקימען מיט גרינע ווערם יעדער פאַסנדער אויסדריק. אויף איין וואָרט איז ער געהאַט געשטאַנען איינמאָל אַ האַלב יאָר. ני, טיהט זשע שלימזלע, טיהט, אַז עס זאָל נישט פערשפעטיקן צים נימער...

דער מאַנספערשוין מיטן אינטעליגענטישן טשיפּרינעלע און דער ווייבעריש ליכטיקער גלאַטיקייט אויפן מאַנספערשויניש פנים:

— יאָ, איך גיי שוין טאַקי. (אָפּ).

רעדאַקטאָר טע־טע, צים טיש פין הער אין די ברילן:

— און נישטאָ קיינער...

יענער, אַרויפקעהרנדיק די האַנט־פלאַך:

— מאַ, מסתמה...

עס עפנט זיך די טיהר און, אַ הויכער, אַ ברייטער, אין

אַ העלן סאַק מיט אויסלענדישע ברייטע נעהט איבער די אַקס־לען, ברייטע דרויסן־ציגענייהטע קעשענעס ביי די זייטן, ווי צוויי פלעץ, — שוואַרצע אויגן, אַ לאַנג פּנים, אַ לאַנגע נאָז און אַ שפּיציק שוואַרץ לאַפּאַטע־בערדל, אויפן קיק אַן אינזשע־נער, אָדער אַ קאַליפאָרנער גאָלד־שמוגלער ביי די גרובנס, שטייט שטייף, שטאָל, דאָס פּנים וויל צווינגען צו גלייבן, אַז אויף דער „מצבה" איז ער נישט קשה...

רעדאַקטאָר עטי־מעטי:

— אָ, אָט איז אינזער משורר... ווי פערברענגט איר דאָ הי? האָט איר אַ גיטע מיינונג וועגן אינזער שטעטעלע?

פּאָעט, מיט אַ רוסיש האַרטן אַקצענט:

— „פּאַלאָזשים"...

רעדאַקטאָר טעטי־מע:

— יאָ, גיט?

— נישטקשה... בעסער ווי אַמאָל...

— און ווי געפעלט אייך אַזוי אין אַלגעמיין?..

— יאָ, גאַנץ גיט...

— טע, טע, טע... אַ קלייניקייט... פערשטייט איר... אין דער צייט פין פּראָגרעס...

— געוויס, געוויס.

— איר ווייסט, אייערע אַרטיקלען, וואָס איר האָט אינז צוגעשיקט, האָבן מיר דאָך נישט געקענט דריקן צוליעב טייער־קייט. נאָר אַז איר זענט שוין דאָ, וועלן מיר אַוודאי דאָרכקימען. האָט איר נישט אַקטועלס? כ'מיין, יענע זענען דאָך שוין אַלט...

— און דער ראָמאַן „דעם פּעטערס פּידזשאַמע?"

יאָ, „דעם פּעטערס פּידזשאַמע"...

פּאָעט, נעמט אים אַראָפּ אַ פּעהדערל פין אַקסל:

— ני גיט, זאָל זיין דער ראָמאַן.

רעדאַקטאָר עטי-פעטי, זיך קראַצנדיק אינטערן אויער:

— אַי, אַי, כ׳האָב אַ וויכטיק שטאָף פאַר אַ דיכטער... איר וועט טאַקי גייען זעען די אביונישקייט דאָ הי׳...

פּאָעט (גרויס):

— איך?!

רעדאַקטאָר:

— אַביסעלע פּאָפּולאַריטעט, פערשטייט איר מיך... די אביונישקייט זעהט, אַז מען אינטערעסירט זיך דאָ אין דער צייטונג מיט איר...

— איך?

— ני, יאָ...

— ני, ני (פּויזע)...

רעדאַקטאָר:

— איר זענט דאָך עפּעס גאָר אַ בעל-תּאווהניק... איר ווילט דאָך נאָר נגדים... איר קימט אויס בערלין...

פּאָעט בערלינער דיכטער:

— צי וואָס-זשע דאַרף מען גייען? כ׳וועל אָנשרייבן אין דער היים און ברענגען אייך.

רעדאַקטאָר:

— וואָס וועט איר שרייבן?

פּאָעט בערלינער דיכטער:

— געזעען דריי שוועסטערן מיט אָ מיטער אַן אַלמנה, די מיט אַ קיישל גרינס און, די מיידלעך זענען בוגרת׳עס און וואַרטן אייף חתנים... און קיין שייטל האָלץ איז נישטאָ אין שטיב, און אָט דאָס וועל איך אייך ברענגען...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— ניין, ניין, ניין, מען דאַרף אָפּפאָטאָגראַפירן אויך...

— ני, קריגט מען אין די געוועלבלעך די קאַרטעס, מיט אַ קאַץ, וואָס ליגט אויף אַ קוימען, וועט מען ציגעהבן דאָס, אַלס פאָטאָגראַפּיע פין יענער אביונישקייט, ווי די קאַץ ליגט אויפן קוימען...

— איי, זענט איר אַ „שווינדלער"... וואָס אַרט עס אייך, אַז עס וועט טאַקי זיין אַ ריכטיקע פאָטאָגראַפּיע? איר וועט טאַקי גייען און טאַקי נאָך איינער פין הינען, זאָלן זיי זעען, די אָרעמע, אַז די רעדאַקציע איז זייער פריינט... באַלד וועט עס דאַרט די געגנט וויסן... און נאָר אַזוי איז גיט... איז גיט...

בערלינער דיכטער:

— ני, איך וואָלט גאָרנישט געהאַט דאַגעגן. נאָר דאָס טיהט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער... האָב איך דאָך אָבער גישט דעם כבוד צי געהערן צי דער פעסטער משפחה פין הינען...

— אַ, ני זאָגט שוין, ני זאָגט שוין: צי נעמען אַ שטענ-דיקע פענסיע... אַ, אַ... (קראַצט זיך אינטערן אויער) מילא, עמיר נאָך רעדן...

בערלינער דיכטער גיט אים דערוויל פלינק אַ שטיפּ אַריין זיין פאָטאָגראַפּיע אין די האַנט:

— גיט דערוויל דאָס מאָרגן... מיט אַ פּאָר ווערטער... (געזעגנט זיך איינצייטיק, אויך אַזוי פלינק, גליטשט זיך אַרויס דאָרך דער טיהר, פערמאַכנדיק זי נאָך זיך).

רעדאַקטאָר עטי-פעטי בלייבט שטייען ווי אַ בעמאַכטער, קראַצט זיך, אינטערן אויער:

— איי, איי, אַ געממזרטער ייגג... אַזעלכע יינגען דאַרף טאַקי די רעדאַקציע צי האָבן... ער וועט גייען... ער וועט זיין אַ לייט... (קיקט זיך אים צים טיש, ווי עס זיצט דער הער אין

די ברילן.) אַ, ס'איז ווידער נישטאָ קיינער...

יענער הער, דעקט אויף די האַנט-פּלאַך:

— מילא, מסתמה...

עס עפנט זיך די טיהר, אויף דער שוועל בלייבט שטייען אַ יינגע פרוי אין אַ פרימען, שוואַרצן טראַכט, עס פעהלן איר נאָר שוואַרצע פאַטשערקעס און אַ מעשן, געהל צלמל אויף דער האַנט אַרימגעוויקלט, אַז זי זאָל אויסזעען, ווי אַ מאָ-נאַכין.

רעדאַקטאָר עטי פעטי:

— ע—ע—ע! וואָס מאַכסטי עפּעס, ווייבעלע? ווי גייט עס עפּעס צי מיט דיין ליכט-בענטשן? קים אַריין אַביסעלע.

די פרוי אין טראַכט קימט אַריין:

— איך בענטש דען עפּעס ליכט?

— אָבער דיין רובריק, מיין איך, דיין רובריק, ווי די לערנסט די ווייבלעך ליכט-בענטשן... זאָג מיר, ווייבעלע, ווי לאַנג ביסטו שוין הי?

— צוויי יאָר מיט זיבן מאָנאַטן.

— ני, און אַ מאַן?..

— איך דאַרף אים נישט דאָ הי.

רעדאַקטאָר קראַצט זיך אינטערן אויער:

— ני, און דאָס קען נישט שאַדטן צים באַמען?..

— איך האָב מיר מיין שטיבל, ווער קיקט מיר דען אַריין.. אויף וויפיל איך דאַרף זיין פרים, בין איך, און אויף וויפיל איך דאַרף נישט זיין פרים, בין איך נישט...

רעדאַקטאָר:

— יאָ, יאָ, נאָר פרים... ס'איז דאָך דיין פרעסטיזש... שרייב אָן עפּעס אַן אַרטיקעלע וועגן די אמהות... און בכלל וועגן רחלען, עס גייט צי שבת נחמו, ווי זי קימט פאַר גאָט.

די ווייסט דאָך, מיט דער טענה, פאַרוואָס ער האָט אירע קינ־דערלעך פערטריבן...

— איך וועל אָנשרייבן.

רעדאַקטאָר עטי־פייטי:

— און מיט נאָך מעער טענה ווי אין די ספרים. גיט צי נאָך איין שאלה: „מיינע קינדער, וואָס פאַר אַ רעכט האָסטי צי טשעפּן?.. מיינע... נישט די האָסט אויף זיי בליט פערגאָסן...“ און דערנאָך זאָל די מיטער רחל אַרויס מיטן גאַנצן מענה־לשון צי גאָט ברוך הוא, אַזוי ווי אַ יידענע קען... און נאָך אַ מיטער דערצי: „שוין זאָלסטי מיר גייען אויסלייזן מיינע קינדערלעך“... די העערסט, ווייבעלע, אָט אַזוי זאָל־סטי שרייבן... און אויף דיר וועט קיינער נישע זאָגן, אַז די האָסט נישט קיין רעכט דערצי, ווייל די ביסט אויך אַ פרוי און פיהלסט אויך די ווייטיק פין דער מיטער רחל... אַז די וועסט אַזוי שרייבן, וועט די גאַס אויפשטעלן מויל און אויערן... אָט ווי אַזוי מען דאַרף זיך אָנעמען פאַר כלל ישראל, פאַר די יידי־שע קינדערלעך, נעבעך, וואָס זענען פערטריבן געוואָרן אין גלות... די העערסט, וואָרן די גרעסטע שיך דאַרפן יידעלעך פיהלן אין אינזער צייטונג... נאָר מיר צעקלאַפּן זיך דעם גאַנצן שטערן פאַר זיי... אויסער אינזער צייטונג. איז נישטאָ און עס וועט נישט זיין ווער עס זאָל זיי בעשיצן... אינזער צייטונג דאַרף טאָג מיט נאַכט זען צי חאָרוען פאַר יידעלעכס ווענן... דאַדאָרך שרייב זשע אַזוי...

ווייבעלע:

— יאָ, יאָ...

רעדאַקטאָר גיט איר אַ קניפּ אין בעקל. דאָס ווייבעלע דרייט זיך אַרויס:

— האָט־זשע מיר אַ גיטן טאָג.

— אַ גיט יאָר, גיי מיר געזינטערהייט.

רעדאַקטאָר, דערזעהט זיך אַליין, צים טיש פון הער אין די ברילן:

— ני, ס׳איז נישטאָ קיינער.

דער הער, איבערדרייענדיק די האַנט-פלאַך:

— מאַ, מסתמה...

עס עפנט זיך די טיר, עס קימט אַריין דער ייד מיט דער באָרד, טראָגט עטליכע לאַנגע פאַפיר-לאָקשלעך פערשריבענע, זיי ציטערן נאָך, ווי פריש געשאָכטענע, ער טראָגט זיי מיט די פינגער ביי די אויבערשטע שפיצן.

רעדאַקטאָר:

— שוין אָנגעשריבן דאָס אַרטיקעלע?

— יאָ.

— איצטער שרייבט נאָך אָן אויף שבת...

— כ׳וועל אָנשרייבן.

— וועגן בעל שם...

— יאָ (פערקנייטשט שטאַרק דאָס פנים). אַי, כ׳האָב געוואָלט שרייבן וועגן ר׳ נחמן בראַצלאַווער...

רעדאַקטאָר:

— צו וואָס, וואָס דאַרפט איר עס נייטיק אין טאָפּ אַריין...

דער ייד קראַצט זיך אינטער דער באָרד, דער רעדאַקטאָר קראַצט זיך דעסגלייכן אינטערן אויער.

קאַפּיטל פינף

ס׳איז נאָך מיטאָג, צווישן 5—6. דער רעדאַקטאָר און דער סעקרעטעער, אָדער וויצע-רעדאַקטאָר, זיצן אין דער זעלבער רעדאַקציע-שטיב.

סעקרעטעער:

— איר האָט היינט גאָר שטאַרק אַריינגעאַרבעט אין צו-נויפנעמען מאַטעריאַלן. ווי וועט דאָס קענען אַריין ?.. איך האָב שוין ציפיל, איבערפלים (הייבט אויף אַ פּאַק בריוו-פּאַפּירן, איינ-געקלעמט ביי די שפּיצן אין אַ קלאַמערקע, אין דער פאָרם פין אַ הענטל) אָט, אַזאַ פּאַק בריוו פין חברות, אַקטועלס, אַלע בעהטן אויף מאָרגן.

רעדאַקטאָר עטי-פּייטי:

— ע, וואָס איז דאָרט ?..

סעקרעטעער:

— דאָס איז אַ חברה קאַפּעלוש-מאַכער. זיי האָבן אויס-געקליבן אַ נייעם קאָמיטעט...

רעדאַקטאָר עטי-פּייטי:

— ני, גיט... וועלן לעהזן אַ פּאָר הינדערט פּעראינטערע-פירטע פין דער חברה אינזער צייטונג...

סעקרעטעער:

— און דאָס איז די חברה פידעלע מאַכער — אַדאָרכ-פיהרן אַ בעשטייערונג פין די מיטגלידער, פאַר די מיטגלידער, וואָס גייען אין די הייזער...

רעדאַקטאָר עטי-פייטי:

— נישט גיט... קיינער וועט נישט לעהזן... וואָס עפּעס בעשטייערונג?..

סעקרעטעער:

— נישט דריקן?

רעדאַקטאָר:

— ניין. (סעקרעטעער לייגט אַוועק אָן אַ זייט דעם בריעף).

סעקרעטעער:

— און די... די גענזלער בעהטן די מיטגלידער אויף אַ פערזאַמלונג צילייב זייער ניי געגרינדעטן קאָנסאָרציום, וואָס שטעלט זיך אָן אויפגאַבע ציצישטעלן פעטע, ביליקע גענז פאַרן היעגן מאַרק.

רעדאַקטאָר עטי-פייטי:

— פאַרן היעגן עולם... גיט... דאָס וועט מען לעהזן... נאָר גיב צי דאָס וואָרט שוועהרע... דער עולם האָט ליעב שוועהרע גענז...

— און איצט האָב איך עפעס אַ מעשה מיט שדים...

רעדאַקטאָר צעשמייכלט זיך:

— בינאָקעלע... (פערטראַכט)ני, דאָס קען אָפּגעלייגט ווערן אויף מאָרגן...

סעקרעטעער:

— דערווייל קען די סענסאַציע די אַנדערע צייטונג ברענגען...

רעדאַקטאָר:

— ע, ס׳זענען דאָך בינאָקעלעס שדים...

— און דאָ האָב איך אַ בריעף דערהאַלטן פין אַן אַמערי־קאַנער גרויסן ראָמאַניסט פין וועג, אפאטייטעס טאַנצנקלאַפּער, אַז ער קימט היינט אַכט מיט דרייסיק צי פאָרן פין בערלין.

רעדאַקטאָר:

— אָט דאָ דאַרף מען אַ קבלת פנים.

עס עפנט זיך די טיהר, אַ הער אין אַ צילענדער, א טעקט פאָרזיכטיק אַריין דעם קאָפּ, גליטשט זיך שטיליטשקערהייט אַריין, פערמאַכנדיק די טיהר נאָך זיך. נעמט אַראָפּ דעם צילענדער, לייגט אים אויף אַ שטיהל.

סעקרעטעער:

— וואָס האָט איר געוואָלט?

פרעמדער הער:

— אַ חוב בין איך שילדיג.

סעקרעטעער:

— ביי דער קאַסע פיליכט?

פרעמדער הער:

— ניין, דעם רעדאַקטאָר.

רעדאַקטאָר עטי־פייטי:

— ביטע, זיצט.

פרעמדער הער:

— דאַנק. (זיצט) וויפיל מאָל איך האָב מיך שוין געקליבן צין אייך...

רעדאַקטאָר עטי־פייטי:

— ני, ני...

פרעמדער הער:

— נאָר היינט, נאָך אייער היינטיקן אַרטיקעלע וועגן די ספּעציעס אין מיין קימפּעטאָרין־אַנשטאַלט, מיז איך מיר שוין קויפן

אַ שטיקעלע ערלויבעניש אויף טויטן...

רעדאַקטאָר:

— וויפיל טויטן טרעפן ביי אייך אַ יאָר?

פרעמדער הער:

— ביז היינט, כמעט גאָרנישט... נאָר אינגאַנצן גאָרנישט טויג דאָך אויך נישט... וויל איך אָפזאָגן דעם אָנגעשטעלטן דאָקטאָר און, דאָס געלט, בעסער, אויסגעהבן ביי דער רעדאַקציע אויף אַן ערלויבעניש אויף טויטן...

רעדאַקטאָר:

— דאָס וועט אייך קאָסטן פירהינדערט זלאָטעס אַ חודש אַנאָנסן...

פרעמדער הער:

— איך דאַרף נישט אַזויפיל...

רעדאַקטאָר:

— אויף וויפיל טויטן ווילט איר?

פרעמדער הער:

— נישט מער, ווי צוועלף אַ יאָר.

רעדאַקטאָר:

— דאָס איז אַביסעלע צו ווייניק... מיר פערקויפן די אַנדערע קימפעטאָרינס־ נשמאַלטן, צו 36 אַ יאָר, צו 24, צו 18.

פרעמדער הער:

— איך וויל נאָר פערטע קאַטעגאָריע...

רעדאַדטאָר עטי־פייטי:

— איר וועט אַזוי גיט זיין זיך ווענדן דאָרט אין דער צווייטער שטיב, צו דעם אַנאָנסן־אַגענט...

פרעמדער הער:

— מיט אים וועל איך שוין דאָרכקימען?

רעדאַקטאָר עמי־פּייטי:

— וואַרשיינליך... יאָ.

פּרעמדער הער:

— דאַנק... (שטייט אויף. אָפּ).

רעדאַקטאָר:

— וואָס זשע דאַרף מען טיען? (קראַצנדיק זיך אינטערן אויער) אַרויספאָרן צים באַהן־הויף, אַ קבלת פּנים פין עטליכע רעדאַקציע מיטגלידער.

סעקרעטעער:

— איך מיין אויך אזוי...

— אַ, די זאָגסט אויך... די צייטונג וועט אַביסעלע בע־לעהבט ווערן?..

סעקרעטעער:

יאָ...

רעדאַקטאָר:

— עסט דיך פערשטענדיקן מיט עטליכע חברות, אז זיי זאָלן מאָרגן שיקן דעלעגאַציעס?..

סעקרעטעער:

— יאָ, פאַרוואָס דאָס נישט...

רעדאַקטאָר:

— ני, שוין, גיט..

מען קלאַפּט אָן, עס קימט אַריין דער זעלבער פּרעמדער הער, איצט שוין מיט זיין ווייב, אין אַ זיידענעם שאַל, היט אויפן קאָפּ, געפיהרט פין אים אינטערן אָרעם.

פּרעמדער הער, מיטן צילינדער אין דער האַנט:

— אָט דאָס, הער רעדאַקטאָר, איז מיין פרוי.

רעדאַקטאָר:

— זעער אָנגענעם.

פרעמדער הער:

— איבעטער וויל איך אייך בעהטן, צילייעב דעם ארטיקע־לע איבער מיין אנשטאלט, געהבן א קליין הכחשהלע. אז: „צי־ליעב א פערדריסליכן טעות״... אט אזוי, אזוי ווי די אלע „פער־דריסליכע טעותים,״ וואס פאלן אריין אין אייער צייטונג... און אזוי ווייטער... ווארן מיין ווייב וויל מיר נישט גלייבן, אז עס וועט שוין זיין דערליידיקט...

רעדאקטאר עטי־פייטי:

— יא, יא...

פרעמדער הער, צים ווייב:

— העערסטי? גלייבסטי שוין?.. (צים רעדאקטאר) איצ־טער: די טויטעלעך, וואס כ׳האב געקויפט ביי אייך, דארפן האבן א דאקטארל, גלאט אזוי לפנים... צי האט איר נישט אזא מענטשעלע?.. ווארן יענעם זאג איך אפ...

רעדאקטאר עטי־פייטי:

— אפשר, בינאקעלע...

פרעמדער הער:

— זאל זיין... אבי די קימפעטארינס זאלן זעען, אז ס׳איז דא... זיך נאר וויזן, בלויז, אין דער סאליע, אויף א מיניט, צוויי...

רעדאקטאר עטי־פייטי:

— אבער זעהט אייך מיט אים פריער...

פרעמדער הער:

— גיט... (פערנייגט זיך מיט דער פרוי) א גיטע נאכט. (ביידע אפ געארעמט).

סעקרעטעער:

— וויפיל א שטייגער וואלטן מים געקענט שפענדן אויף פאראד לכבוד דעם ראמאניסט טאצנקלאפער?

רעדאַקטאָר:

— וואָס עפּעס טאַצנקלאַפּער, טאַצנקלאַפּער... ווי עמפּ־פינדט איר דאָס?

סעקרעטעער:

— ניי, ער מיז דאָך נישט הייסן אַזוי...

רעדאַקטאָר:

— מיר קענען דעם ראָמאַניסט אפּאַטייטעס איינאָרדענען אַ באַנקעט...

סעקרעטעער:

— איך מיין אויך... און דער שטייפּער דיכטער, וואָס איז דאָ היינט געווען, איז נישט קיין אַטראַקציע פאַר אינז... אָט דעם ראָמאַניסט צי בעווענן, אַז ער זאָל בעזיכן די אביו־נישקייט...

רעדאַקטאָר:

— געוויס, געוויס.

אַ קלאַפּ אין די טיהר. עס קימט אַריין אַ העַר אין בי־באָקלען. נעמט אַראָפּ דעם היט, פערנייגט זיך.

דער הער:

— שטער איך נישט?

רעדאַקטאָר עטי־פּייטי:

— אָ, הער דירעקטאָר (שטייט אויף, בעגריסן זיך מיט די הענט) זיצט...

דירעקטאָר, גיט די האַנט אויך דעם סעקרעטעער, זעצט זיך:

— פערשטייט איר מיך, אַז פערביפאָרנדיק, האָב איך גע־הייסן שטייען דעם אויטאָ, — ווי טרעהט מען נישט אָפּ זעען, וואָס דער אַלטיטשקער מאַכט...

רעדאַקטאָר עטי־פּייטי:

— אָ, יאָ... יאָ, יאָ... וואָס זשע מאַכט איר?

דירעקטאָר:

— טעאַטער...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— ני, איז וואָס זשע?.. האָט איר עפּעס געוואָלט?..

דירעקטאָר:

— עפּעס אַ שטיקעלע געשעפטעלע... זעען דעם רעצענזענט... דעם כראָניקער... עפּעט ווילן זיי, אַז זייערע ווייבער זאָלן שפּילן טעאַטער מיט מיין פּערזאָנאַל...

רעדאַקטאָר עטי-פּייטי:

— ני?..

דירעקטאָר

— כ׳האָב עפּעס שטיקעלעך ראָלעלעך פאַר זיי... דעם רעצענזענטס ווייב וויל אַ ראָלע מיט טאַנצן... זי האָט אַפילו אַ ביסעלע ציי דיקליכע פיסלעך... וואָס הייסט פיסלעך... טאַקי „פיסלעך”... נאָר ווען מען קען דאָס שאַדטן, ווי באַלד די פיסלעך זענען נישט אַזוי... מילא, זיי זענען פערקראָכן אויך מיט האָר... אָבער דערצי איז דאָ אַן עצה, זי ווייזט זיי נישט בלויז... כאָטש אַ פיס דאַרף זיין נאַקעט... און ווייטער, וואָס ער איז נישט דין... ווען מען שאַדט דאָס? ס׳איז אָבער ערגער, וואָס די פיגור איז עפּעס אַזוי... פערשטייט איר מיך... נאָר ס׳שאַדט נישט... דעם כראָניקערס ווייב איז אויך גאַנץ גיט, נישט פּראָפאָריציאָנעל אַפילו... נאָר ס׳שאַדט נישט... הכלל, פיהרט מיך מיט זיי ציזאַמען... זיי מאַכן דאָך מיט מיר אַ שטרייק... זיי ווילן דאָך נישט דערמאָנען מיין טעאַטער, נישט צים גיטן, נישט צים שלעכטן... גאָרנישט, געשטאָרבן...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— אָ, וואַ...

דירעקטאָר:

— יאָ... געשטאָרבן!.. זאָג איך צו זיי: קינדערלעך, קיין שלעכטס ווילט איר דאָך מיר נישט טאָן, איר ווילט נאָר בלויז, אַז אייערע ווייבער זאָלן שפּילן יידיש טעאַטער... טאָ, לאָמיר איבערהאַנדלען...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי, צום סעקרעטער:

— גייט, רופט זיי אַריין. (סעקרעטער אָפּ).

דירעקטאָר:

— איך האָב דען געלעבט ווען מיט זיי שלעכט?.. צווישן אונז געשמועסט: וואָס בין איך אַזאַ רעאַקציאָנער... איך וויל אַליין איינשליסן די יידישע קולטור. זאָלן נאָך אַנדערע לעבן...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— אָט, קומען זיי שוין...

עס קומען אַריין דער סעקרעטער מיטן כראָניקער.

כראָניקער:

— אַ, קום מען זעהט אַ מענטש... (באַגריסט דעם דירעקטאָר קאָרץ) קומט אַריין דאָרט אַהין...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— יאָ, יאָ... (באַגלייט זיי ביידע פון דער טיר אַרויס). איר וועט דאָך נאָך דאָ אָפּטרעטן?

דירעקטאָר:

— מסתמא... (דירעקטאָר און כראָניקער אָפּ).

רעדאַקטאָר עטי פּייטי, צום סעקרעטער:

— גייט, שטעלט צונויף עטליכע שענערע רעדאַקציע-מיטגלידער, ווי עס פּאַסט פאַרן כבוד פון יידישער קולטור, אויף צו באַגעגענען דעם גרויסן שרייבער און דעם זייער חשובן גאַסט, דעם באַליבטן און שטאַרק פּאָפּולערן ראָמאַניסט, די אָפּאָטייטעס פון אַמעריקע.

א קלאַפּ אין טיהר. עס קימט אַריין דער דעפּעשן־טרעגער:

— טעלעגראַמע! (דערלאַנגט זי דעם רעדאַקטאָר. סעקרעטער שרייבט אינטער דאָס דערהאַלטן).

רעדאַקטאָר עפנט, לייענט:

— „אויף דער זייט גרעניץ, אַכט אָוונט אין אָרט... אפּאַטייטעס”. (דעפּעשן־טרעגער אָפּ).

רעדאַקטאָר:

— יאָ, מע זאָל אים בעגעגענען... ער פערשטייט...

סעקרעטער:

— איך גיי ציגויפשטעלן (אָפּ).

רעדאַקטאָר בלייבט אַליין מיט דער טעלעגראַמע אין דער האַנט. צי זיך פערטראַכט:

— ׳עט בינאָקעלע זיין אויפן פּלאַץ, צי נעמען דעם ערשטן אי־נטערוויו... דער עיקר וועגן גיטע בשורות, וואָס ער ברענגט פאַר יידן?.. (נעמט אַרויס דעם זייגער, קיקט ווי שפּעהט).

רבקהלע פיינגאָלד, פאַרן שפּיגל אין דער עם־שמיב:

— ס׳איז אַביסעלע אימעדיקליך נאָך דער בעל ביתטעס אַרויספאָרן! נאָר דערפאַר בין איך אַליין בעל ביתטע... (קיקט זיך אַרים איבער די שטיב) אָט, דאָ וועל איך אים זעצן, אָדער דאָ וועל איך אים זעצן, אָדער דאָ... און ווי כ׳וועל נאָר וועלן. זאָל „ער” נאָר קימען... (גייט צי צים שפּיגל, צים אייגענעם שפּיגל־געשטאַלט) און די זאָלסט נישט אויסזאָגן פאַר דער בעל־

ביתטע ווער ס׳איז דאָ געווען... און הער: די ביסט דאָך עפּעס די קליגערע רבקהלע, נישט די נאַרישע... זאָלסטי מיר געהבן אַ ווינק, אַטאָמער וועל איך עפּעס וועלן טיען מיטן יינג אַזוינס, וואָס מען דאַרף נישט... ניין!.. — זאָלסטי געהבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ...

קאפיטל זעקס

ביינאכט. רבקהלע פייגאָלד און מיסטער בינאָקל ביי שאול ראפאלאָוויטשן אין די ליידיקע שטיבן. עס איז געבעט רבקהלע פיינגאָלדס נעלעגער, היינט נישט אין קיך הינטערן שפאַנישן ווענטל, נאָר אין דער עס-שטיב, אויף דער ברייטער קאַנאַפּע.

דער גאַז ברענט ליכטיק איבערן טיש, אויפן טיש שטייען נאָך רעשטלעך פין עסנוואַרק, פין שפּראָטן, סערדין און געווענזלט פלייש; אַ ליידיק פלעשל פין ליקער, האַלבע, נישט דערטרינקענע גלעזער טיי, אַ קליינער סיפאָן וואַסער, פּאַפּיראָסן, צעשניטענע איבערגעלאָזטע עפּל און שאָלן פין פּאָמעראַנצן. דאָס אַלץ ליגט אין אימאָרדענונג אויף טעלערס.

מיסטער בינאָקל זיצט אויף אַ שטיהל ביים אָפענעם פענסטער, האַלט פערלייגט אַ פיס אויף אַ פיס, און בלאָזט רויך פין אַ פּאַפּיראָס, ברייטלין, איבערן קאָפּ.

רבקהלע פיינגאָלד זיצט אין עק פין דער קאַנאַפּע. ווי דאָס געלעגער איז. מען זעהט, אַז זי וויל זיך אויסטיען די שיך, נאָר זי איז פויל און מיעד דעם פיס אויפציהייבן, און דעם קאָפּ האַלט זי ווי פערשלאָפן, די אייגלעך מאַכן זיך צי, און זי קיקט דאָרך שפעלטלעך ברעהמען אויף מיסטער בינאָקלען.

רבקהלע צי בינאָקלען:

— אירווילט, זיצט נאָך, איך בין פויל ערשט ציציגייען,

אַפילו דעם גאַז אויסלעשן, דער ליקער האָט מיך געמאַכט אַביסל שכורליך און דער קאָפּ פאַלט מיר אַנידער...

מיסטער בינאָקל:

— איר קענט שלאָפן, שטערט אייך ניט. איך בין אויך שכורליך און איך וויל נאָך זיצן ביים פענסטער. פערלעשן אייך דעם גאַז, איר ווילט זיך דאָך אויסטיען?

רבקהלע פיינגאָלד:

— יאָ.

מיסטער בינאָקל, ווען ער שטייט אויף, דערלאַנגט פון אָרט, ווי ער שטייט, מיט דער האַנט צום גאַז און עס ציהט זיך אים אַרויף צוזאַמען מיט דער האַנט דער פראַק איבערן קראַגן, זעהט מען, ווי פון הינטן, אינטערן פראַק, הענגט אפּעער אַ טאָרבעלע, וואָס שווערט אים אַראָפּ און בימבלט זיך, פּינקט ווי דאָרטן וואָלטן געלעגן דראָבנע שטיינדלעך. ער פערלעשט דעם גאַז, זעצט זיך צוריק אויף זיין אָרט, ווי דער קאָפּ זיינער זעהט זיך דאָרך דער שאַרער נאַכט אין אָפענעם פענסטער.

מיסטער בינאָקל:

— רבקהלע, איר שלאָפט שוין?

— יאָ, כ'האָב מיך שוין געלייגט.

עס טיהט אַ קלאַפּ אַ שטיינדעלע אויף דער וואַנט.

רבקהלע:

— אוי, וואָס איז דאָס?

מיסטער בינאָקל:

— דאָס איז גאָרנישט... פון דער היץ קיהלט זיך אָפּ דאָס גאַז-גלעזל און, ווען עס ציהט זיך איין, גיט עס אַזאַ פּלאַץ...

רבקהלע פיינגאָלד:

— אַזוי?

— יאָ...

רבקהלע פיינגאָלד:

— דערפֿין טאַקי פֿלאַצט טייל מאָל אַ גלאָז פֿון טיי אויך נאָכן פֿליצלינגען אויסגיעסן דאָס הייסע דערפֿין?

מיסטער בינאָקל:

— יאָ, יאָ...

עס גיט נאָכאַמאָל אַ קלאַפּ אַ שטיינדל אין דער וואַנט.

רבקהלע:

— אוי, וואָס איז דאָס?

מיסטער בינאָקל:

— ס'איז ווידער דאָס אייגענע...

און באַלד גיט נאָכאַמאָל אַ קלאַפּ אַ שטיינדל אויף דער וואַנט, שוין מיט בעדייטנד קוויקלענדיקע נאָכקלעפּלעך איבער דער פּאָדלאָגע.

רבקהלע:

— אָט דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש...

מיסטער בינאָקל:

— יאָ, האָסט געהערט?...

— וואָס איז דאָס?

מיסטער בינאָקל:

— ווייזט אויס, אַז אין דעם היינטיקן הויז „סטראַשעט" טאַקי... צי איז דאָס טאַקי אמת?

רבקהלע:

— איך ווייס נישט. איך האָב עס קיינמאָל נישט געהערט, און אין די היינטיקע שטיבן, ווען איך לייג מיך שלאָפֿן, האָט מיך נאָך קיין זאַך נישט געטראָפֿן.

מיסטער בינאָקל:

— מילא, איז עס גאָרנישט, אויב דו ביסט אַזוי זיכער.

עס דערהערט זיך נאָכאַמאָל אַזאַ קלאַפּ פֿין אַ שטיינ-דעלע, נאָר שוין אַ דינערער, קוים, קוים... (קליינע פּויזע).

רבקהלע:

— איר ווילט נאָך גייען אַהיים די נאַכט?

מיסטער בינאָקל:

— איך וואָלט געוואָלט, נאָר איך ווייס נישט...

רבקהלע פיינגאָלד, נאָך אַ ווײַלע שווייגן:

— זיצט בעסער דאָ הינען, דערציילט בעסער עפּעס וואָס.

— און איר ווילט דאָך שלאָפן.

— איך וועל שוין נישט קענען. און אַ טאָמער גייט איר-צוועק, וועל איך שוין גאָרנישט שלאָפן די נאַכט.

מיסטער בינאָקל:

—עס קימט מיר שוין פאָר, ווי די מעשה מיטן מיידל אין דאָרף...

רבקהלע:

— וואָס פאַר אַ מעשה?

מיסטער בינאָקל:

— איינמאָל איז דער פאָטער דער אַרענדאַר, מיט דעם ווייב, אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין און איבערגעלאָזט אין דער היים דאָס מיידל, די טאָכטער, מיטן בעלפער, וואָס האָט געלערנט די קינדער דאַווענען, איז געגאַנגען דער בעלפער, האָט זי אָנגעקליבן שטיינדלעך ביים טייכל: ביינאַכט, ווען דאָס מיידל איז געשלאָפן, האָט ער געגעבן אַ וואָרף אַ שטיינדעלע אויף איר גלעזער פין זיינעם אַראָפּ. האָט זי זיך אַזוי דאָרכגע-ניען מיט געדאַנקען וועגן שדים און שרעק, אַז זי האָט אויפ-געוועקט דעם בעלפער, וואָס האָט זיך געמאַכט שלאָפן אין צווייטן צימער, ער זאָל קימען צי איר אין בעט.

רבקהלע טראַכט אַביסל:

— ני, האָט זי זיך שוין נישט געשראָקן?

— אוּדאי — אין צווייען...

רבקהלע, נאָכדענקענדיק:

— קים די אויך אַרויף צי מיר אויף דער קאַנאַפּע.

מיסטער בינאָקל:

— גיט. נאָר אויב עס וועט נישט העלפן, וועל איך נישט שילדיק זיין.

מיסטער בינאָקל טיהט זיך אויס אין דער פינסטער. עס געדויערט ביי אַ צעען מינוט.

רבקהלע פיינגאָלד:

— איך וויים נישט, וואָס עס דריקט מיך אַזוי...

— וואָס דען האָסטי געוואָלט, אַז עס זאָל דיך נישט דריקן, אַז מען שלאָפט ציזאַמען?

רבקהלע פיינגאָלד:

— אָבער ליגסט דאָך אינגאַנצן אַרויפגעפּרעסט אויף מיר...

מיסטער בינאָקל:

— איר הערט, רבקהלע.

רבקהלע פיינגאָלד:

— וואָס?...

— ביים אַרענדאַר, אין דער זעלבער שטיב, איז געווען אַ דיענסט, האָט דער פּאָטער, ווייל ער איז געווען אַ פּאַכטער, צוגעגעבן, איינמאָל אַ נייעם יינג צים שלאָגן די פּיטער, אָפּציהייבן מילך און דריקן קעהז — האָט די דיענסט געפּרעגט דעם יינג: ווי הייסטי? האָט ער געזאָגט: הירזש...

איינמאָל, ביינאַכט, נאָך אַ וועטשערע פין הירזש מיט מילך, מיט וועלכער מען האָט זיך אָנגעגעסן שוועהר, ווי אין אַ דאָרף, שרייט די מויד פין געלעגער אַראָפּ, אַז הירזש דישעט זי אויפן האַרץ און טיהט איר ווי אין בויך... האָט דער בעל בית נישט געוויסט, אַז דער יינג האָט איר געזאָגט, אַז ער הייסט הירזש,

אַז ער ליגט מיט איר איצט אויפן געלעגער, האָט ער זיך געווינדערט, וואָס די מויד ווייסט נישט, אַז מען עסט זיך אָן פּיל, דריקט אויפן האַרץ און עס טיהט וויי אין בויך. און, די מויד, ווידער, האָט אויך נישט געוויסט, אַז מען ליגט מיט אַ ייִנג מיז אַזוי זיין, מיז ער פּרעסן אויפן האַרץ און, עס מיז ווייטיען אינעווייניק. ערשט צימאָרגנס, ווען זי האָט זיך צעשמיעסט מיט דער בעל ביתטע וועגן דעם, האָט איר יענע געזאָגט, אַז אַזוי דאַרף עס זיין... און די, רבקהלע, ווייסט אויך נישט, אַז ווען מיר ליגן צוויי ציזאַמען, מיז איך ליגן אַרויפגעפּרעסט אויף דיר און עס מיז דיר אַביסל וויי טיען אינעווייניק. נישט קיין סך, נאָר אַ קליין ביסעלע מיז...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ני שוין... ס'איז גיט טאַקי אַזוי...

— אָבער זעהסטי, אַז ס'איז גיט אַזוי...

— יאָ...

עס גייען איבער נאָך אַ צעען מינוט אין שווייגן. פּליצלינג גיבן זיך אַ צעשיט איבער דער פּאָדלאָגע קוילענדיקע קלעפּ פון אַ סך שטיינדלעך.

רבקהלע דערשראָקן:

— שוין ווידער.

מיסטער בינאָקל:

— די זעהסט דאָך. כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז אויב עס וועט נישט העלפן, וועל איך נישט שילדיק זיין...

עס פערגייט אַ ווייִלע אין שווייגן.

רבקהלע:

— זאָל איך נישט ריפן קיינעם צי הילף אויך?

מיסטער בינאָקל:

— ניין. וואָס וועט דאָס אינז העלפן. מען מיז שוין די

נאַכט אַזוי איבערקימען...
עס העערט זיך פין דער ווייט אַ ליעד:

„מיין ליעבע בייט
אַלץ איר געשטאַלט,
פערכשופט ליגט
די וועלט ווי'ן וואַלד"...

די וועלט אין די אָרמס
ליגט פין דער נאַכט,
זי ליגט ווי אַ מיידל,
פין קיינעם בעוואַכט...

ראַפּאַלאָוויטשעס עס־שטיב. אָוונט. דער גאַז ברענט.
מיסטער בינאָקל:
— וואָס העערט זיך, רבקהלע?
רבקהלע:
— עס „סטראַשעט", נישט געדאַכט זאָל עס זיין...
מיסטער בינאָקל:
— וואָס... די נאַכט ווידער?
רבקהלע:
— שטאַרק...
מיסטער בינאָקל:

— כ'האָב געוויסט, אַז נאָכדעם ווי דיין בעל ביתטע
האָט „ער" שוין אַרויסגעפיהרט קיין אַפריקא, וועט ער חוץ מיט
איר דאָרט, אויך אָנהייבן צו פערפיהרן מיט דיר דאָ...

רבקהלע:

— פאַרוואָס עפּעס אויך מיט מיר דאָ?..

מיסטער בינאָקל:

— ווייל איצט איז עס אים גרינגער... ער האָט דאָך נישט
בעקענט דער בעל ביתטע דיינער אין די אויגן, צו ווייזן איר,
אַז ער פערהאַט זי... אַזוי, איצטער, ביסטו דאָ און — זי דאָרט,
טרעהט ער אָפּ צו דיר מיט וויזיטן...

רבקהלע:

— ביסטו זיכער אין דעם, אַז אַזוי איז עס?

מיסטער בינאָקל:

— אַזוי ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַזוי ווי טאָג איז
נישט נאַכט און, אַזוי ווי נאַכט — נישט טאָג...

רבקהלע:

— טאָ וואָס זשע טיהט מען?

מיסטער בינאָקל:

— גאָרנישט. — אַ מכשף וואָס קענסטו טיען?

רבקלהלע:

— איז דאָך נישט גוט.

מיסטער בינאָקל:

— אודאי נישט גוט.

רבקהלע פיינגאָלד:

— איך האָב באַלט געזעען, ווי אַלץ גייט עפּעס צו אַזוי,
נישט ווי איך האָב געמיינט...

מיסטער בינאָקל:

— וואָס, ווי אַזוי?..

רבקהלע פיינגאָלד:

— גאָרנישט אויפן גלייכן וועג...

מיסטער בינאָקל:

— דערציילט זשע מיר...

רבקהלע:

— צי אַלעם ערשטען איז געווען אַלץ ווי געהעריק, אַלץ ווי עס דאַרף צי זיין...

מיסטער בינאָקל:

— צים ביישפּיל?

רבקהלע פיינגאָלד:

— מיר האָבן געגעסען וועטשערע ציזאַמען. דערנאָך האָט ער זיך געזעצט ביים אָפענעם פענסטער און איך בין שוין געלעגען אויפן געלעגער...

מיסטער בינאָקל:

— ני שאַדט דאָך טאַקי גאָרנישט...

רבקהלע פיינגאָלד:

— דערנאָך האָט אָבער אָנגעהויבן צי וואַרפן מיט שטיינדלעך, דאָ איין שטיינדל, דאָ נאָך איינס און, דאָ נאָך איינס — ביז איך האָב אָנגעהויבן מורא צי קריגען.

מיסטער בינאָקל:

— אָט דאָס, זעהסטי, טויג שוין נישט... כ'האָב דאָך דיר באַלד געזאָגט, אַז ס'איז הינען דאָ אַ מכשף, אַז ער קימט יעדע נאָך האַלבע נאַכט צי דיין בעל ביתטע און היינט — שוין אויך צי דיר... געוויס, אַז ער האָט זי שוין אַוועקגענימען פין דאַנען...

רבקהלע פיינגאָלד:

— עס האָט אָנגעהויבן שרעקליך צי „סטראַשען"...

מיסטער בינאָקל:

— וואָס-זשע האָסטי געטיען?

רבקהלע פיינגאָלד:

— כ'האָב אים געהייסן ציריקן זיך צי מיין געלעגער...

מיסטער בינאָקל:

— ני, האָט אויפגעהערט?...

רבקהלע:

— צי סטראַשן? ניין...

מיסטער בינאָקל:

— ני, וואָס האָסטי ווייטער געטיען?

רבקהלע:

— איך האָב אים געהייסן זיך אויסטיען און לייגן זיך אויפן זעלבן געלעגער, וואָס איך...

מיסטער בינאָקל:

— זעהסטי, דאָס האָט שוין גאָרנישט געטויגט... (קליינע פויזע) האָט ער דיך נישט פערגוואַלדיקט?...

רבקהלע:

— ניין. ער האָט מיך נאָר אַביסעלע ציגעטילעט... אַביסעלע זיך אַרויפגעלייגט אויף מיר... און אַ ביסעלע האָט מיר וויי געטיען אין בויך....

מיסטער בינאָקל:

— האָסטי געשוויגן?

רבקהלע:

— כ'האָב געוואָלט נישט שווייגן, האָט ער מיר אָבער דערציילט אַ מעשה פין אַ דיענסטמויד, וואָס האָט ביינאַכט גע-

שריגן צים בעל-בית, אַז הירז דישעט זי, האָט איר די בעל-ביתטע אויף צימאָרגנס ,דערקלעהרט, אַז מען דארף נישט שרייען, אַז אַזוי דאַרף זיין... האָב איך שוין אויך גע-שוויגן...

מיסטער בינאָקל, פּאַטשט צינויף ביידע הענט:

— און שוין !..

רבקהלע :

— וואָס, שוין ?..

מיסטער בינאָקל :

— און איצטער ביסטי שוין פּאַרטיק...

רבקהלע :

— ני, וואָס זשע זאָל איך טיען ?

מיסטער בינאָקל :

— איין עצה איז דאָ,— אים אויפצידעקן... און די קענסט מיר ציהעלפן אין דעם.

רבקהלע :

— ווי אַזוי ?

מיסטער בינאָקל :

— ער וועט מורא האָבן, אַז די בעל-ביתטע זאָל נישט דערגייען, וואָס ער האָט געטיען קייגן איר... וועט ער צריק ענטרינען...

רבקהלע :

— ני! ווי אַזוי זשע ?

מיסטער בינאָקל :

— דאַרפסט דיך גיט איינקיקן אין זיין פּנים, זעען גיט ווי ער זעהט אויס און זאָגן אים, אַז די ווייסט שוין, ווער ער איז...

רבקהלע:

— ני וואָס זשע וועט זיין?

מיסטער בינאָקל:

— און אַז די וועסט עס דערציילן פֿאַר דיין בעל־הביתטע...

רבקהלע:

— זאָל איך אים דאָס אויך זאָגן?

מיסטער בינאָקל:

— יאָ, וועט ער אַנטלויפֿן, ווי דער פֿעפֿער וואַקסט...

רבקהלע:

— און אַז איך ווייס שוין איצט ווי ער זעהט אויס?..

מיסטער בינאָקל:

— ווי?

רבקהלע:

— אינגאַנצן, ווי די...

מיסטער בינאָקל:

— אוי, דאָ איז נישט גיט... בין איך אויך אַריינגעדרייט... און ער וועט אַלעמאָל קענען זאָגן, אַז איך בין דאָס...

רבקהלע:

— ווי אַזוי זשע קען ער אויסזעען פּינקט ווי די?..

מיסטער בינאָקל:

— ווי אַזוי זשע קען ער דעם בעל־בית דיינעם אַניידערלייגן אַ קראַנקע צרה, אַ פֿערביטעניע, אויף דער דאַטשע... און דאָס אמתע ווייב, די שיינהייט, ווי אַ—פּרינצעסין, צינעמען פֿאַר זיך קיין אַפֿריקע?..

רבקהלע פֿיינגאָלד:

— איז עס דאָך עפּעס שרעקלעך. קען ער פֿערשטעלן

און איבערבייטן מענטשן?..

מיסטער בינאָקל:

— אי יענעם, אי זיך, ווען ער דאַרף... אַז נישט, וואָס וואָלט עס געווען פאַר אַ פּשופּמאַכער?

רבקהלע:

— אָבער אינגאַנצן ווי די... און געשעפּטשעט מיר אין אויער אַריין אַ גאַנצע נאַכט,פּינקט ווי די וואָלסט עס געווען... און אַזוי גרויס פּינקט ווי די... זאָלסט זאָגן — אַ האָרעלע קלענער, אָדער גרעסער... און בעגינען האָט ער מיר געזונגען אַ ליעד אינטערן פענסטער, שוין צים אַוועקגייען, מיט דיין קול...

מיסטער בינאָקל:

— געדענקסט נאָך עפּעס פין דעם ליעד?

רבקהלע:

— נישט... אַ גאַנצן טאָג האָב איך געדענקט, נאָר פאַר־נאַכט, נאָך זין־אינטערגייען, האָב איך פּערגעסן. —

מיסטער בינאָקל:

— אָט דאָס איז דער בעסטער סימן פין כּשוף, אויב עס ווערט פּערגעסן נאָך דער זינס פערגייען...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ני, וואָס זשע איז דאָ איצטער צי טיען?

מיסטער בינאָקל:

— נעם אים אויף היינט אויפדערנאַכט נאָכאַמאָל, קיק דיך איין גיט אין זיין פּנים, זאָג אים, די ווייסט, אַז ער איז פער־שטעלט — און ווער ער איז... און אַז די וועסט דערציילן פאַר דיין בעל ביתטע...

רבקהלע פיינגאָלד:

— גיט, איך וועל דיך פאָלגן... און ווי אַזוי זאָל איך

פאַר אים ציגרייטן דאָס אויפנעמען אים היינט?..

מיסטער בינאָקל:

— אַלץ פּינקט, ווי נעכטן, כּדי ער זאָל גאָרנישט דער-קענען, איידער די זאָגסט אים נאָך עפּעס, אַז דאָ איז שוין אַ שונה געוואָרן... און אפשר איז מעגליך, אַז ער זאָל דיר גאָר אַליין אויסזאָגן... פּריוו נאָר מיט גיטן... און אַז די וועסט וועלן וועסטי קענען...

רבקהלע:

— גיט... זער גיט...

מיסטער בינאָקל:

— האָב זשע מיר אַ גיטע נאַכט און, טיה אַלץ, ווי עס געהער צי זיין, זאָלסט דיך גאָרנישט שרעקן פאַר אים, ווען ער וועט קימען.

רבקהלע:

— גיט... אַ גיטע נאַכט אַ גיט יאָר... (זי בעגלייט אים צי דער טיהר. מיסטער בינאָקל אָפּ)

ווען רבקהלע קימט צריק אין מיטן שטיב און בלייבט שטייען, העערט זיך אַ סערענאַדע פין אינטערן פענסטער.:

אָ, מיידל, אָ, מיידל,
פערדרייט ביסט אין מיר, —
ביסט שיין קליג און איידל,
נאָר ביז צי דער טיהר...
נאָר ביז צי דער טיהר!...

(לאַנגע פּויזע).

עס דערהעערט זיך אַ קלאַפּ אין די טיהר. רבקהלע גייט צי עפענען. מיסטער בינאָקל קימט אַריין מיט אַ מאַנאַקל אויפן ויג.

רבקהלע:

— ווער איז דאָס?

מיסטער בינאָקל:

— איך...

רבקהלע:

— ווער?

מיסטער בינאָקל:

— איך...

רבקהלע פײנגאָלד, נעמט אים אָן בײ אַ האַנט, פירט אים צו אַ שטיהל פאַרן טיש, בײדע זיצן, זי בײ אים אויף דער שויס:

— וואָס איז די מעשה, וואָס די זינגסט בײם אוועקגײען און בײם קימען?...

מיסטער בינאָקל:

— צײליעב אײנזער ראָמאַן, צײליעב דער פערליעבטקײט...

רבקהלע:

— אַזוי פירט זיך?

מיסטער בינאָקל:

— אַמאָל איז עס געווען נאָך שטאַרקער... מען האָט אַפילו אויך אַרויסגעגנבעט די געליעבטע דאָרכן פענסטער, נאָכדעם חי' מען האָט אָפגעזינגען די סערענאַדע דערינטער...

רבקהלע:

— אַזוי, די ווילסט מיך שוין אוועקפירן אין דײנע וועלדער?..

מיסטער בינאקל:

— אין וואָס פאַר אַ וועלדער?

רבקהלע:

— די האָסט דאָך וועלדער אין אַפריקע...

מיסטער בינאָקל:

— פאַר וועהמען נעמסטו מיך אָן?..

רבקהלע:

— פאַר דיך...

מיסטער בינאָקל:

— אַזוי איז גוט...

רבקהלע:

— און פאַר וועהמען, האָסטו געמיינט, נעם איך דיך אָן?..

מיסטער בינאָקל:

— איך ווייס? פאַר אַ פרויענהענדלער... אַז איך פיהר אַוועק פרויען קיין אַפריקאַ אין די וועלדער, צו די שוואַרצע מענטשן...

רבקהלע פייגעלד, גיט אים אַ קיש, פערוואַרפט אירע הענט איבער זיין אַקסל:

— הער, מיין קינד, הער, מיין געליעבטער, וואָס איך וועל דיך בעהטן: איך וועל דיך בעשוועהרן אַז די זאָלסט מיר זאָגן, ווער די ביסט, צו ביסטו דער מכשף?..

מיסטער בינאָקל:

— איך?.. (וויל זי אַרומנעמען) קינד-לעב, וואָס האָסטו דיר איינגערעדט. (וויל איר געהבן אַ קיש).

רבקהלע פייגעלד, שפרינגט געשווינד פון זיין שויס אַראָפּ:

— וועל איך מיר נישט לאָזן קיין קיש געהבן, ווי לאַנג די וועסט מיר נישט זאָגן...

מיסטער בינאָקל, נעמט אַראָפּ דעם מאַנאָקל, לייגט אים אין וועסטל-טאַש.

רבקהלע:

— אַט איצטער, זעהסטו, קען איך דיך שוין גאָרנישט, ווייס

איך שוין גאָרנישט, ווער די ביסט... ני, קען מען דען ליעבן איינעם, וועלכן מען קען נישט... מיסטער בינאַקל ביסטי נישט...

מיסטער בינאַקל:

— וואָס פאַר אַ מיסטער בינאַקל דאַרף איך דען זיין?

רבקהלע:

— אַ, זעהסטי שוין, אַז די ווייסט נישט אַפילו, ווער ער איז, ני, ביסטי דאָך דער מכשף... איך וועל אויסזאָגן מיין בעל ביתטע... (הייבט אן צי פּאַטשן אין די הענט און אים אָקייגן צי רייצן) איך וועל אויסזאָגן מיין בעל ביתטע... איך וועל אויסזאָגן, אַז די קימסט צי מיר... (מיסטער בינאַקל, שטייט אויף, הייבט זי אן צי יאָגן אַרים טיש, זי — צי אַנטלויפן. אין מיטן דרייען זיך אַזוי אַ רעהדל אַרים טיש אינטער איר הילכדיק רייצן זיך און פריילכקייט, שטרעקט ער די האַנט צים גאַז-קיי-טעלע, פערלעשט דאָס ליכט).

עס דערהערט זיך באַלט פין דרויסן, פין אינטערן פענ-סטער, אַ סערענאַדע, מיט דער מעלאָדיע פין „סיניאָראָ סיניאָ-רינאַ"...

אָ, דערצייל נישט, דערצייל נישט,
דערצייל נישט דיין בעל ביתטע,
ווייל זי איז מיין פרינצעסין,
וואָס כ'ליעב זי שטאַרקער פין דיר...

עס בייט זיך די שטימע, אַ פרוי זינגט:

טאָ וואָס קימסטי צי מיר,
איך וועל דערציילן פאַר איר...
איך וועל דערציילן פאַר איר,
און קים נישט מער צי מיר...

מיסטער בינאָקעלען פערשטויסטי,
פערשטויסטי פין דיר,
ווייל ער ווייסט שוין פין מיר,
כ׳וועל נישט קריגן קיין שידוך פאַר מיר...

זיין קול:

אוי, האָב נישט קיין מורא,
די מיידל די שיינע,
די מיידל די שיינע,
אין דער וועלט די ביסט נאָר איינע...

אַ פרויען קול

איבער דיר כ׳וועל פערזיצן,
כ׳וועל קיין חתן נישט שאַפן,
כ׳וועל קיין חתן נישט קריגן,
ווייל כ׳האָב פאַר מיט מאַיאָרן און גראַפן...

קאַפּיטל זיבן

ס׳איז פאַר האַלבן טאָג. אין רעדאַקציע שטייען בעלאָדן: אַ זשורנאַליסט אין בלאָע ברילן און אַ גרויס קאַנצעלאַריע-בוך אין דער האַנט; אַן אַמעריקאַנער אין טינקעלע, גרויסע רעדער-ברילן מיט אַ טעקע אין דער האַנט, דאָס איז דער שרייבער אפּאַטייטעס; אַ פאָטאָגראַפיסט מיט אַ טראָג-אַפּאַראַט צים פאָ-טאָגראַפירן, אין דער האַנט; דער רעדאַקטאָר; דער סעקרעטעער.

רעדאַקטאָר עטי-פּייטי:

— ני, שוין, קינדערלעך!..

סעקרעטעער:

— יאָ, ס׳איז אַלץ פאַרטיק.

שרייבער אפּאַטייטעס צים רעדאַקטאָר:

— נאָך עפּעס אַ קלייניקייט. (גיט אַ ווינק אויף די אי-בעריקע) איך וועל אייך בעהטן...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— אפשר דערנאָך, האַ?..

— ניין... (דער סעקרעטעער און די איבעריקע גייען אַרויס פין דאַנען) פערשטייט איר מיך, קיין קאָנטראַקט האָב איך נישט.

רעדאַקטאָר עטי-פּייטי:

— קאָנטראַקט?..

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— יאָ.

רעדאַקטאָר עטי-פּייטי:

— דערנאָך, קינד.

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— ניין, פעטער...

רעדאַקטאָר קראַצט זיך אינטערן לינקן אויער:

— מילא, כ'על אינטערשרייבן...

שרייבער אַפּאַטייטעס נעמט אַרויס פון קעשענע שוין אַ פאַרטיקן קאָנטראַקט.

רעדאַקטאָר:

— ווען האָסטו אים אָנגעשריבן?

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— אָט באַלד אַזוי ווי איר האָט צוגעזאָגט, אַזוי האָב איך שוין געשריבן.

רעדאַקטאָר קראַצט זיך אינטערן אויער:

— נאָר כ'האָב דאָך אַ שותף...

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— גוט, זאָל ער טאַקע אויך אינטערשרייבן...

רעדאַקטאָר נעמט ביי אים דעם קאָנטראַקט, גייט מיט אים אין דער צווייטער שטיב.

שרייבער אַפּאַטייטעס שפּאַצירט אַביסל אויף און אָפּ. שטעלט זיך דערנאָך אָפּ ביים שרייב-טיש, ווי איינהערנדיק זיך אין זיך אַליין.

רעדאַקטאָר קומט צוריק, זעצט זיך ביים שרייב-טיש, נעמט די פעדער, שרייבט אינטער, ריקט דעם קאָנטראַקט אָפּ

אָן אַ זייט. שרייבער אַפּאָטייטעס בייגט זיך איבער, קיקט אויף די אינטערשריפטן פין אַ זייט.

— ני, איצטער וואָס?

רעדאַקטאָר עטי-פּייטי:

— זאָל אַביסעלע ליגן, זיך אָפּטריקענען...

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— אַ לעשער.

רעדאַקטאָר עטי-פּעטי-פּייטי:

— אָט, אָט, אָט. שרייבן מיר איצטער אָן די בעגריסונג פין אינזער קולטור-וועלט לכבוד אייער קימען.

— אפשר דערנאָך, שוין נאָכמיטאָג?

— איר דאַרפט דאָך אָבער שוין גייען... ווילט איר אַזוי גייען?

— אָן קאָנטראַקט?

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— ני ׳עמיר פריער אָנשרייבן די בעגריסונג לכבוד אייער קימען.

— ני, גיט...

רעדאַקטאָר עטי-פּייטי:

— זעצט אייך, זייט אַזוי גיט...

שרייבער אַפּאָטייטעס זעצט זיך, לאָזט אַראָפּ די טעקי אויף די פּאָדלאָגע אָנגעשפּאַרט אָן פיס פין דער שטיהל, פער-לייגט אַ פיס אויף אַ פיס.

רעדאַקטאָר עטי-מייטי, וואַרפט אַרויס די פיס פאָרנט פאַרן שרייב טיש, נעמט די פעדער און אַזוי זייטיק, ווי ער זיצט, אין דער פּאָזע, נעמט ער שרייבן:

— לאָמיר זאָגן, אַז נעכטן אַכט אָוונט, איז מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל - צוג, וואָס גייט פין פּאַריז דאָרך בערלין,

דערנאָך הי, אָנגעקימען אויף דעם הויפּט וואָקזאַל...

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— יאָ.

— דער גרעסטער וואָרט-קינסטלער און ראָמאַניסט, דער יידישער שרייבער אַפּאַטייטעס.

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— צי וואָס אַזוי, דער גרעסטער וואָרט-קינסטלער?

— ני, וואָס דען?

שרייבער אַפּאַטייטעס מיט ענוות:

— דער בעגאַבטער, אָדער טאַלאַנטפולער, אָדער ערשט פיל ציזאָגנדיקער יידישער ראָמאַניסט...

רעדאַקטאָר עטי-פּעטי:

— העערסט, איי „יענקעלע", אַמעריטשקאַלע... די ווילסט נישט מען זאָל דיך לויבן?...

— ס'איז גלייכער, מען דאַרף זיך איבערלאָזן אויף נאָכ-אַמאָל..

— אַמעריטשקאַלע, אַמעריקשקאַלע... טאָ לאָז זשע אויך נאָך אַ פּאָר פּונקטן פון קאָנטראַקט... ווי פאַרשטייסטו דאָס נישט?..

— אָבער בין איך דען דער גרעסטער?..

— האָסט שוין געהערט... איך האָב געמיינט, אַז ער וויל נישט שרייבן דער גרעסטער וואָרט-קינסטלער, צוליעב אַן אַנדערן טעם, צוליעב דער צייטונג „קאָנגרעס-היט", ס'הייסט „צילענדער", וואָס האָט שוין איר ליטעראַרישן „גרעסטן" אַרויס-געשטעלט אינטער דעם נאָמען... האָב איך געמיינט, אַז איר ווילט נישט צוליעב דעם... אַז עס זאָל נישט דעם לעזער דער-מאָנען יענע צייטונג... אָבער בעזאָרגן זיך אויפן שפּעהטער?.. איר ווילט היינט נישט זיין גרויס, כדי איר זאָלט מאָרגן קאָנען זיין גרויס?.. אַמעריטשקאַלע, אַמעריטשקאַלע... און פאַרוואָס גיב איך

געלד — נישט פאַר אַ „גרויסן"?.. איר מיזט עס דאָך זיין... פאַר מיינעטוועגן, פאַר מיין צייטונגס וועגן...

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— איך דאַרף אָבער זיין... אין סטאַדיום פין נאָכקימענדיקן נישט פין געוועזענעם, אָדער אַפילו שוין סטאַבילן... וואָס הייסט דער גרעסטער? און מאָרגן וואָס?..

רעדאַקטאָר עטי פייטי—פעטי-מעטי:

— נאַרעלע, פעהלט וואָס?.. מאָרגן דער „שטעהרן"... דער דער גאון... געניוס... ני, ווי בלייבט?..

— ניין, איך קען נישס...

רעדאַקטאָר עטי-פייטי:

— אָט, אָט, אָט. כ'מאַכן אַ קליינע אויסבעסערונג... פּאָ-פולערסטער און צווישן אַלע שיכטן פין אינזער פאָלק אַנער-קענטער יידישער ראָמאַניסט... איז גיט?

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— מאַ...

רעדאַקטאָר עטי-פייטי:

— אויפן וואַקזאַל האָבן אָפּגעוואַרט דאָס אָנקימען פין צוג די חשובסטע און די אָנגעזעענסטע הערן פין דער יידישער קולטור-וועלט, ווי אויך פין דער נישט יידישער...

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— נאַ... אַראָפּגעקראָכן אָן אַ זייט...

רעדאַקטאָר עטי פייטי כאַפּט זיך צריק:

— ווי אויך... פין דער יידישער געזעלשאַפטליכקייט...

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— מאַ...

רעדאַקטאָר עטי פייטי, מיט אַ ווייך פערענטפערנדיקייט:

— פאַרוואָס אויך נישט „פין דער נישט יידישער"?.. ס'איז

דאָך בעסער... איר פֿאַרשטייט... יידן פֿיהלן זייער אמתן ווערט, ווען אַ גוי שעצט אַ ייד... נאָר גאָרגישט... (פּויזע)

— נאָך די בעגריסונגען, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אויפֿן אָרט... איז דער גרויסער גאַסט געווען אַזוי ליעב, צו פֿער־שפּרעכן אינזער רעדאַקציע אויף היינט אַ וויזיט... און אויך בעשאָנקען די כבוד אָפּגעבער, יעדן מיט עטליכע פּריינדליכע ווערטער... אויך איז ער געווען אַזוי ליעב און איז ווירקליך היינט פּינקטליך 1 בייטאָג ציגעפֿאָרן צו אינזער רעדאַקציע, ווי עס האָט אים שוין אָפּגעוואַרט אַ פֿיל קעפּיקער עולם, וואָס האָט זיך בעצייטנס דערוויסט און בעלאַגערט אים פֿאַרן טויער. ווען ער איז אויסגעשטיגן פֿין אויטאָ און גלייך אַרויף אויף אינזערע שטיגן, האָבן היינטן געשטאָרמט די אויסגעשרייען און צפּלאָדיסמענטן פֿין בעגייסטערטע היגדערטער יידן... מיר האָבן דעם חשובן גאַסט אַריינגעפֿירט אין לאָקאַל, ווי עס האָבן זיך אים פֿאָרגעשטעלט אינזערע פּראָמענענטע מיטאַרבעטער און באַלט איז זיך צעגאַנגען די נאכריכט איבער דער גאַנצער שטאָט...

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— אוי געוואַלט, עס בלייבט נישט קיין קראָפּליע ליפּט..

רעדאַקטאָר עטי פּייטי, —מעטי פּעטי:

— וואָס אי?..

— וואָס וועל איך שוין טיען מאָרגן. ס'וועט דאָך מיר אויסקימען מאָרגן אויך צו לעהבן; מיט וועלכער סענסאַציע וועל איך שוין מאָרגן קענען קימען, ווען איר נעמט היינט ביי מיר צו אינגאַנצן...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי, מעטי פּעטי:

— נאַרעלע, וואָס שאַדט עס דיר, מיר בעצאָלן חלילה נישט, מיר פֿערדיענען נישט כשר, אַז די זאָלסט ווערן גרויס?

— אָבער ווי קען איך מיר היינט לאָזן אָננייען אַלע

שליפעס.. און וואָס וועל איך טראָגן מאָרגן?..

רעדאַקטאָר, מיט ווייכער צעגאָסנקייט און עטי פעטי:

— נאַרעלע, פעהלן אָרדערס? היינט איז „ווירימאַטורי” דער גרעסטער אָרדן און מאָרגן, אַז מען וועט דאַרפן, וועט מען אויסטראַכטן „אַפּיטי-פּיטי — וויטי-וירי — כאַ — טאַ טאַטור”, אַלס נאָך אַ גרעסערן...

שרייבער אַפּאָטייטעס.

— מילא, וואָס זאָל איך טיען.

רעדאַקטאָר מעטי-פעטי:

— איז פאָלגט זשע מיך, לאָמיר צריקקעהרן צים סאַמע אָנהייב און ערלויבט אַנידערצישטעלן „דער גרעסטער”.., נאָר מחמת אין דער קאָנקורענץ צייטונג איז שוין דאָ „וואָרט-קינסט-לער”, וועלן מיר אייך ריפן „בעזיצער פין דער פעהדער”!..

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— זאָל זיין...

רעדאַקטאָר טוטי-טוטי:

— און ער האָפט, אַז זיין גריס, וואָס ער וועט אַהיים-ברענגען פין דאַנען, וועט אין זיין היים געפינען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג.., (אויפהייבנדיק אַ בליק) ריכטיק?.

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— יאָ...

רעדאַקטאָר טיטי-פּיטי:

— און איצט, אַז איר וועט גייען ווי די רעדאַקציע שיקט אייך, צי דער אביונישקייט... איר פערשטייט... כע, כע, כע,.. איר פערשטייט... דאָ שמעקט... מיט הילף... שטיצע...

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— ני שוין!..

רעדאַקטאָר עטיס־פּעטיס:

— ני שוין... קוים אָפּגעאַרבעט אַ שטיקל אַרבעט. שרייבט אייך איינטער אינטערן בריעף און נעמט אייך דעם קאָנטראַקט.

שרייבער אַפּאָטייטעס שרייבט אינטער, און ביידע טוישן זיך מיטן בריעף און קאָנטראַקט.

רעדאַקטאָר מאַכט אויף די טיהר און לאָזט אַריין די פּרי־ערדיקע:

— ני, שוין... ערשט קענט איר שוין גייען (צי דעם מיטן פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט) זאָלסט ברענגען אימפּאָזאַנטס... עפּעס אַזויגס...

(דער פאָטאָגראַפיסט. שרייבער אַפּאָטייטעס און דער זשורנאַליסט שפּילן זיך צי, מאַכן גלייך די קראַגנס, פּעדלאָזן דאָס צימער.)

מיסטער בינאָקל קימט אַריין:

— גיט מאָרגן.

רעדאַקטאָר:

— אַ, בינאָקעלע, וואָס מאַכסטי?

מיסטער בינאָקל:

— גאָרנישט... די שדים אַרבעטן מעשים...

רעדאַקטאָר:

— יאָ, איך האָב שוין געהערט פין סעקרעטעער.

מיסטער בינאָקל:

— יענס איז גאָרנישט, פריש מאַטעריאַל... אָ, וואָס פאַר אַן אוצר...

רעדאַקטאָר:

— גיט, גיט. בינאָקעלע, (גיט אים אַ גלעט אויף דער באַק) גיי אַריין דאָרט, נעם טינט און פעהדער.

מיסטער בינאָקל אָפּ.

דער צווייטער שותּף, אַ בלאָנדער הער, קימט אַריין:
— וואָס האָב איך אייך געוואָלט פרעגן, דער אָפּמאַך איז שוין אַ פאַקט. אָבער דאָס איז אַ נישט פאָרויסגעזעענע הוצאה.
רעדאַקטאָר פּיטי-פּייטי:
— יאָ, מען ווייסט דאָך, מיר וועלן זי דעקן...
שותּף:
— די רעדאַקציע קאַסע?
רעדאַקטאָר:
— מען דאַרף זעען אַ הלוואהלע...
שותּף:
— ווי?
רעדאַקטאָר:
— מילא...
שותּף פערטראַכט זיך אַ ביסל, קריגט אפשי', ריקט זיך צריק, דער רעדאַקטאָר אַליין בעגלייט אים ביז דער טיהר אַרויס...
רעדאַקטאָר:
— מ'עט שוין זעען...
עס קימט אַריין דער סעקרעטעער.
רעדאַקטאָר:
— האָט בינאָקעלע ווידער עפּעס איבערציגעהבן?
סעקרעטעער:
— נישט מיר.
רעדאַקטאָר:
— וועהמען?
סעקרעטעער:
— גלייך אין דער שטאָט כראָניק „היעגע נייעס".

רעדאַקטאָר:

— פאַרוואָס?

סעקרעטעער:

— ווייל דאָס נעכטיקע איז היינט נישט אריין, וואָס איר האָט עס געהייסן אָפּלייגן, צוליעב איבערפליס פון אַנדערע מאַטעריאַלן. — ער וויל מיר שוין נישס געטרויען...

רעדאַקטאָר:

—גיי אריין צו מיצן. זאָג אים, אז עס גייט היינט נישט. זאָל ער עס אָפּלייגן..

סעקרעטעער:

— גוט (אָפּ).

רעדאַקטאָר דרייט זיך איבערן צימער. סעקרעטעער קומט צוריק מיט פערשריבענע פּאַפּירלעך.

רעדאַקטאָר:

— לייג עס אין קאָנווערט צום נעכטיקן.

סעקרעטעער, ריקט אויף דאָס שופלעדל פון שרייב-טיש, לייגט די פּאַפּירלעך אין איינעם פון די דאָרטיקע קאָנווערטן, פערמאַכט דאָס שופלאָד.

רעדאַקטאָר, זיך זעצנדיק ביים שרייב טיש, ריקט זיך אָפּ אין אַ זייט מיט דער שטיהל:

— זעץ דיך.

סעקרעטעער ריקט זיך צו אַן אַנדערע שטיהל צום שרייב טיש.

רעדאַקטאָר שטי פּייטי:

„צום געערטן דירעקטאָר פון דער „דזשווינט“ הויפּט באַנק“.

סעקרעטעער פיהרט געשווינדט מיט דער פעהדער.

רעדאַקטאָר:

„געערטער הער! אַזוי ווי די אימשטענדן דערלויבן נישט,

אַז מיר זאָלן זיך קענען זעען, איבער פערשטענדליכע טעמים...
און די זאַך איז זעער פּערטרוייליך, צילייעב וואָס איך קען עס
אייך אויך נישט געהבן אין שריפט...

סעקרעטעער, צישאָקלענדיק מיטן קאָפּ:

— יאָ...

רעדאַקטאָר:

— צילייעב די און נאָך פערשטענדליכע טעמים... איז ראַט-
זאַם, געווינטשן, אַז איר זאָלט צישיקן אַ פּערטרויליכן מאַן,
אייער סעקרעטער, זיך דאַרכצישמיעסן..

אייער פריינט,

רעדאַקטאָר ע ט י פּ י י ט י".

— דאָס פּערקלעהב, שיק אָפּ, נעם דעם בריעף צי זיך...

סעקרעטעער:

— גיט.

רעדאַקטאָר:

„צים געערטן פּערוואַלטער פין „בית לחם", ה' קנאָבלזאָן"!
סעקרעטעער פיהרט געשווינדט מיט דער פּעהדער.

„היות, ווי די רעדאַקציע ווינשט אייך צי זעען, צילייעב
געוויסע ענינים, וואָס זענען אייך נוגע, בעהטן מיר אייך,
אינז צי בעזיכן מאָרגן בשעה צוועלף אַחר הצהרים.

רעדאַקציע „דער טאָפּ".

סעקרעטעער:

שוין.

רעדאַקטאָר:

— שוין... ערשט, קינדלעב, נאָך דרייסיק אַזעלכע שאַב-
לאָנען: איינעם דער „לינת הצדק", איינעם דער „חולי נופל",

איינעם דער „גמילת חסדים", דער „מחזיקי יולדות", דער „מחזיקי יתומים", דער „הושעה אלמנות" און אלע איבעריקע פון דעם כאראקטער...

עס דערהערט זיך א לייכט אנקלאפן אין דער טיהר. ביידע שטעלן אויף די אויגן. עס קימט אריין דער ברייטער בערלינער דיכטער, מיטן שווארץ פערשווירענעם, און גלייך אנגעשטעלטן, פינקט ווי עקסטרע אויסגעשטייפטן, לאפאטע-בערדל:

— גיטן אוונט!

רעדאקטאר:

— גיט יאר, גיט יאר. (צים סעקרעטעער שטיל) גיי...

סעקרעטעער פערלאזט דאס צימער.

רעדאקטאר:

— נו, וואס מאכט איר, ה... הא?

בערלינער דיכטער:

— איך האב מיר איבערגעלייגט, נאך א ישב האב איך בעשלאסן אנצינעמען אייער פארשלאג...

רעדאקטאר:

— וואס, הא?..

בערלינער דיכטער:

— אט צי גייען זעען די אביונישקייט...

רעדאקטאר:

— ע, טע, טע, טע... שוין נאך אלעם...

בערלינער דיכטער:

— וואס?..

רעדאקטאר:

— שוין... שוין שפעהט...

בערלינער דיכטער (פערכאפט):

— וואָס?

רעדאַקטאָר:

— שוין נאָך אַלעם...

בערלינער דיכטער:

— און אַנדערע?..

רעדאַקטאָר:

— מילא, אַז איר זענט נישט איינגעגאַנגען...

בערלינער דיכטער בלייבט שטייען פערקלעהרט:

— אַודאי דער אַמעריקאַנער שונדיסט...

רעדאַקטאָר:

— מאַ... אַז איר זענט נישט געקימען, הגם...

בערלינער דיכטער:

— וואָס?

רעדאַקטאָר, זיך קראַצנדיק אינטערן אויער:

— איר דאַרפט נישט בעדויערן... וואָס וואָלט איר דאָרט געזעען? אַן אויסגעהאַקטע טיהר, אַ שויב פערשטיפט מיט אַ שמאַטע, אָדער מיט אַ ברידיק קישעלע... אַ ראַכיטיש פיסעלע... אַ געהל פּנימעל...

בערלינער דיכטער:

— אָבער...

רעדאַקטאָר עטי-פעטי, איבעררייסנדיק:

— הערט איר, מילא... דאָס האָב איך איבערגעגעבן אים טאַקי.

בערלינער דיכטער:

— טאַנצנקלאַפּערן... וואָס האָט ער מער געלענק?

רעדאַקטאָר:

— ער וועט גאָר זעען אַנדערע זאַכן: אַלטע מיידן, וואָס דאַרפן אַ סך נדן. און אַמעריקאַנער זעהט גאָר אַנדערע זאַכן.

(קראַצט זיך אינטערן אויער) דאָס איז נישט געווען פאַר אייך... פאַר אייך אָבער האָב איך עפּעס אַנדערש, אַנדערע לייסטונגען... מיר האָבן דאָך קולטור פּראָבלעמען אַזויפיל.. גייט אין זשורנאַליסטן פעראיין, זעהט, מען זאָל עפּעס טיען פאַר דער יידישער קולטור...

בערלינער דיכטער:

— אַודאי, געוויס, געוויס... אָבער אַ פונקציע ביי דער רעדאַקציע ?..

(בלייבן ביידע אַ ביסל פערקלעהרט)

בערלינער דיכטער:

— מיין ראָמאַן וועט גייען?

רעדאַקטאָר:

— איצטער שוין נישט אַזוי באַלד, ווייל דעם אַמעריקאַנערס גייט ציערשט, נאָר דערנאָך...

בערלינער דיכטער:

— אָבער אַן אָפּמאַך וועל איך קריגן מיט אַ פענסיע?

רעדאַקטאָר:

— מעגליך, מעגליך, טאַקי יאָ... אויב נישט טייער. נאָר איר הערט... (קראַצט זיך אַביסעלע אינטער), און דאָס ענין, אויפציהייבן אַביסעלע אינזער קולטור-מצב, דאַרפט איר נישט אָפּלאָזן.

בערלינער דיכטער:

— געוויס, געוויס!

רעדאַקטאָר:

— ני, איז גיט... איר׳עט דאָך נאָך דאָ זיין מארגן?..

בערלינער דיכטער:

— זיין...

רעדאַקטאָר:

— אַזוי, בײַטאָג, אַרים האַלב צװײ—דרײַ.

בעװלינער דיכטער:

— גיט. (בעװעגט זיך צים גײען אַ גיטע נאַכט.

רעדאַקטאָר בעגלײט אים צי דער טיהר, דיכטער אָפּ.

סעקרעטעער קימט אַרײַן.

רעדאַקטאָר:

— ני, ׳עט איר שױן דאָ מאַכן, װאָס מען האָט אָנ־געהױבן...

סעקרעטעער:

— יאָ, יאָ.

רעדאַקטאָר:

— מ׳עט גײען אַהײם, נישט אַזױ װײט מיטאָגן, װי אָפּריען. שװעהר מײַן פּראַצע, נישט גרינג צי זײַן אַ רע־דאַקטאָר...

סעקרעטעער טראָגט אים צי דאָס מאַנטל, דעם היט, דעם שטעקן און בעגלײט אים מיט יראת־הכבוד אין די אָפּענער טיהר אַרײַן. רעדאַקטאָר עטי פּעטי, אַ גלײַכער, נאָר קוים װאָס ער שלעפּט די פיס (אָפּ).

קאַפּיטל אַכט

עס איז נאָך האַלבן טאָג. אין אַ גרויסער שיין בעל-בתישער שטיב. אַ שיינער זשיראַנדל, טיש מיט שטילן, קאַנאַפּע, פּיאַנינע. ביי איר זיצט אַ פריילין דעקאָלטירט. אַרים טיש — דער זשורנאַליסט, פאָטאָגראַפיסט, שרייבער אַפּאַטייטעס און נאָך איין פריילין, דער ערשטערס אַ שוועסטער.

סאַפקאַ: (די וואָס ביים טיש)

— גיט, מיר האָבן בעגעגנט אַ געלעגנהייט אויף חשובע געסט ביי זיך...

זשורנאַליסט:

— דאַנק שיין.

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— דאַנק.

דיענסט קימט אַריין מיט אַ טאַץ טיי, שטעלט פאַר יעדן פין די איין טיי.

פריילין פין דער פּיאַנינע גייט צים טיש:

סאָפקאַ, בעשיידן:

— סאָנקאַ, ווי איז די מיטער?

סאָניאַ:

— דאָס קלייד צו האָבן פון שניידער.

סאָפּקאַ, צו דער דיענסט:

— חוהלע, עפּעס צו דער טיי.

חוהלע אָפּ.

זשורנאַליסט:

— אייער מיטער איז נאָך אַ יינגע?

סאָפּקאַ:

— זי וואָלט זיך שטאַרק בעליידיקט אויף דער פראַגע. זי קאָנקורירט געשמאַק קיגן די טעכטער.

עס קימט אַריין אַ דאַמעלע אַ זייער שיקליכדיקס, קאָרץ געקליידט, נאָר אין שוואַרצן — די זאָקן, די לעטשעלעך און די באַנד, וואָס נעמט אַרים דאָס היטעלע און הענגט אַראָפּ איבער איר בריסט. — אַן אַלמנהלע.

סאָפּקאַ און סאָניאַ:

— אינזער מיטער...

זשורנאַליסט:

— ווירקליך?.. (די מיפּער בלייבט שטייען פאַרן טיש, אַלע שטעלן זיך אויף).

סאָפּקאַ:

— זייט בעקאַנט: מיין מיטער, עמאַ.

אַלע בעקענען זיך, די מיטער שטייט מיט אַ פראַגע־צייכן, ווען אַלע זעצן זיך.

סאָפּקאַ:

— די מאַמעשי ווינדערט זיך. (שמייכלט) ביי טאַקי אויס־טערלישע אימשטענדן האָבן מיר די הערן דערקענט. (ווענדעט זיך צו די הערן מיט אַ שמייכל) דערציילן?..

הערן:

אָ, בימע.

עמאַ, שמייכלט:

— איך פרעג זיי דען אַ פּאַספּאָרט?..

סאָפּקאַ:

— די מאַמעשי איז נאָך צי יינג, אַז דאָס זאָל איר אָנגייען.

אַלע פרייען זיך, קוקן דער מיטער לאַכנדיק אין די אויגן.

עמאַ:

— איך דאַנק דיר, טאָכטער, פאַר דיין קאָמפּלימענט.

סאָפּקאַ:

— ני, טאָ זאָלן מיר דאָס לאָזן אויף שפּעהטער.

עמאַ:

— ענטשילדיקט, ליעבע, איך וועל נאָר איבערטיען דעם טראַכט. (ווייזט אירע קליידער)

זשורנאַליסט:

— אָ... (מיטער אָפּ אין וויטערן צימער)

סאָפּקאַ:

— ני, מיינע ליבע, די טיי... סאָנישי, גיב אַ קיק, דאָס מיידל.

סאָניאַ גייט צי דער קיך-טיהר. אַלע טרינקען.

סאָפּקאַ:

— איך פערגעטער אַזוי מיין מיטער: ווי וועל איך מיך נאָך מיין חתונה מיט איר שיידן?

סאָניאַ קימט צריק צי איר פּלאַץ.

זשורנאַליסט:

— איר וועט נאָר דעם מאַן אויך אַביסעלע פערגעטערן — דאַן...

סאָפקאַ, גיט אַ ציטער מיט די אַקסלען:

— אוי! היט מיך גאָט...

אַלע צעלאַכן זיך.

זשורנאַליסט:

— דאַן...

שרייבער אפּאַטייטעס:

— געוויס...

דיענסט מיט קאָנפעטור אויף אַ טאַץ מיט טעצעלעך, צריק אָפּ.

פרוי עמאַ — אַ העל קליידל, ווייס בלוזקעלע, הויך אויפ־געקעמטער פריזור. זעצט זיך. אַלע קיקן ענטציקט.

סאָפקאַ, לאַכעריש:

— ני, אַזאַ מאַמעשי?..

זשורנאַליסט:

— אָ, געוויס.

שרייבער אפּאַטייטעס:

— ווייניק אַזעלכע...

סאָפקאַ כאַפּט אַרים די מיטער, קישט איר:

— הער נישט, מאַמעשי, אַלע לויבן זענען גאַרנישט קייגן דיר.

עמאַ:

— איך בין ציפרידן, ציפרידן, לאָז משיגענע... (גיט דער טאָכטער אַ קליינטשיק פּעטשל אין פּנים) ני, מיינע הערן, פּערשעמט נישט דעם טיי־פּאַרבייס. (אַלע נעמען שטיל זיפּן).

זשורנאַליסט, דערענדיקט די טיי:

— ני, דאַכט זיך, אַז איצט קענען מיר שוין אינזער אַר־בעט אָנהייבן.

פאָטאָגראַפיסט גיט אַ טאַפּ צום פאָטאָגראַפיר-אַפּאַראַט, וואָס ער האַלט נעבן זיך.

כאָפּקאַ:

— איך מיין: צום ערשטן אינזערע אייגענע גרופּע...

זשורנאַליסט:

— אַך, יאָ. (צו עמאַן) איר וועט דערלויבן, מאַדאַ־מעלע?..

עמאַ:

— מיט פאַרגעניגן.

פאָטאָגראַפיסט שטעלט אויף דעם פאָטאָגראַפיר אַפּאַראַט.

זשורנאַליסט:

— ניי, מאַכסט עס איינס-צוויי.

סאָפּקאַ:

— איר ווילט אונז שוין אַזוי גיך איבערקומען?.. גיט נאָר די גזשיווקע... אַזוי פאָטאָגראַפירט מען זיך?.. (נעמט אַרויס די האָר-קאַם פון איר קאָפּ, ציהט אַרויף די קליינע הענטלעך צו זיינעם, וועלכן ער לאָזט אַראָפּ) און די, סאָניעלע, כאַפּ דעם אַמעריקאַנער, זאָל ער נישט אייפערן...

שרייבער אפאטייטעס:

— אָ, נאָ...

סאָניעלע גייט צו, מיט דער קני האַרט צום אַמעריקאַ־נערס שויס, ווי ער זיצט, מיט איר קאָפּ נעמט זי אים קעמען.

פאָטאָגראַפיסט, לייגט דערווייל אַרויס די קלישע פון דער האַנט:

— מאַדאַם, (גיט זיך אַ בייג פאַר עמאַ'ן) איר וועט דערלויבן?

עמאַ:

אָ, ביטע...

פאָטאָגראַפיסט, ציהט אויס ביידע הענט, פעריכט איר דאָס קרוזשעווקעלע ארים האַלז, דערנאָך דאָס פעלדל צווישן ביידע בריסטן:

— מאַדאַם...

— וואָס?..

סאַמע איבערן אויער:

— איך ליעב אייך...

עמאַ, פערצערטלט, צעשמייכלט·

— נישט מיינע טעכטער?..

פאָטאָגראַפיסט, אויפן ווינק:

— פאַר יענע„האַלעדריגעס"... איך, אויף מיין גורל, קלויב איך אויס די מיטער...

עמאַ, גראַציעז, שמייכלט:

— אַ שפּאַס?..

פאָטאָגראַפיסט, טיעפער איבער איר אויער.

— ווי איך לעב!..

ווי דאָס זעלבע נאָכאַמאָל צי הערן, שטעלט זי אויף די באַק... אָבער פאַרפאַלן! ער גיט איר אַ קיש אריין...

דאָס זעלבע טיען אויך יענע מיט די טעכטער... דערנאָך קיקן זיך אַלע אים, צי האָבן עס די אַנדערע נישט בעמערקט.

קרוב זיצן זאיינע נעבן די אַנדערע, האַלטן זיך אַרים די טאַליעס, פערגעסן אָן אויפגעשטעלטן אַפּאַראַט אין מיטן שטיב, מען קלאַפּט אין דער איינגאַנג טיהר פין קאָרידאָר.

סאָפקאַ:

— ווער קען דאָס זיין?

דאָס קלאַפּן הערט אויף, סאָפקאַ פערטיפּט זיך צריק אין קאָרינאַליסטס האַנט אַרים איר טאַליע. (קליינע פויזע)

אין אַ ווײַלע אַרום, מען קלאַפּט ווידער.

סאָפּקאַ:

— סאָניעלע... גײ צו...

סאָניא:

— איך?...

סאָפּקע וויל אויפשטײען.

זשורנאַליסט:

— גײ נישט. ס'איז אודאי אַ שלעפּער...

עמאַ, וויל אויפשטײען:

— אַ חוצפּה דאָס איז...

סאָניאַ, אומצופרידן, גײט צו דער טיר.

מען הערט זי רעדן אין דער אויפגעשפּאַרטער טיר:

— וואָס ווילט איהר דאָ?

אַ פרויען קול:

— אוי, מען זאָגט... אַמעריקאַנער...

סאָנקעלע:

— דאָלאַרן?... (פערקלאַפּט די טיר, קומט צוריק, ברוגזי־ליך, בײז)

סאָפּקאַ:

— די אביונישקײט האָט זיך שוין דערוויסט... איהר וועט זיך שוין נישט האָבן, ווי צו בעהאַלטן...

שרײַבער אפּאַטײַטעס:

— דאָרט אַרבעט מען שווער אויפן סענט...

סאָניעלע זעצט זיך צוריק בײַ זײַן האַנט.

פאָטאָגראַפיסט:

— מיר וועלן הײַנט דען נאָך טיען די אַרבעט?

זשורנאַליסט:

— אָך!...

פאָטאָגראַפיסט:

— ס׳איז אַ יושר אָנציצינדן דעם גאַז.

זשורנאַליסט:

— דער „פאָטאָגראַפיסט"...

עמאַ לאַכט:

— איהר האָט ליעב ליכט?..

פאָטאָגראַפיסט:

— מיין אַרבעט... איך נישט... (איבערן סאַמע אויער) כ׳האָב עקסטרע געהייסן אָנצינדן, כדי איך זאָל האָבן אַ סימן, אז איך בלייב דאָ אויף ביינאַכט...

עמאַ, לאַכט:

— האַ, האַ, האַ.

פאָטאָגראַפיסט:

— וואָס, עס געפעלט אייך?...

עמאַ:

— גיי שוין... איך קען דאָס נישט...

פאָטאָגראַפיסט:

— פאַרוואָס?

עמאַ:

— וואָס וואָלטן מיינע טעכטער געזאָגט?

פאָטאָגראַפיסט:

— גאָרנישט... וואָס זאָלן זיי זאָגן? מאַלע עס בלייבט איין שטיקל מאַנספערזאָן?

עמאַ:

— און אייערע קאָלעגן?...

פאָטאָגראַפיסט, שטייט אויף:

— חברים, איך לייג פאָר...

עמאַ, גיט אים אַ ציה ביי דער פאָלע:

— וואָס ?...

פאָטאָגראַפיסט:

— וואָס שאַדט ?...

זשורנאַליסט:

— וואָס לייגט ער פאָר ?...

עמאַ:

— אַ משיגענער... (קליינע פויזע) ער וויל פאַרלייגן עפּעס אַזוינס, וואָס קלעהבט זיך נישט...

אַלע, טשיקאַווע:

— וואָס ?

עמאַ:

— וועגן בלייבן דאָ אַ גאַנצע נאַכט...

זשורנאַליסט:

— ני יאָ, אָך...

עמאַ:

— אָך, מיין פריינט, מען קען נישט, וואָס וועט דער דרויסן זאָגן ?

סאָניעלע:

— פאַרוואָס קען מען נישט ?...

עמאַ:

— איך ווייס פאַרוואָס מען קען נישט ?...

סאַפּקאַלע און סאָניאַלע:

— יאָ, מאַמעשי, יאָ...

עמאַ:

— ני, וואָס זשע פרעגט איר מיך... (אַלע הייבן אָן צו פּאַטשן שטיל אין די הענט, קיקנדיק צו פרוי עמאַ.)

סאָניעלע שטייט אויף אָנציגנדן דעם גאַז.

מען בעשטעלט נאָכאַמאָל טיי. עס ווערט ליכטיק. מען ברענגט טיי. אַלע זעצן זיך צום טיש.

עמאַ:

— ווי אַזוי קומען די הערן אַהער?

סאָפּקאַ:

— דאָרך אַ ציפּאַל... דאָרך אַ קיש אין די האַנט. איך בין געווען מיט סאָניאַלען אין טויער.

עמאַ:

— אין טויער?

סאָפּקאַ:

— די הערן האָבן געפרעגט אויף גרויסע אָרעמעלייט... האָב איך זיי געזאָגט, אויב זיי ווילן נישט קראַנק ווערן אויף אַן עפּידעמישע קרענק, זאָלן זיי נישט גייען.

עמאַ:

— וויהין האָבן זיי געוואָלט?

סאָפּקאַ:

— אין די סוטערינע...

זשורנאַליסט:

— עס ליגט דאָרט אַזאַ קראַנקער?

סאָפּקאַ:

— ניין. דאָרט זיצט אַ זיידע מיט זיבן אייניקלעך, וואָס מאַכן אויף דר׳ערד, ווי ווערם, ווייל די טאָכטער האַנדלט מיט אַ קיישל אין גאַס.

עמאַ:

— נו?.

סאָפּקאַ:

— האָב איך זיי מציל געווען דאָ אַהער, נאָכדעם ווי דער זשורנאַליסט האָט מיר אַ קיש געגעהבן די האַנט...

צי מאָרגנס. פריה צי פרישטיק. אַרים טיש די דריי הערן.
פריש אַרימגעוואַשן. טרינקען טיי.

פאָטאָגראַפיסט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ הויז?

זשורנאַליסט:

— אַ רעפאָרמירטע שיהל, די דאַוועגער טאָרן זיך נישט
דערלויבן אויף עקסטאַז...

פאָטאָגראַפיסט:

— מען קען האָבן פון די מיידלעך, וויפיל די ביהן פון
האָניק, וואָס איז אינטער אַ גלאָז...

זשורנאַליסט:

— האָסט געליטן אַ מפּלה?..

פאָטאָגראַפיסט:

— כ'האָב געגליהט, ווי אַן אייזן... ד מיטער איז אָפּ-
געהיטן, ווי די מיידלעך.

זשורנאַליסט:

— זיי זעען אין אינז חתנים... דאָס קאַלטע געוועהר,
זייער מכלומערשטע ציגעלאָזטקייט, העלפט נאָר אָנלייגן אַ פייער
ביי יעבעם אין הערצל, מעער ווי גאַנצע צריקגעהאַלטנקייט...

פאָטאָגראַפיסט:

— כ'פיהל מיך, ברידער, ווי אַ הינט, וואָס האָט אַראָפּ-
געשלינגען אַ טשוואָק די נאַכט.. די מיטער איז נאָך קערנ-
דיקער, כ'קען שטאַרבן פון ליעבע, די קישקעס אין בויך דרייט
עס מיר איבער.

שרייבער אפּאַטייטעס:

— אַזעלכע וואָלט איך שוין אויך געוועזן אַ בעלון מיט־ציפּיהרן.

זשורנאַליסט:

— ני, פּערפּאַלן, מען מיז זיין קאָרעקט. נאָר כּדי נישט צי זיצן מעער דאָ אין „גהנום", וועל איך פאָרלייגן איינצי־לאַדן זיי אין דער אָפּערע.

שרייבער אפּאַטייטעס:

— וויפיל קאָסט „אַ טיקעט?"

זשורנאַליסט:

— נישט מער, ווי אַמעריטשקע איז ביכולת פּאַר איר נשמה. עס בעטרעפט אַזויפיל, וויפיל ס'איז וועהרט די מיסיאָ־נערישע ליעבע צי גאָט אויף דער „איסט בראָדוויי", געשיקט דאָרך אַן ענגליש פאַבריקאַנטל... אַלזאָ, מיר פּערבעהטן זיי היינט אין דער אָפּערע.

שרייבער אפּאַטייטעס:

— בעשלאָסן.

די מיטער קימט פין וויטערן צימער. געפּיצט, געוואַשן. טראָגט די זעלבע קליידער, ווי נעכטן צים מיטאָג.

עמאַ:

— ווי זענט איר געשלאָפן, מיינע הערן?

זשורנאַליסט:

— אַ, דאַנק, מיר דאַנקען.

עמאַ:

— גיט?

זשורנאַליסט:

— ווי אַ פויגל... בעסער... אי ער וויגט זיך אויפן צווייגל, אי ער פאַלט נישט אַראָפּ.

פאָטאָגראַפיסט:

— אַ טשוואָק אין בויך... ברידער!

עמאַ:

—אוי, ווי משוגע... (צו אפּאטייטעס) און איר וואָס שווייגט?

שרייבער אפּאטייטעס:

— אָלרייט...

עמאַ:

— פרישטיק... מיינע טעכטער, באַלד... ענטשילדיקט (וואָס אין די קיך)

זשורנאַליסט:

— פריינט אפּאטייטעס.

שרייבער אפּאטייטעס:

— וואָס?

זשורנאַליסט:

— איר האָט „טראָבל"...

שרייבער אפּאטייטעס:

— „נאָ"...

זשורנאַליסט:

— כ'האָב מורא, אַז „יעס"... דאָס „געסייפטע" טשעקן-ביכל וועט פּלאַצן... ס'איז שוואַך... ס'האַלט נישט אויס קיינ אַן אַנדערן גאָט...

שרייבער אפּאטייטעס:

— פון וואָס לעבן זיי?...

זשורנאַליסט:

— אָט דאָס איז זייער הויז, זיי לעבן פון „רענט", אויף צו כאַפּן אַן „איינמאָליקע מציאה" האָט דיין דאָלאַר דאָ נישט קיין שליטה...

פאָטאָגראַפיסט:

— מיין פאָטאָגראַפיר אַפּאַראַט האָט שוין מער מיידלעך געצויגן...

עס הערן זיך טריט.

זשורנאַליסט, גלייכט זיך אויס:

— ני, מיינע הערן...

די טעכטער, געפּיצט, געוואַשן, געראָיטלט, אויך די מי־טער פון קוך, נאָך איר די דיענסט מיט פרישטיק אויף אַ גרויסער טאַץ.

זי הערן שטייען אויף קעגן די צוויי טעכטער, לאָזן זיי זיך זעצן. זיצן דערנאָך אַליין אַנידער. דיענסט אָפּ.

זשורנאַליסט:

— מיר האָבן פארגעסן, ס'איז שוין היינט צימאַרגנס...

סאָפקאָ:

— וואָס?..

עמאַ:

— יאָ, גערעכט... געוויס די אַרבעט אָפּטיען.

שרייבער אפּאַטייטעס:

— אַרבעט איז פאַר „פּלעזשי".

סאָפקאָ:

— מאַמעשי, די פרוי דאָ אַהער מיט די צוויי טעכטער...

עמאַ.

כ'וועל זאָגן דעם מיידל. (צעשטעלט פון דער טאַץ יעדן קאַווע, ס'געבעקס לאָזט זי שטייען אין מיטן טיש. אָפּ אין קיך. אַלע וואַרטן. זי קימט צריק. פּערנעמט איר פּלאַץ. מען עסט.)

אין אַ ווײַלע אַרים. דיענסט בעווייזט זיך.

עמאַ:

— זי איז געוועזן?

דיענסט:

— יאָ.

עמאַ:

— ניט.

דיענסט פיהרט אַריין פון אינטער דער טיהר פון קיך — אַ פרוי, זעער געפּאַלן, מיט צווי מיידלעך, דערוואַקסענע, עלטערע.

זשורנאַליסט:

— יאָ...

די דיענסט פיהרט זיי צום אויסגאַנג פון קאָרידאָר

— שטייט דאָ.. (די פרויען בלייבן שטייען טיעפער אינ-טער דער וואַנט. דיענסט גייט צריק אין קיך)

עמאַ:

— אַ סיורפּריז... איר וועט נישט דאַרפן גייען צו זיי...

זשורנאַליסט:

— פאַר אינז? אָ דאַנק זעער.

סאַפקאַ:

— איר קענט דערווייל צירעכט מאַכן דעם אַפּאַראַט...

זשורנאַליסט, פערייכערט אַ פּאַפּיראָס, צום פאָטאָגראַפיסט:

— יאָ...

פאָטאָגראַפיסט, שטייט אויף, שטעלט אָן דעם אַפּראַט.

עמאַ, צו די פרויען:

— איר וועט אַזוי גיט זיין אַרויסגייען אַהעהר עטוואָס.

פאָטאָגראַפיסט גייט צו, שטעלט זיי אויף דער זייט טיהר, אָנווייזנדיק.

זשורנאַליסט, גיט אַ ווינק צום פאָטאָגראַפיסט, יענער קימט צו, בייגט זיך אָן:

— זעה, זיי זאָלן האָבן טיכלעך אויף די קעפּ, אָדער

צעשויבערט... דאָס איז פערקעמט...

עמאַ גייט צי זיי:

— איר האָט נישט עפּעס טיכלעך?

די פרעמדע פרוי:

טיכלעך?..

עמאַ:

אָדער די האָר צערידערט אַביסעלע.. (הייבט אויף די הענט, צי איין פריילינס קאָפּ, די פריילין כאַפּט אים אַוועק, אדרבה, זי גלעטיקט נאָך שטאַרקער צי די האָר. עמאַ קיקט זיך איבער מיטן זשורנאַליסט)

זשורנאַליסט:

— ס'טויג נישט... (גיט אַ ווינק) ניין...

פרוי עמאַ גייט צריק. אַלע שטעלן זיך אויס אין אַ רעדל אינטערן אַפּאַראַט, שטילע בעראַטונג.

זשורנאַליסט:

— זיי האָבן זיך אָנגעטיען יום טובדיק.. (אונציפרידן) ס'איז נישט...

עמאַ, גייט צי די פרויען ביי דעם קאָרידאָר:

— מען קען נישט ערשט... (קליינע פּויזע).

די פרויען ווילן גייען צי דער קיך טיהר.

עמאַ:

— איר קענט מיטן פראָנט... (פיהרט זיי אַרויס אין קאָרידאָר. עס הערט זיך אַן עפענען און אַ צריק פערקלאַפּן די טיהר. פרוי עמאַ קימט צריק אַליין).

פאָטאָגראַפיסט צים זשורנאַליסט:

— טאָ וואָס זשע?

זשורנאַליסט:

— גאָרנישט... (צי פרוי עמאַ) מען וואָלט אפשר געקענט

אַראָפּבּעפעהלן, זיי זאָלן זיך אָנטיען ווי אין דער וואָכן...

עמאַ:

— זיי האָבן שמאַטעס געניג... (אָפּ אין קיך)

זשורנאַליסט, אויפגערעגט:

— אַ שאָד די צייט...

פאָטאָגראַפיסט:

— ג׳... פערפאַקן ס׳קעסטל?...

זשורנאַליסט:

— וואַרט נאָך... (קליינע פויזע) ני, סאָפּקאַלע, ווי פיהלט איר זיך?

סאָפּקאַ:

— ווי אַ מיידל, ווען די מענער זענען פערנימען...

זשורנסליסט:

— פיין... (גייט צו איר צו) לאַנגווייליק?...

סאָפּקאַ:

— מיר? צו קיקן — יאָ..

זשורנאַליסט:

— ווייסט איר וואָס — רייכערט אַ פּאַפּיראָסל... (נעמט אַרויס דעם פּאַרטסיגאַר, גיט איר אַ פּאַפּיראָס, צינד אָן אַ שוועהבעלע)

(עמאַ קימט צריק. לענגערע פויזע. זשורנאַליסט טראָגט איר צו אַ פּאַפּיראָס, גיט סאָניעלען אויך, אַלע דריי רייכערן, זשורנאַליסט אַליין נישט.)

דיענסט, קימט אַריין. אַלע קיקן צו איר...

עמאַ:

— ני?...

דיענסט:

— ניין... איבערהויפּט די טעכטער...

זשורנאַליסט:

— ני, איז נישט...

עמאַ, גייט צי צי דער דיענסט.

דיענסט:

— זיי זענען נישט קיין בעהטלער...

עמאַ:

— איז נישט...

דיענסט צריק אָפּ.

זשורנאַליסט:

— מאַדאַם, מיר לאַדן אייך היינט איין אין דער אָפּערע, מיט אייערע טעכטער.

עמאַ, צי סאָפּקאַן:

— ווי מיינסטי?

סאָפּקאַ:

— גיט...

זשורנאַליסט, נעמט אַרויס די פּאָרטמנעע, גיט דער מיטער איבער דריי בילעטן, צים שרייבער אפּאטייטעס:

— איר׳ט פערשפּאָרן קויפן...

שרייבער אפּאטייטעס:

— „אָללרייט!"

עמאַ, בעקיקט די בילעטן:

— ערשטע רייע... דאַנק!

פּאָטאָגראַפיסט:

— ני, איינפּאַקן. (גיט אַ צענעם דעם אַפּאַראַט, לייגט אים גלייך אין אַ קעסטעלע:

— ני, עמאַשי, מיר וועלן זיך זעען אין טעאַטער. (קישט איר די האַנט. שרייבער אפּאטייטעס, זשורנאַליסט, פּאָטאָגראַפיסט קישן די הענט פין אַלע דאַמען.

נאָך האַלבן טאָג. אַ קנייפּיעלע אין אַן אָפּגעלעגענער טייל פון שטאָט. אין אַ הינטערשטער שטיבל, אַ פּלעשל ליקער מיט קליינע מאַנדל-בריטלעך אין אַ טעלער אויף אַ טישל ביי אַ פענסטער. דערביי זיצן שרייבער אפּאטייטעס, זשורנאַליסט, פאָטאָגראַפיסט.

זשורנאַליסט:

— דאָרט איז סיי ווי סיי נישט געווען דאָרכצופיהרן, דאָ!..

עס קומט אַריין דער אייגנטימער דאָרך אַ פּראָסט הילצערן טיהרל אין דער וואַנט: אַן עלטערער גרעק, שוואַרצליכע מאָנטנע אויגן. זשורנאַליסט ווינקט מיט אַ פינגער.

גרעק, גייט צו אינטערטעהניק:

— וואָס?..

זשורנאַליסט:

— ביסט אַ גאַסטפריינטליכער?.. מען קען דאָ אַריינפיהרן ווערמען?..

גרעק גיט אַ נייג מיטן קאָפּ.

זשורנאַליסט:

— פיהר אונז אַריין אַ פּאָר מיידלעך, נאָר אייגע אַן עלטערע...

גרעק:

— גיט... (פלעגמאַטיש אָפּ).

זשורנאַליסט גיעסט אָן גלעזלעך:

— לחיים! (אַלע טרינקען).

עס קימען אריין צוויי גאַסן מיידלעך און איינע אַן על־
טערע פרוי.

עלטערע פרוי שעפּטשעט:

— איך טויג דען אויך?..

זשורנאַליסט און פאָטאָגראַפיסט:

— קימט נעהנטער... קימט.

פאָטאָגראַפיסט גייט צו זיי צו, שמיעסט מיט זיי אין
דער שטיל.

מיידלעך:

— מיר האָבן נישט קיין פּאַטשיילעס...

זשורנאַליסט, גייט אויך צו:

— וואַרט, אפשר האָט דער אייגנטימער... גיב זיי צו
ביסליך ברוינפין. — (גייט אַוועק צים טיהרל פין וועגטל, ווי
ער קיקט אריין. פאָטאָגראַפיסט פיהרט די פרויען צים טישל,
גיעסט זיי אָן ברוינפין.)

גרעק בעוויזט זיך אין טיהרל.

זשורנאַליסט:

— אַ פּאָר פּאַטשיילעס...

גרעק:

— ניין...

זשורנאַליסט:

— אַלטע, צעריסענע?..

גרעק:

— סיידן „כאָדניקעס"... לייווענטער. —

זשורנאַליסט:

— גיט... (גרעק אָפּ. אַ קליינע ווײַלע, קימט צריק מיט
נישט קלאָרע פאָדלאָגע לייוונטלעך).

זשורנאַליסט, צו די מיידלעך:

— נעמט, פריווט... (קליינע פויזע, זיי היילן זיך איין אין זיי) גיט, און די האָר אַ ביסל... (פאָטאָגראַפיסט גייט צו, צע־רידערט זיי די האָר. שטעלט אַריין צווישן זיי ביידע די עלטערע פרוי. צעשפּילעט איר אַ ביסל דאָס בלוזקעלע, אַ דאַר, שוואַרץ הערץ קיקט אַרויס, ער צעשויבערט איר אַ ביסל די האָר. שטעלט אויף דעם אַפּאַראַט, קיקט, האַלטנדיק דאָס ציפּקעלע.)

זשורנאַליסט:

— דריק!..

פאָטאָגראַפיסט, ציילט:

— איינס, צוויי. (גלייכט זיך אויס פאַרטיק.)

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— שוין?..

די מיידלעך וואַרפן אַראָפּ פון זיך די לייוונטלעך, גלייכן זיך צו די האָר, די פרוי דעסגלייכן, שפּילעט זיך צו די בלוזקע.

זשורנאַליסט:

— זיי האָבן שוין געטרינקען ליקער?

פאָטאָגראַפיסט:

— יאָ. —

זשורנאַליסט נעמט אַרויס קליינגעלט, שטופּט יעדער אַריין אין האַנט.

עלטער־ע פרוי:

— סיידן נאָר צו אַזעלכע זאַכן... צו עפּעס אַנדערש טויג איך שוין נישט...

איין מיידל:

— אַ פּאַפּיראָס... (זשורנאַליסט גיט איר אַ פּאַפּיראָס, זי פאַררייכערט. אַלע פרויען אָפּ)

זשורנאַליסט צו אַפּאַטייטעסן.

— אַ יולדות דאַרף מען... (צום פאָטאָגראַפיסט) ריף אַריין דעם אַלטן. (פויזע. פאָטאָגראַפיסט פאָלגט און קומט אַריין מיטן אַלטן.)

זשורנאַליסט:

— צי האָסטו גישט אַמאָל אַ ליילעך, מעג זיין אַ שטיקל קרעטאָן.

גרעק:

— יאָ. (פויזע. גרעק אָפּ און קומט צוריק מיט אַן אַלט קרעטאָנען ליילעך, ווידער אָפּ)

פאָטאָגראַפיסט, שפּילעט עס צו איבער אַ ווינקל צו ביי-דע ווענט. זשורנאַליסט זוכט ביי זיך אין פּאָרטפעל, געפינט אַ „שיר המעלות"-בריוול און שטעכט עס אויף אויף דער קרעטאָ-נענער פויערהאַנג. פאָטאָגראַפיסט שטעלט אָן אַנטקעגן דעם אַפּאַראַט, קוקט, האַלטנדיק דאָס שנירל מיטן ציפּקעלע אין דער האַנט, גיט אַ לייכטן דריק, גלייכט זיך אויס:

— פאַרטיק... (פויזע. שלעפּט אַרויס די קלישעס)

זשורנאַליסט:

— נאָכאַמאָל דעם אייגנטימער.

פאָטאָגראַפיסט אָפּ. זשורנאַליסט נעמט אַראָפּ דאָס „שיר המעלות"-בריוול, דערנאָך דאָס שטיקל קרעטאָן, לייגט דאָס „שיר המעלותל" צוריק אין פּאָרטפעל. קליינע פויזע. פאָטאָגראַפיסט קומט צוריק מיטן גרעק.

זשורנאַליסט:

— נאָך אַן אַלטיטשקען מאַן מיט אַ באָרד...

גרעק:

— איך ווייס... (אָפּ).

זשורנאַליסט פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס. (לענגערע פויזע).

שרייבער אפּאַטייטעס:

— איך פיהל שוין באַלד קיין גאַנץ אבער נישט פון דעם ארימשלייפן זיך.

זשורנאַליסט:

— מאַ... שוין באלד...

גרעק קומט צריק מיט א גרויז גראָען אַלטן קריטס, מיט א קריסטוס-לעבגליך און דער פּנים.

קריסט:

— האַ... (בלייבט שטייען אין מיטן שטיב)

זשורנאַליסט:

— „דבר” אים...

פאָטאָגראַפיסט:

— אַביסעלע ברוינפין, אַלטיטשקער... ס'איז געבליבן... אי־בעריק... (גיעסט אים אָן א גלעזעלע ליקער, דערלאַנגט, ריקט אים צי א מאַנדל-ברייטל).

קריסט, נעמט מיט אַ ציטערדיק ביינערדיקער האַנט:

— צי געזינט אייך. (טרינקט, פּערבייסט, פויזע).

זשורנאַליסט:

— טרינקט נאָכאַמאָל, אַלטיטשקער. מיר האָבן דאָך נאָר איין גאָט...

קריסט:

—איינעם נאָר, איינעם... ביים „קאַשציאָל” בין איך געוועסן אַ גאַנצן טאָג, געבעטן אַ גראָשן... נישט געקריגן...

זשורנאַליסט, גיעסט אים אָן דאָס צווייטע גלעזל:

— אַ שטיקעלע הערינג?

קריסט:

— מאַ... (טרינקט. קליינע פויזע).

זשורנאַליסט, גיט א ווייז צים גרעק:

— הערינג... (גרעק אָפּ. קליינע פויזע) דער גרעק טרויט אינז נישט דעם קריסט... מיט די מיידלעך האָט ער אינז געלאָזט... שטעל אַריין די קלישע... (פויזע)

גרעק ברענגט אַ מאַרינירטע הערינגל אויף אַ טעלערל.

זשורנאַליסט:

— די, אַלטיטשקער, געפעלסט אינז אַזוי, דיין פּנים, אַזוי עהנליך צי קריסטוסעס, די באָרד פּאַטריאַרכאַליש, מיר מיזן דאָס פאָטאָגראַפירן...

קריסט:

— כ׳בעהט זעער, כ׳בעהט... (גלייכט זיך אויס).

פאָטאָגראַפיסט בעהט אים, קייגן פענסטער אויפהייבן די אויגן. זשורנאַליסט, גיט אים אַ גלעהזעלע ליקער אין די האַנט. פאָטאָגראַפיסט קיקט, האַלטנדיק דאָס שנירל, גיט אַ דריק דאָס ציפּקעלע, גלייכט זיך אויס...

ער נעמט פענאַנדער באַלט דעם אַפּאַראַט.

זשורנאַליסט:

— זיץ, אַלטיטשקער, עס, טרינק.

קריסט:

— דאַנק! (זעצט זיך).

זשורנאַליסט, צים גרעק:

— וויפיל קימט?

גרעק, שרייבט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, זשורנאַליסט נעמט אַרויס געלט, בעצאָלט. אַלע נעמען נאָך צי שנאַפּסן שטייענדיקערהייט. זשורנאַליסט געזעגנט דעם קריסט. ער, אַפּאַטייטעס, פאָטאָגראַפיסט אָפּ.

קאַפּיטל נײַן

אָוונט. רעדאַקטאָר עטי־פּעטי אין רעדאַקציע־צימער. עס עפנט זיך די טיהר. מיסטער בינאָקל קימט אַריין.

רעדאַקטאָר:

אָ, בינאָקעלע... נייעס? (נעמט אים צים ערשט ביים אַרבל, קריגט זיך דערנאָך צי צי זיין גאָלער האַנט, גיט אים אַ גלעט איבער איר) האַ?..

מיסטער בינאָקל:

— אָ, אַסך... אַ גאַנצן מעת לעת נישט אַריינגעקיקט אַהער.

רעדאַקטאָר עטי־פּייטי:

— אינטערעסאַנטס?..

מיסטער בינאָקל:

— איר הערט דאָך — אַ גאַנצן מעת לעת נאָר זיך נאָכיאָגן...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— נאָך וועהמען?

מיסטער בינאָקל:

— כ'האָב פערפּאָלגט דעם מכשף...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— די?..

מיסטער בינאָקל:

— אַלץ די שדים אין יענעם הויז...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— ני, האָסט שוין עפּעס?

מיסטער בינאָקל:

— שוואַרץ אויף ווייס... (כאַפּט אַרויס לאַנגע בעשריבענע פּאַסן פּאַפּיר.)

רעדאַקטאָר עטי-טעטי:

— ע, בינאָקעלע, בינאָקעלע (גיט אים צערטליך אַ גלעט איבער די האַנט און כאַפּט זיינע צריק צי) היהט דיר די פּיינדעלעך... אָנציהייבן מיט שדימלעך... פערקריך נישט צי וו ...

מיסטער בינאָקל:

— איין מיידל האָבן זיי דאָך שוין פערגוואַלדיקט.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— היהט זשע די דיך אויך...

מיסטער בינאָקל:

— איך ?..

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— פּאָר שטעערן צי האָבן „אַ נקבה", שניידט מען אַפּילו ביי מענטשן נישט גלאַטיק אָפּ...

— מיסטער בינאָקל:

— ני, מילא, וואָס זאָל מען טיען?

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— גיט... גיב זשע עס איבער דעם סעקרעטעער און זאָל עס שוין גייען אין דער מאַשין אַריין. — ער קימט שוין אַריין.

מיסטער בינאָקל:

— גיט.

עס עפנט זיך די טיהר, סעקרעטעער קימט אַריין.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— זעהט, בינאָקעלע האָט אינטערעסאַנטע נייעס... זאָל

עס שוין אַריין...

סעקרעטעער נעמט צו די פּאַפּירלעך בײַ מיסטער בינאָקלען.

מיסטער בינאָקל:

— האָט זשע מיר אַ גוטע נאַכט.

רעדאַקטאָר בעגלייט אים צו דער טיהר, מיסטער בינאָקל אָפּ.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי, צום סעקרעטעער:

— לייגט זשע די שדימלעך אַוועק, גיט זיי נאָך נישט...

עס קומט אַריין שרייבער אַפּאַטייטעס:

רעדאַקטאָר:

— אַ!

שרייבער אפּאטייטעס:

— „יעס"... (נייגט מיטן קאָפּ).

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— אויף אייערע מאַטעריאַלן וואַרטן מיר דאָך...

שרייבער אפּאטייטעס:

— נישט גרינג געווען...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— נישט גרינג... האַ?..

שרייבער אפּאטייטעס:

— ניין... גאָרנישט גרינג... אַרומגעטראָגן זיך פּונקט ווי בלעם מיט די זיבן מזבחות... אויפגעשטעלט דאָס אַפּאַראַטל אימעטום... געפּרוווט, טאָמער, טאָמער... און געשלעפּט זיך דערמיט פון איין אָרט צום אַנדערן... קיין גאַנץ אבער פיהל איך נישט...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי, טרייסטנדיק:

— ני שוין... ני שוין... וואָס גלייכסטי צו בלעם׳ען ?
בלעם בן פעור, בן פרת... דאָס מיינט מען דעם דייטשס אַ
זיהן, ווייל זיי הייסן דאָך טאַקי „פרת״ פרייס... ימח שמם זאָלן
זיי ווערן און אָפּגעמעקט פון דער וועלט און פון אינטער ערד
הימלען... איז ער דאָך געגאַנגען דעמאָלט שעלטן די יידן...
װען ער האָט זיך געטראָגן מיט די מזבחות... און די ביסט
געגאַנגען יידן ציהעלפן, כדי צו פאָטאָגראַפירן די אָרעמקייט...
ווייז זשע נאָר, וואָס האָסטו ?

שרייבער אַפּאָטייטעס שלעפּט אַרויס פון זיין פּאָרטפעל
איין פאָטאָגראַפיע. רעדאַקטאָר קוקט נייגעריק אַריין אין איר
צוזאַמען מיטן סעקרעטעער.

רעדאַקטאָר עטי פייטי, גיט אַ קליין זיפצעלע פון הנאה
ווען:

— אָט דאָס...

סעקרעטעער, שאָקלט מיטן קאָפּ צו יאָ:

— גיט.

רעדאַקטאָר עטי-פייטי:

— און הייסן זאָל עס „דער פיזאָלאָגישער אימוואַנדלונגס-
פּראָצעס״. און ציגעהבן נאָך אַ שורהלע — „אַלס רעזולטאַהט
פון דער נויט אויף דער יידישער גאַס״.

סעקרעטעער:

— געוויס... (שאָקלט מיטן קאָפּ צו יאָ)

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— יאָ...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— און הינטן אַ שטיקעלע בעשרייבונג... אַזוי ברייטליך
אַ ביסל... מעער אַרימגערעדט די נויט: מענטשן ווערן פער-
וואַנדלט דאָרך אַ לאַנגן פּראָצעס פון נויט — פון מענטש, ביז

מאַלפּע, ביז גאָר אור-אור אַלטן וואַלד-שטייגער. ביז מיט פאַר טויזנט יאָר צריק... ביז מיט פאַר צעען טויזנט... הינדערט טויזנט... וואָס גייען נעבעך די מיידלעך איינגעוויקלט אין קאָרע, גישט אין קיין מלבושים?

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— יאָ.

רעדאַקטאָר עטי-פּייטי:

— און ווי די קאָרע איז אַזוי ווייך, ציגעפּאַסט צים גערויך... פּינקט ווי אויסגעאַרבעטע „כאָדניקעס"... דאָס גיט זיך די נויט אַזוי אַן עצה!

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— יאָ.

רעדאַקטאָר עטי-פּייטי מאָטיפּאָטי:

— שוין... און די מיטער, זעה איך, האָט יאָ עפּעס אַ בלוזקעלע!

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— אַ לאַך...

רעדאַקטאָר מאַטי-פּאָטי:

— אַ זאַק...

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— יאָ.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי פּאַטי מאָטי:

— און וואָס עסן נעבעך די דאָזיקע מענטשן? וועגן אָט דעם דאַרף מען שרייבן אַזאַ שטיקעלע... אַזוי ברייטלעך... ביי אייך אין אַמעריקע לייגט מען דאָך אַרויס אינטער די וואַנט זעמעל פין נעכטן, פלייש פין נעכטן... פיש און סערדינען פין נעכטן... און טאָרט פין נעכטן... און די קעץ פּאַשען זיך דאָך אַזוי גראָב, אַזוי פּוכיק...

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— איך וועל שרייבן וועגן דעם...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— און וויַיז באָר, וואָס נאָך האָסטי?

שרייבער אַפּאָטייטעס, ציהט אַרויס פון פּאָרטפעל אַ צווייטע פאָטאָגראַפיע:

— אַן אָרעמע יולדת... אַ קימפּעטאָרן...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— אַ קימפּעטאָרין.

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— איר זעהט די אָרעמקייט?

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— איך זעה.

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— דאָס חושכדיקע ווינקל?

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— איך זעה.

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— אַ יידישע יולדת, נעבעך, אַ „שיר המעלות" בריוול. [...]אָט וועגן דעם דאַרף מען שרייבן...

ביידע בלייבן אין אַ פערטראַכטער פּויזע.

רעדאַקטאָר, מיט אַ זיפצעלע:

— וואָס נאָך האָסטי?

שרייבער אַפּאָטייטעס, ציהט אַרויס נאָך אַ פאָטאָגראַפיע:

— אַ ייד מאַכט שבת קידוש איבער אַ גלעזעלע פּלוימען-יויך, נעבעך. צוויי מאַנדל-ברייטעלעך. אַ הערינגל אויף אַ טעלערל.

רעדאַקטאָר:

— אַ פּאַטריאַרכאַלער ייד! אָט דאָס וועט מאַכן אַ רושם. זאָלן די אַמעריקאַנער זעען, ווי אַ ייד זעהט אויס! זאָל דאָס הייסן?..

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— אַ יידישער גלעזער.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— יאָ. „פון גיזקע גאַס". (שטילערהייט) דאָס היטל עפּעס אַ ביסל נישט יידיש... קריסטליך.

סעקרעטער:

—אַלט-וואַרשעווער פּאַטריאַרכאַלע יידן פלעגן טראָגן מיט גלאַנציקע דאַשקעס.

רעדאַקטאָר:

אַזוי...

סעקרעטער:

— אָבער פאַר די וואָס ווייסן נישט, קען מען דאָס היטל פון דער פאָטאָגראַפיע אַראָפּשניידן, און ציזעצן צו דעם קאָפּ אַ היטל פון אַן אַנדערער פאָטאָגראַפיע, מיט אַ יידישן פאַסאָן.

רעדאַקטאָר:

— ס'פּראַקטיצירט זיך?

סעקרעטער:

— שטענדיק... (לענגערע פויזע)

רעדאַקטאָר, לייגט אַוועק די פאָטאָגראַפיעס אויפן שרייב-טיש, פערטראַכט:

— א־ז ווען זשע וועט איר צימאַכן די בעשרייבונג?

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— ס'איז דען אַ פליכט... שלא על מנת לקבל פרס?

דאָס גייט נישט אַריין אין דער פּענסיע...

רעדאַקטאָר:

— ע, טע, טע, טע... (קליינע פּויזע) ני גיט... בעזינדער. נאָר וואַרעם... אַזוי וואַרעם געשריבן...

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— גיט. (קליינע פּויזע) אַ גיטע נאַכט. (שרייבער אַפּאַטייטעס אָפּ)

רעדאַקטאָר, צים סעקרעטעער:

— מען זעהט עפּעס נישט... די בעשטעלטע?..

סעקרעטעער:

— זענען שוין דאָ אייניקע, פין פריער... אפשר איצט נאָך... (אָפּ)

סעקרעטעער קימט אין אַ ווייַלע אַרים צריק מיט איינעם.

דער נייער:

— הער רעדאַקטאָר!

רעדאַקטאָר:

— וואָס אי?

דער נייער:

— גיט אָוונט.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— גיט יאָר. איר האָט דערהאַלטן?

דער נייער:

— וועגן דעם טאַקי קים איך דאָך...

רעדאַקטאָר:

— נישט דוקא איר אַליין, פערשטייט איר...

דער נייער:

— אודאי.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— פערהאַנדלונגען מיט אַלע אינסטיטוציעס געזעלשאַפט-ליכע... איר האָט דאָך געזעען נאָך יידן אין דער פאָרגדיקער שטיב?..

דער נייער:

— יאָ... דאָ הינען טאַקי האָב איך ערשט דערפאַהרן... כ׳ווייס, כ׳בין חלילה נישט קיין בן יחיד ביי אייך.

רעדאַקטאָר:

— כ׳על חלילה נישט פערלאַנגען פון אייך, וואָס פון אַנדערע נישט...

דער נייער:

— וואָס?

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— אַ קליין טובהלע וויל איך אייך טיען...

דער נייער:

— מיר?

רעדאַקטאָר:

— אייער אינסטיטוציע... נישט בלויז אייערע — אַלע...

דער נייער:

— ני.

רעדאַקטאָר:

— אַ גרויסן בלימעל-טאָג אייך מאַכן...

דער נייער:

— ני, איז דען נאָך אַ פראַגע, צי מיר ווילן?

רעדאַקטאָר:

— די גאַנצע עפנטליכקייט אויפאָדערן!

דער נייער:

— אַ פראַגע!

רעדאַקטאָר:

— נאָר איר דאַרפט עס דאָרכפיהרן...

דער נייער:

— אַ פראַגע!...

רעדאַקטאָר:

— איז גיט?...

דער נייער:

— יאָ...

רעדאַקטאָר:

— וואָס יאָ?...

דער נייער:

— ני וועלן מיר צינעמען... איך מיין, איך מיין, איר דאַרפט זיך נאָך פרעגן וועגן דעם צי מיר וועלן נעמען?

רעדאַקטאָר:

— וואָס נעמען? איר העערט דאָך, אַז איך גיי עס איינ־אָרדענען...

דער נייער:

— ני, יאָ, איר...

רעדאַקטאָר:

— נישט איך, נאָר די רעדאַקציע...

דער נייער גיט זיך אַ וויש איבערן שטערן:

— אַ, יאָ, נישט איר... (פערטראַכט זיך, גיט זיך נאָכאַמאָל אַרייב איבערן שטערן) ני, איז אַזוי ווי מיינט איר?

רעדאַקטאָר:

— אָ... אין דער פאָרנדיקער שטיב קימט צי אַ הסכם פריער מיט די איבעריקע... דערנאָך קימט אַריין... אַליין, איר איינער אַליין...

דער נייער:

— קענט איר מיר אפשר זאָגן עפּעס ממשותדיקס... איך מיין, כ׳זאָל קענען גלייך רעדן...

רעדאַקטאָר:

— ע, טע, טע, טע.. קימט נאָר אַדאָרך פריער צווישן זיך... דערנאָך...

דער נייער:

— ני גיט... (אָפּ)

רעדאַקטאָר, צים סעקרעטעער:

— איצטער עט מע זעען...

ער שטייט אויף, גייט אויף און אָפּ, אַביסעלע געריירט...

עס עפנט זיך די טיהר. עס קימט אַריין דער „גלייכער שפּיגל״:

— גיטן אָוונד...

רעדאַקטאָר:

— יאָ...

גלייכער שפּיגל, רעדט און קיקט אין בעליק אַריין:

— אַז ס׳איז אַזאַ אָנלויף, אַז מען קען די רעדאַציע נישט דאָרכגייען...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— האַ... גלייכער שפּיגל? גייט טאַקי אַריין...

גלייכער שפּיגל:

— וואָס האָב איך דען דאָרט? ווער איז דען דאָרט דאָ?...

רעדאַקטאָר:

— גאָרנישט... עסט נאָר אַ קיק געהבן. כ׳דאַרף, זיי זאָלן דיך זעען...

גלייכער שפּיגל „געממזרט״:

— אַז כ׳פערשטיי נישט...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— ע... (גיט אים אַ גלעט) איר זענט דאָך אַ גנב...

גלייכער שפּיגל:

— אַז איך פּערשטיי טאַקי נישט...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— גי גייט שוין, איר זענט דאָך אַ גנב...

גלייכער שפּיגל, גיט אַ הייב מיט אַן אַקסל-אָרם און מיט אַ פּיס:

— מילא, אַז איר זאָגט כ׳פערשטיי... (דרייט זיך אים-געלימפּערט אויס. פּינקט ווי אַ שיף, ווען זי איז אַרויף אויפן ברעג און האָט שוין אָנגעקלאַפּט אָן זאַמד)

רעדאַקטאָר עטי פּייטי

— יאָ, יאָ... איר זענט אַ גנב...

גלייכער שפּיגל:

— אָבער דאָס וועט נישט זיין אימזיסט... (אָפּ)

אין אַ קליינער ווילע אַרים. עס קימט אַריינצילויפן דער נייער.

דער נייער, שטיל:

— אי, צי וואָס האָט איר מיר אַריינגעשיקט דעם גלייכן שפּיגל? אי, ער מאַכט דאָך מיר קאַליע מיט זיין בעווייזן זיך...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי מאָטי פּאָטי:

— ס׳שאַד נישט, ס׳שאַדט, קרוינעלע...

דער נייער:

— אי, יעדער געדענקט נאָך... און יעדן האָט ער שוין אַ ביס געטיען...

רעדאַקטאָר:

— ווּעהמען?...

דער נייער:

— מילא מיר, בין איך איך מוחל... אָבער די איבעריקע?

רעדאַקטאָר:

— אייך?...

דער נייער:

— אינזער חברה האָט ארויסגעלאָזט אַ בלימעל צו פער־קויפן, און זעלבן און דער פריה קומט פון אים אַזאַ פזמון: „גיי איך אַרויס פון שטיב, כאַפּט מען מיך פאַר דער לאַץ מיט אַ בלימעל... וויל איך צריק אין שטיב, כאַפּט מען מיך אָן מיט אַ בלימעל... וויל איך אַנטלויפן אויפן טראַמוויי, לויפט מען מיר נאָך מיט אַ בלימעל... וויל איך מיך בעהאַלטן צו אַ שכן, שפרינגט מען מיר נאָך שוין אויף דער שוועל מיט אַ בלימעל... האָב איך מיך מישב געוועזן און אַרויף אויפן פערטן שטאָק און — אַ סוף זאָל עס נעמען! אַראָפּגעוואָרפן זיך און, אַן עק זאָל עס נעמען מיטן בלימעל!..." ני פרעג איך אייך: אין טאָג, ווען מען לאָזט אַרויס אַ בלימעל... און זעלבן אינדערפריה?... און דאָס האָט ער שוין אַלע אַנדערע געביסן...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— ני, וואָס וויל ער?...

דער נייער:

— ער האָט דאָך גאָרנישט געזאָגט... מיר זאָלן דען זיין נביאם, אַז ער וויל עפּעס?...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— ני, מילא, וואָס אַמאָל איז געוועזן... ני גיי שוין, קינדעלע... ס'שאַדט נישט...

דער נייער:

— איך בין נישט חושד... איר האָט'ן חלילה נישט אָנגערייצט ערשט, קייגן אַלע זיך אָנידערצישטעלן דאָרט... אָבער

נעמט אים צי... ער שטערט מיר... ער ריפט אַרויס פערדראָס...

רעדאַקטאָר עטי פייטי, צים סעקרעטעער:

— ווי מיינט איר... ר'עט מיך פאָלגן דער שייגעץ?..

ני, גייט, זאָגט אים, אַז איך דאַרף אים...

דער נייער און סעקרעטעער אָפּ.

דער שותף קימט אַריין:

— וואָס איז עס דאָרט פּאַר אַזאַ גערידער!

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— כ'האָב דאָך זיי געלאָזט קימען...

שותף:

— אָבער עפּעס אויפגערעגט...

רעדאַקטאָר:

— ס'שאַדט נישט... דער גלייכער שפּיגל איז דארט...

שותף:

— אָבער דאָס ציזאַמענריפן איז כאָטש עפּעס?...

רעדאַקטאָר, גיט עפּעס אַ טאַפּ מיט די פינגער אין דער ליפּט:

— אַוודאי...

גלייכער שפּיגל, קימט אַריין מיטן סעקרעטעער.

גלייכער שפּיגל:

— ני, וואָס ריפט איר מיך ווידער צריק?... אַן אָנטשע-פּעניש אַביסל... זיי האָבן אויף מיר אויסגעשטעלט אויגן פינקט, ווי כ'וואָלט זיי עפּעס ציגענימען... פינקט ווי זיי וואָלטן ביי מיר ווייב און קינדער פערמשכונט און, כ'וויל זיי נישט אָוועק-געהבן...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— ע... איר זענט דאָך אַ גנב...

גלייכער שפיגל:

— וואָס האָב איך פון זייער פיינשאַפט צו מיר?...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— איר זענט דאָך אַ גנב...

גלייכער שפיגל:

— הכלל, רעדאַקטאָר, גיט מיר אַ קוויטעלע צו דער קאַסע.

רעדאַקטאָר:

— ע, איר זענט דאָך אַ גנב...

גלייכער שפיגל:

— ני, ני... איך האָב גאָרנישט מער, ווי פיינשאַפט... אַ וועלט מיט שונאים מאַכט מיר אָן אייער צייטונג...

רעדאַקטאָר עטי פייטי מעטי פעטי, צעלאַכט זיך שטיליטשקערהייט:

— ביסט דאָך אַ גנב...

גלייכער שפיגל:

— וואָס מער האָב איך?...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— און פלעשעלעך כרמל ווייַן... און אַ גיט טיך קעלנערלעך... און אַ גיט טיך שקאָרפּעטקעס... און ביליק סחורה אויף אַן אַנציג... און דער „היאַס" קען דען נישט נעמען אַ שליח אַן אַנדערן... געדענקסט פאַר אַ יאָהרן... אָפּצישיקן געלט צו אַ ייד אין אַ פערוואָרפן שטעטל אַריין?... צו וואָס דאַרף ער דיך נעמען פאַר אַ שליח, כדי די זאָלסט ערשט נעמען אַ שליח?... באַרעלע... דאָס „צייטונגל" איז דאָך טאַקי נישט געמאַכט געוואָרן פאַר מיר...

גלייכער שפיגל:

— הכלל, רעדאַקטאָר, אַ קוויטעלע...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— נאַ דיר אַ קוויטעלע... (שרייבט אים אויס פון אייגע־נעם בלאָקל, גיט אים)

גלייכער שפּיגל, נעמט צו, דרייט זיך געשווינד אויס, ווי אַ שיף אויף איין זייט, ווען זי ווערט געלעכערט:

— אַז כ׳האָב גאָרנישט פּין דאָ הינען... אַז כ׳האָב נאָר אימזיסטע שונאים...

רעדאַקטאָר, בעגלייט אים אין די טיהר אַריין:

— גנב...

גלייכער שפּיגל אָפּ.

שותּף:

— מען דאַרף מאַכן אַ סוף צו די ציגאָב קוויטעלעך... דאָס מאַכט אַ לאָך אין דער קאַסע.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— מען קאָן דאָך נישט... האַ... אַ רעדאַקציע האָט דאָך זייטיקע זאַכן... איר האָט דאָך געהערט: צו וואָס דאַרף ער אַ וועלט מיט שונאים?... קוויטלעך מיזן דאָך זיין... (קליינע פּויזע) איי, איי, איי... ס׳איז דען נישט שווערער אַ צייטונג צו פיהרן, ווי אַ לאַנד?... דאָרט פּיהרן דאָך מיניסטאָרן אַסך...

דער נייער קימט אַריין:

— הער רעדאַקטאָר, כ׳האָב מיך געדאָרפן עפּעס אינפאָר־מירן: דאָס בלימעל, פערשטייט זיך, קענען דאָך אַלע אין איין טאָג נישט אַרויסלאָזן... ס׳עט דאָך ווערען אַ פערפלייצונג... ס׳זענען דאָך דאָ דרייסיק חברות... טאָ ווי אַזוי?... מען דאַרף געפינען אַ פאָרם, עס זאָל טראָגן אַ גראַנדיעזערן כאַראַקטער...

רעדאַקטאָר:

— דער „בלימעל־חודש״... אינטער דעם נאָמען... אַזאַ אַלגעמיינער קאָפּ...

דער נייער:

— דאָס איז אַן אויפּטיה...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— נו, ווי האַלט עס שוין?..

דער נייער:

— מ'עט אַ דאַרף... כ'מיין פּיפּציק פּראָצענט וועלן זיי אײַנגייען, צו געהבן פאַר אַנאָנסן...

רעדאַקטאָר:

— אַכציק... און אייך צוואָנציק..

דער נייער:

— צוואָנציק?.. (דרייט מיטן קאָפּ צו ניין)

רעדאַקטאָר:

— יאָ, יאָ...

דער נייער:

— מילא, איך גיי טיען... (אָפּ)

רעדאַקטאָר, צום שותף:

איר זעהט שוין... דער „גלייכער שפּיגל" האָט זיי אַרויס-געבערענגט פון גלייכגעוויכט?.. פּיפּציק שוין...

דער נייער קימט צריק:

— כ'בין אַנטלאָפן... אַכציק! כ'האָב זיי אָפּגעבריהט... כ'האָב פּשוט מורא פאַר זיי... זיי זענען מיך בעפאַלן, ווי די ביהגען, ווען מען וויל ביי זיי צינעמען דעם האָניק...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— בעפאַלן?... ע... עס איז דאָך נישט קיין יידישע מידה, ע...

דער נייער:

— נו, איר זעהט דאָך... איך קען נישט אָרייננגייען צו זיי... אפשר זעכציק?...

רעדאַקטאָר:

— ניין.

דער נייער:

— מילא, איך גיי... נאָר זעהט, רעדאַקטאָר, אַליין, ווי איך טיה... כ'וואָלט געוואָלט ס'זאָל מיר שפּעהטער ציניק קימען... אייער מיט אַרבעטער, די פייערדיקע באָרד... זאָל עפּעס אַרויס מיט אַ פּרים אַרטיקעלע... ווי אַלעמאָל ביי יידנס צרות... עס זאָל אַ „ציפּ טיען" ביי אינזער חברות אַ בלימעל...

רעדאַקטאָר עטי פּייסי:

— גייט... גייט... גייט...

דער נייער אָפּ.

רעדאַקטאָר, צים סעקרעטעער:

— איך גיי איצט אַרויס... איך דאַרף דאָ נישט זיין... איר וועט זיי אַרייבלאָזן איינציקווייז... נאָטירן אַלע זייערע חברות, קיין איינער זאָל נישט קענען שפּעהטער זאָגן — ער איז נישט געווען... איר פּערשטייט... דערנאָך ערשט וועל איך אַריינקימען, ווען זיי וועלן אַוועק... (צים שותּף) קימט, מיר דאַרפן דאָ נישט זיין איצט... (רעדאַקטאָר און שותּף אָפּ)

סעקרעטעער שניידט שטיקלעך פּאַפּיר.

דער נייער קימט אריין:

— הכּלל, דאָרכגעקימען...

סעקרעטעער:

— אַכציק...

דער נייער:

— דאָס האָט דער רעדאַקטאָר מיר צי דאַנקען... אַכציק...

סעקרעטעער:

— נאָט אייך די קוויטעלעך... איר ווייסט שוין ווי אַזוי?.. יעדער שרייבט זיך אויף דעם נאָמען פון זיין חברה, שפּילעט

צי צום אַרבעט. און לאָזט זיי אַהער אַריין איינציקווייז...

דער נייער נעמט די שטיקלעך פּאַפּיר. אָפּ

אין אַ ווײַלע אַרום הערט זיך אַ געדיכט רעדן פון אַסך אָנגעקומענע אינטער די טיהר. סעקרעטער מאַכט זיך גרייט צים שרייבן. עס קימט אַריין דער נייער, דער ערשטער, שוין מיט אַ ציגעלשפּילעט קוויטל צי דער לאַץ.

סעקרעטער:

— „בית לחם!" (פערשרייבט, דער נייער אָפּ, אים פער־בייט אַ צווייטער, אַריינקימענדיק מיט דער זעלבער אָרדענונג)

סעקרעטער:

— „תומכי עניים!" (פערשרייבט, צווייטער אָפּ, אים פער־בייט אַ דריטער)

סעקרעטער:

— „לחם עוני!" (פערשרייבט, דריטער אָפּ, אים פערבייט אַ פערטער)

סעקרעטער:

— „תומכי יולדות!" (פערשרייבט, פירטער אָפּ, אים פער־בייט אַ פיפטער)

סעקרעטער:

— „סומך נופלים!" (פערשרייבט, פיפטער אָפּ, אים פער־בייט אַ זעקסטער)

סעקרעטער:

— „חזקי הדעת!" (פערשרייבט, זעקסטער אָפּ, אים פער־בייט אַ זיבעטער)

סעקרעטער:

— „שלומי אמונה!" (פערשרייבט, זיבעטער אָפּ, אים פער־בייט אַן אַכטער)

סעקרעטעער:

— „שומרי שבת!“ (פערשרייבט, אַכטער אָפּ, אים פערבייט אַ ניינטער)

סעקרעטעער:

— „שומרי הדעת!“ (פערשרייבט, ניינטער אָפּ, אים פער-בייט אַ צענטער)

סעקרעטעער:

— „גמילת חסד!“ (פערשרייבט, צענטער אָפּ, אים פער-בייט אַן עלפטער)

סעקרעטעער:

— „מרבה תורה!“ (פערשרייבט, עלפטער אָפּ, אים פער-בייט אַ צוועלפטער)

סעקרעטעער:

— „רופא חולים!“ (פערשרייבט, צוועלפטער אָפּ, אים פער-בייט אַ דרייצנטער)

סעקרעטעער:

— „עץ החיים!“ (פערשרייבט, דרייצנטער אָפּ, אים פער-בייט אַ פערצנטער)

סעקרעטעער:

— „צער בעל החיים!“ (פערשרייבט, פערצנטער אָפּ, אים פערבייט אַ פיפצנטער)

סעקרעטעער:

— „חזקי עוזבים!“ (פערשרייבט, פיפצנטער אָפּ, אים פערבייט אַ זעכצנטער)

סעקרעטעער:

— „טראָפּן מילך!“ (פערשרייבט, זעכצנטער אָפּ, אים פער-בייט אַ זיבצנטער)

סעקרעטעער:

— „אצל רענון!" (פערשרייבט, זיבצנטער אָפּ, אים פערבייט אַן אַכצנטער)

סעקרעטעער:

— „בריאות!" (פערשרייבט, אַכצנטער אָפּ, אים פערבייט אַ ניינצנטער)

סעקרעטעער:

— „בית יתומים!" (פערשרייבט, ניינצנטער אָפּ, אים פערבייט אַ צוואַנציקסטער)

סעקרעטעער:

— „אשל!" (פערשרייבט, צוואַנציקסטער אָפּ, אים פערבייט אַן איינאונצוואַנציקסטער)

סעקרעטעער:

— „הכנסת כלה!" (פערשרייבט, איינאונצוואַנציקסטער אָפּ, אים פערבייט אַ צווייאונצוואַנציקסטער)

סעקרעטעער:

— „אָרעמע קינד!" (פערשרייבט, צווייאונצוואַנציקסטער אָפּ, אים פערבייט אַ דרייאונצוואַנציקסטער)

סעקרעטעער:

— „אינטעליגענטן קינד!" (פערשרייבט, דרייאונצוואַנציקסטער אָפּ, אים פערבייט אַ פיראונצוואַנציקסטער)

סעקרעטעער:

— „הכנסת אורחים!" (פערשרייבט, פיראונצוואַנציקסטער אָפּ, אים פערבייט אַ פינפאונצוואַנציקסטער)

סעקרעטעער:

— „שמח חתן וכלה!" (פערשרייבט, פינפאונצוואַנציקסטער אָפּ, אים פערבייט אַ זעקסאונצוואַנציקסטער)

סעקרעטעער:

— „בקור חולים!" (פערשרייבט, זעקסאונצוואַנציקסטער אָפּ, אים פערבייט אַ זיבנאונצוואַנציקסטער)

סעקרעטעער:

— „מתן בסתר!" (פערשרייבט, זיבנאונצוואַנציקסטער אָפּ, אים פערבייט אַן אַכטאונצוואַנציקסטער)

סעקרעטעער:

— „מושב זקנים!" (פערשרייבט, אַכטאונצוואַנציקסטער אָפּ, אים פערבייט אַ נײַנאונצוואַנציקסטער)

סעקרעטעער:

— „מלבוש ערומים!" (פערשרייבט, נײַנאונצוואַנציקסטער אָפּ, אים פערבייט אַ דרייסיקסטער)

סעקרעטעער:

— „לינת הצדק!" (פערשרייבט, דרייסיקסטער אָפּ, אים פערבייט אַן איינאונדרייסיקסטער)

סעקרעטעער:

— „אַ לעפל קאַשע!" (פערשרייבט, דאָס איז דער לעצטער. אָפּ. עס קימט שוין נישט קיינער.)

סעקרעטעער לייגט צינויף די רשימה.

דער נייער, קימט נאָך אַריין:

—ני, האָט איר געזעען. איך האָב מיינס געטיען בשלימות. גרייסט דעם רעדאַקטאָר. אַ גיטע נאַכט.

סעקרעטעער בעגלייט אים צי דער טיהר. דער נייער אָפּ. עס קימט איינער אַליין דער רעדאַקטאָר.

רעדאַקטאָר, נעמט די רשימה, קנייטשט צי איין אויג:

— איינאונדרייסיק זענען דאָ... טע, טע, טע. דאָס זענען אַנטקייגן די איינאונדרייסיק מלכים, וואָס די יידן האָבן פערטריבן... און דערנאָך זיך אַליין אויך... ע, טע, טע, טע. (צים

סעקרעטעער) וועלן מיר האָבן אַ רעדאַקציע-זיצונג, וועלכןחודש צי בעשטימען פאַרן בלימעל... מיר דאַכט זיך, אַז אויפן חודש אלול...

סעקרעטעער:

— יאָ, דאָס איז דער בעסטער חודש...

רעדאַקטאָר:

— אין דעם חודש גיבן דאָך יידעלעך... זיי כאַפּן זיך אויף ווי פון שלאָף: געוואַלט!.. אַ גאַנצן זימער אַרימגעלאָפן מיט פערדרייטע דאַשיקעס, בעהטן זיי, נעבעך, איצטער, אַלע וויסטע קאַליקעס, אַז זיי זאָלן זיי אויסלייזן פון זינד און צו-נעמען די פּאָר גראָשן...

— דעם חודש אָבער וועלן די צדקה חברות נישט בע-שטייען אָוועקציגעהבן, נאָר לאָזן פאַר זיך...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי פּוטי מוטי, גיט אַ קנייטשעלע מיטן שטערן און קוים-קוים אַ מאַך אַ נאַכלעסיקע בעוועגונג מיט דער האַנט:

— ע, טע, טע, טע... (מען קלאַפּט אין דער טיהר, אויפ-געכאַפּט) ביטע!

עס לויפן אַריין מיסטער בינאָקל מיט אַ יינגער דאַמע אין אַ פעלצן-מאַנטעלע און היטעלע מיט אַ הויכער שטרויספעדער, אַ וואָאַל אויפן געזיכט, מיסטער בינאָקל:

— גיטן אָוונד, הער רעדאַקטאָר!

די דאַמע פערנייגט זיך:

— גיטן אָוונד.

רעדאַקטאָר:

— גיטן אָוונד.

מיסטער בינאָקל:

— איך שטעל אייך פאָר מיסיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן

די גרעסטע אַרטיסטן אין דער וועלט, הער רעדאַקטאָר.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— עס פרײדט מיך זער. די מיס כאַשאַ כאַשיש שוש...

מיכטער בינאָקל:

— שאַן...

רעדאַקטאָר:

— יאָ, ני וואָס האָבן זי געוואָלט און מיט וואָס קען איך איהן דינען?

מיסיס כאַשי כאַשיש שושאַן, ריקט אויף די וואַל פון דער הינטערשטער העלפט פנים, ווי עס קיקן אַרויס, אַ פּאָר רויט-פלאַמענעדיקע ליפּלעך:

— אָ, זער פיל גענעהדיקער הער רעדאַקטאָר.

רעדאַקטאָר, מיט אַ פלעמעלע אין די אויגן און צע-שמייכלט שראַהלנדיקע קנייטשעלעך אַרום זיי:

— יאָ...

מיסיס כאַשא כאַשיש שושאַן:

— אָ, יאָ...

רעדאַקטאָר:

— ביטע. זיצט.

מיסיס כאַשאַ שושאַן:

— אָ, איך דאַנק זער (זעצט זיך נישט, נאָר שטעלט זיך נעהנטער צים רעדאַקטאָר, אַזוי, אַז זי עטעמט אים אַזש אַריין אין מויל) איין גרויסע געפעליקייט: איך האַבע היער איין אויפ-טריט אין גראָססן טעאַטער אויף דזיעלנאַ, נישט וואַהר?... אונד „פאָרציגליך”, בעהט איך איהנען איין שיינע נאָטיץ, נישט וואַהר?... אַך, ה׳ רעדאַקטאָר!

רעדאַקטאָר עטי פּייטי מייטי פּייטי:

— יאָ, יאָ, יאָ... פון וואָס זאָל זי בעשטייען די נאָטיץ?

מיסיס כּאַשע כּאַשיש שושאַן:

— איינע גראָסע שוישפּילערין, נישט וואַהר?... די גרעסטע.

רעדאַקטאָר:

— ני, יאָ, מיר וועלן שוין וויסן. בינאָקל, די ווייסט דאָך שוין, מיז זיין.

מיסטער בינאָקל:

— יאָ... אָבער דאָס איז נאָך ווייניק.

רעדאַקטאָר, פערטראַכט זיך:

— ני, יאָ... מען דאַרף נאָך עפּעס אויפטיען... מאָרגן זאָלן אַלע שמיעסן וועגן דער נייער שוישפּילערין... די קענסט נישט עפּעס טיען?

מיסטער בינאָקל:

— איך ווייס?...

רעדאַקטאָר:

— ני גיי זשע אין גאַס אריין, די וועסט שוין עפּעס געפינען... גיי, גיי, בינאָקעלע...

מיסיס כּאַשע כּאַשיש שושאַן:

אָ, דאַנקע, מיין זעער ליעבעס ווירדיקער ה' רעדאַקטאָר. און ווען ווערדן מיר זיך זעען נאָך איין מאָל?...

רעדאַקטאָר:

— איר וועט שוין געפינען, ווען... בינאָקעלע, זעה, אַז מאָרגן זאָל אימעצים געוועדט זיין וועגן דעם נאָמען... (צו איר) ווען טרעהטן זי אויף, מאָרגן, איבערמאָרגן? (צו אים) מען דאַרף אויפשטעלן די עפנטליכקייט...

מיסטער בינאָקל:

— גיט!

שוישפּילערין דערלאַנגט דעם רעדאַקטאָר די האַנט, וועל-

כע ער האַלט אַ מיניט איןביידע הענט און גלעטיקט זי בשעת מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן שמייכלט זיס, מכלאָמערשט צריקגע-צויגן מיט די אַקסעלעך.

רעדאַקטאָר:

— אַ גיטע נאַכט.

מיסיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן:

— גיט יאָר.

מיסטער בינאָקל גיט זי אַ כאַפּ אינטערן אָרעם. ביידע אָפּ.

רעדאַקטאָר, צים סעקרעטער:

— ני, איצטער געענדיקט. צייט צי גיין ריען. (ציהט אַרויס דעם זייגער פין טאַש, קיקט זיך איין מיט אַ נידערי-קער ראיה) עלף. אַנדערע מענטשן שלאָפן שוין.

סעקרעטער:

— איך גיי אויך. (גיט אַ לאָז אַראָפּ די זאַלויזע פין שרייבטיש, כאַפּט זיין פּאַלטנדל פין הענגער אַראָפּ).

קאַפּיטל צען

רבקהלע פיינגאָלד. אָוונד. אין שטיב איז ליכטיק. אין די טיר קלאַפּט מען.

רבקהלע לויפט צי:

— ווער איז עס?

מיסטער בינאָקלס קול:

— איך.

רבקהלע לאָזט אַראָפּ די קייט, עס קימט אַריין מיסטער בינאָקל.

מיסטער בינאָקל:

— גיט אָוונט.

רבקהלע צייגאָלד:

— גיט אָוונט, גיט יאָר. (ביידע קיקן זיך אָן) איר זענט שוין דאָ לאַנג נישט געווען.

מיסטער בינאָקל:

— פערנימען...

רבקהלע פיינגאָלד:

— כ'האָב שוין געבענקט נאָך אַ מענטש

מיסטער בינאָקל:

— און „ער״?...

רבקהלע פיינגאָלד:

— „ער״?... האָט זיך מסתמא אָפּגעשמיעסט מיט אייך... קימט אויך נישט פין צייט אָן איר קימט נישט...

מיסטער בינאָקל:

— ני, גיט זשע מיר אַ קיש, אַז איר האָט יאָ געבענקט נאָך אַ מענטש...

רבקהלע פיינגאָלד:

— דאָס האָט איר געהאַט צייט דעמאָלט, איר געדענקט?

מיסטער בינאָקל:

— איך האָב נישט קיין שכל געהאַט...

רבקהלע פיינגאָלד:

— און היינט איז שוין צי שפּעהט... (שמייכלט) אַלץ פאַר „יענעמס״ וועגן...

מיסטער בינאָקל, וויל זיך צי'ן איר ציגענעהנען.

רבקהלע דראָעט אים:

— ניין!

מיסטער בינאָקל:

— איך ווייס, אַז נישט... אַלץ „ער"...

רבקהלע פיינגאָלד:

— אַבי, איר ווייסט כאָטש... (זעצט זיך)

מיסטער בינאָקל:

— אַלץ דעריבער, ווייל איך האָב מיך איינמאָל בענאַרישט... אַפילו זעצן בעהט זי מיך נישט...

רבקהלע פיינגאָלד, מיט אַ שטיל שמייכעלע:

— איר זאָגט עפּעס?...

מיסטער בינאָקל:

— איך זאָג: אַ שיין פּנים האָב איך ביי אייך... אַפילו זעצן בעהט איר מיך נישט...

רבקהלע פיינגאָלד:

— צי וואָס דאַרף איך אייך... אַז כ'האָב שוין איינעם, וואָס זעהט אויס פּינקט, ווי איר...

מיסטער בינאָקל:

— דאַרף איך דען זיין דער ערגערער?...

רבקהלע פיינגאָלד, שמייכלט:

— זיצט פינדעסטוועגן... (ער זעצט זיך, קליינע פּויזע) איר זאָלט זיך גאָרנישט איינרעדן... אַ מיידל האָט טאַקי ליעב איינציקלויבן, צווישן צוויי, דעם בעסערן... און דאָס איז „ער" טאַקי...

מיסטער בינאָקל:

— איך ווייס שוין אַפילו געננוי, וואָס ער האָט אייך געטיען...

רבקהלע פיינגאָלד, פיין שמייכלענדיק:

— איך האָב דאָך אייך אַליין דערציילט... איר ריפט עס אָן פערגוואַלדיקט... און איך — אַביסעלע אַנדערש...

מיסטער בינאָקל:

— און זאָך איז ער עהנליך צו מיר...

רבקהלע פיינגאָלד:

— אָבער פון דעם קען נאָך אייך גאָרנישט אַרויסקימען...

מיסטער בינאָקל:

— אָבער אַ שטיקל סאַטיספאַקציע האָב איך יאָ... איך קען מיר כאָטש איינרעדן: ער — איך, איך — ער...

רבקהלע פיינגאָלד:

— „איינרעדעניש" איז גיט פאַר יענער וועלט צו בע־האַלטן... ערשט אויף איבער הינדערט און צוואנציק יאָר... דער־ווייל אָבער, דאָ?...

מיסטער בינאָקל:

— ני, ני... העערט מיך שוין אויף צו רייצן...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ס'איז אייך ביטער אין „פיסקל"?...

מיסטער בינאָקל:

— איך קען אייך צריק רייצן... כ'האָב יענע נאַכט גע־זען אייך, איז גלייכער אויף יענע צו קיקן, ווי מיט אַנדערע צו פערברענגען...

רבקהלע:

— ווי האָט איר זי געזען?

מיסטער בינאָקל:

— אין אַ קאַבאַרעט...

רבקהלע:

— אַ טענצערין?...

מיסטער בינאָקל:

— נאָך בעסער, אַן אַרטיסטן...

רבקהלע:

— יאָ, ווער איז די, וואָס האָט פערלוירן פאַר אַ האַלבן מיליאָן איין ברילאַנט?

מיסטער בינאָקל:

— פון וואַנען ווייסט איר?

רבקהלע:

— ס׳איז היינט בעשריבן אין דער צייטונג...

מיסטער בינאָקל:

— ווי הייסט זי?

רבקהלע:

— מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן...

מיסטער בינאָקל:

— געדענקט איר אַזוי גיט?

רבקהלע:

— פאַר אַ האַלבן מיליאָן אַ ברילאַנט שניידט זיך איין אין זכרון...

מיסטער בינאָקל:

— אָט דאָס איז גיט...

רבקהלע:

— וואָס?...

מיסטער בינאָקל:

— כ׳מיין, זי איז אַ גיטע אַרטיסטן, זי וועט אויפטרעהטן אין היגען גראָסן טעאַטער אויף דזיעלנע...

רבקהלע:

— קען איך זי אויך זעען?...

מיסטער בינאָקל:

— יאָ... זאָגט „אים״, ער זאָל אייך מיטנעמען...

רבקהלע:

— כ׳וועל אים טאַקי זאָגן...

מיסטער בינאָקל, שטייט אויף:

— ווי כ׳זאָל נישט וועלן דאָ נאָך זיצן, מיז איך אַוועק־גייען... כ׳האָב מורא, „ער״ דאַרף אָנקימען...

רבקהלע:

— גיט, גיט, גייט טאַקי...

מיסטער בינאָקל:

— אַ גיטע נאַכט.

רבקהלע:

— אַ גיטע נאַכט! (בעגלייט אים צי דער טיהר. ער אָפּ. ווען רבקהלע קימט צריק צים טיש הערט זיך אַ סערענאַדע פין הינטערן פענסטער):

מיידל, די מיידל,
פיין ביסט און איידל,
שמייכלענדיק, שטיל,
און פיהרסט גלייך צים ציעל...

הומאָר איז דיין קריג,
און שפּיעל דיין קאַפּריז,
אַזעלכע געפינען
ז׳נישט אין פּאַריז...

מיט דיר זיך בעזעצן
אויף אַן אינזל אַליין,
קען אויך נישט פין אימעט
אַפילו דאָרטן אַנטגייען...

און גיט אויך, וואָס מאַכסט

אויף — אַ צווייטן דיין טיהר,

און גלייבסט, אַז איך בין נישט

איינציק ביי דיר...

אָ, מיידל, די מיידל,

ביסט פיין און גראַציעז,

דערפאַר וועסטו קריגן

אַ קנישע מיט קעהז...

רבקהלע שטייט די גאַנצע צייט און הערט זיך איין, פּליצלינג דערהערט זיך אַ בילן פון אַ הינט, וואָס בעפאַלט וועהמען אויפן הויף און באַלד דערנאָך אַ קלאַפּן אין די טיהר מיט האַסט. רבקהלע שפּרינגט צו, מאַכט אויף.

מיסטער בינאָקל, פאַלט אַריין, נישט טויט, נישט לעבעדיק:

— אָך, מיין הייס געטרוימטע...

רבקהלע פיינגאָלד:

— וואָס איז עס דיר? וואָס ביסטו צערידערט?

מיסטער בינאָקל:

— ווי? גאָרנישט (נעמט אַרויס דעם מאָנאָקל, טיהט אים אָן) איך האָב דאָך דיר געזאָגט גיט אָוונט...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ניין, האָסטו טאַקי נישט געזאָגט. האָסט געזאָגט: מיין הייס געטרוימטע...

מיסטער בינאָקל:

— ני, אָנשטאָט דעם...

רבקהלע פיינגאָלד:

— דאָס איז אַ בעגריסונג?

מיסטער בינאָקל:

— קים נאָר, לאָמיך נאָר אָפּעטעמען (ריקט זיך מיט איר אַוועק אין דער מיט שטיב) איך בענק שוין נאָך דיר צוויי טעג. אַזוי רייסט זיך די זין טיילמאָל דאָרך צווישן וואָלקנס, — איז דאָס געווען מיין ערשטע בעגריסונג...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ווי זענט איר טאַקי פערשווינדן?..

מיסטער בינאָקל:

— איך קים ערשט פין אַפריקאַ.

רבקהלע פיינגאָלד:

— טאַקי?.. עס קען נישט זיין...

מיסטער בינאָקל:

— יאָ, מיין ליעבע, אַזוי איז עס...

רבקהלע פיינגאָלד:

— און זעה נאָר, וואָס איז דיר די פּאָלע צעריסן?

מיסטער בינאָקל:

— דאָס האָב איך פערטשעפּעט אָן אַ שפּיץ פין אַ בוים אין יענע וועלדער...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ני, זענט איר געקימען צי מיר זי ציניייען... איך גלייב אייך נישט...

מיסטער בינאָקל, טיהט איר אַ קיש אין די ליפּן:

— יאָ...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ני, קימט צים טיש... לייגט אַראָפּ דעם מאָנאַקל... און טיהט אויס דאָס מאַנטל...

מיסטער בינאָקל, טיהט אויס דעם מאנאקל און דאָס מאַנטל. זעצט זיך ביים טיש. רבקהלע נייהט אים צי די פּאָלע.

מיסטער בינאָקל:

— שנאַפּס האָט איר עפּעס?

רבקהלע פיינגאָלד:

— צי פערבייסן אויך...

מיסטער בינאָקל, טיהט איר, זיצנדיקערהייט ווידער אַ קיש. זי בעפרייט זיך לאַנגזאַם פין אים, לייגט אַרויס דאָס מאַנטל פין דער האַנט און גייט צי דער סערוואַנטקע, ווי זי נעמט אַרויס, אויף אַ טאַץ, אַ קאַרפינקעלע מיט ליקער און פערבייסעכץ. ער שטייט אויף, העלפט ציהאַלטן דאָס טעצל, מיט איין האַנט, מיט דער צווייטער פיהרט ער זי געאַרעמט צים טיש, ווי זיי שטעלן דאָס טעצל אַוועק און ביידע זעצן זיך.

מיסטער בינאָקל:

— ני, איצטער ווילט איר, איך זאָל אייך דערציילן עפּעס פין מיינע רייזעס?

רבקהלע זעצט זיך צי אים אויף דער שויס:

— ני, אַז איר ווט ווען, פאַרוואָס נישט?

מיסטער בינאָקל, גיעסט אָן צוויי גלעהזלעך:

— נאָר מיר וועלן פריער טרינקען אויף קוראַזש...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ני, אדרבה, מיט פערגיניגן... (ביידע טרינקען אויס, צינויפקלאַפּנדיק זיך די גלעהזלעך.)

מיסטער בינאָקל:

— באַלט, ווי איך בין נאָר אַרויסגעפאָרן פין דאַנען, האָט דער אַעראָפּלאַן צעבראָכן דעם רעכטן פליגל... אָבער אין דערזעלבער רגע איז מעכאַניש אַרויסגעשפּרינגען פין דעם זעלבן אָרט, אויף דער זעלבער זייט, אַזאַ ליפּט-זאַך, פין וואָס עס ווערט אַ פליגל... פּינקט אַזאַ פליגל, ווי דער ערשטער... אויף דעם אָרט פין אָפּגעבראָכענעם... דאָס ווערט מאָמענטאַל, אין

קאַטאַסטראָפע, און שוין, ס'איז שוין צריק גיט...

רבקהלע פיינגאָלד:

— אָט אַזעלכע מעשיות האָב איך ליעב... מען שפּיעלט כאַטש אַמאָל מיטן לעהבן אויך?..

מיסטער בינאָקל:

— דערפין—גאָרנישט... דער עראָפּלאַן דווינזשעט קיים עראָפּציפּאַלן אַזוי אויף אַ פּיפּציק, זעכציק מעטער נידעריקער... איבערדרייען זיך אַזוי אַ צוויי, דריי קאָזשעלקעס... בלייבט ער שוין פעסט הענגען... און דער עיקר, מען קען אים פעריכטן אין דער ליפט... (קליינע פויזע) דעמאָלט ווערט אַרויסגעריקט נאָך איינער אַ פליגל, ווי אַ ציליינבעטל פין דער וואַנט פין עראָפּלאַן... דאָס איז שוין דער אמתער פליגל... און מען פליהט גאָרמאָל ווייטער, נישט אַראָפּלאָזנדיק זיך אויף דער ערד צים פעריכטן, פין וואַנען מען וואָלט זיך שוין נישט געקענט אויפהייבן ציליעב די זימפּן...

רבקהלע פיינגאָלד:

— גרויסע זימפּן?

מיסטער בינאָקל:

— אָך, און שלאַנגען און עקדישן... און עס קאָכן אַרים און אַרים די וועלדער אין געהויל פין די חיות... און ס'איז אַ געשיפּעריי אין דער ליפט, בלויז פין די שלאַנגען וואָס וויקלען זיך אַרים די ביימער...

רבקהלע פיינגאָלד:

— שטעל איך מיר פאָר, ווי אַזוי דאָרט זעהט אויס...

מיסטער בינאָקל:

— אָ, מיין פריינדין... וואָס טיהט מען דען נישט, כדי צו קימען צו דער געליעבטער!

רבקהלע פײנגאָלד:

— צי װעלכער געליעבטער?..

מיסטער בינאָקל:

— ני... צי׳ן אײך...

רבקהלע פײנגאָלד:

— איר האָט דאָך אָנגעהױבן צי דערצײלן, אַז איר זענט אַרױסגעפלױגן פין דאַנען... און אַז איך װאױן דאָ, טאָ װאָסזשע זענט איר געפלױגן אַהין צי מיר?

מיסטער בינאָקל:

— װאױנען װאױן איך אין די אַפריקאַנער װעלדער... און דאָס האָב איך דיר דערצײלט פין מײן רײזע צי דיר...

רבקהלע פײנגאָלד:

— מאַ... כ׳מיז דאָך גלײבן די מעשיות...

מיסטער בינאָקל:

— איר האָט זײ ליעב?

רבקהלע פײנגאָלד:

— זעער ליעב...

מיסטער בינאָקל:

— מײן געליעבטע, איך װאָלט דיר דערצײלט נאָך מעער מעשיות: פין ים טיעפענישן, פין שטעדט אין די ערד-קראַטערס און אַפילו פין די װײטסטע אינזלען...

רבקהלע פײנגאָלד:

— ני, פאַרװאָס זשע טיהסטי עס נישט?..

מיסטער בינאָקל:

— װען „זשול װערן" װאָלט זײ מיר נישט אױסגעכאַפּט"...

רבקהלע:

— װער איז דער געװען?

מיסטער בינאָקל:

— דער גרעסטער כּשופמאַכער אויף דער וועלט. (קליינע פויזע) וואָלט איך דיר געקענט דערציילן כּאָטש פֿון די גייסטער און אַראַבישע מדבריות, פֿון די „דזשיני'ס."

רבקהלע:

— פֿאַרוואָס זשע נישט?..

מיסטער בינאָקל:

— האָט זיי מיר אויך די „טויזנט און איין נאַכט" אויסגעכאַפּט...

רבקהלע:

— און, ווער איז דאָס?... איז דיר שוין גאָרנישט געבליבן?

מיסטער בינאָקל:

— אַ מיטלפּערלנעם באַרג מיט אַ גלעזערנעם שלאָס... האָט אים מיר אויך ר' נחמן בראַצלאַווער ציגעגומען...

רבקהלע:

— ני, ביסטי דאָך שוין געבליבן אַ גאַנץ קליינער מאַכער?...

מיסטער בינאָקל:

— ני, מילא, וואָס זשע זאָל איך טיען?

רבקהלע פֿייגנגאָלד:

— כ'ווייס?...

מיסטער בינאָקל:

— פֿערלעשן דעם גאַז... אין דער פֿינסטער איז אפשר בעסער צי דערמאָנען זיך... (פֿערלעשט דעם גאַז)

רבקהלע:

— הלוואַי, זאָלסט אמת זאָגן...

עס ווערט פֿינסטער. עס הערט זיך אַ שאָרכן. דערנאָך אויף לאַנג שטיל.

מיסטער בינאָקלס קול:

— ני, וואָס פיהלסטי אַצינט?..

רבקהלע פייגגאָלדס קול:

— ווי איר טראָגט מיך אויף אַן אעראָפּלאַן...

ער:

— און די אַפריקאַנער וועלדער זעהסטי?

רבקהלע:

— יאָ...

קאַפּיטל עלף

נאָך מיטאָג. אין רעדאַקציע צימער. רעדאַקטאָר עטיפּייטי, סעקרעטעער.

רעדאַקטאָר עטי מעטי:

— ני לעז זשע..

סעקרעטעער לעזט אַ בריעף, נאָר וואָס אַרויסגענימען פון קאָנווערט, וועלכן ער האַלט אין דער האַנט:

„בערלין 6—12—29.

פינם העכסטן קאָמיטעט איבער די שטיצעס-פערטיילונג: שוהלן, קאָאָפּעראַטיוון, געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאַציעס, פונדאַציעס און אַלע דזשוינט בענק און בענקלעך אין גאַנץ פוילין".

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— יאָ, יאָ...

סעקרעטעער, ווייטער:

„אינזער העכסטער קאָמיטעט האָט די עהרע, אייך אויסצודריקן דעם פילסטן ציטרוי פאַר דער ריכטונג פון אייער צייטונגס-טעהטיקייט, וועלכע סאָלידאַריזירט זיך מיט אינזער ניצליכער כלל-טיערישער אַרבעט, איבער דער גאַנצער צייט פון אינזער שטייען ביז אַהעהר, און מיט גאָטס הילף, ווייטערדיקן שטייען ביים געזעלשאַפטליכן רידער!—בעזינדערס האָבן מיר

היינט געלעזן אין אייער צייטונג, בעשרייבונגען איבער דער פוילישׂ יידישער אביונישקייט, פין דעם אלעם געשעצטן און אלעמען געריהמטן שריפטשטעלער הער אפּאָטייטעס, צייליעב וואָס מיר זענען פיל אין התפעלות און מיר דריקן אייך אויס אינזער אימבעגרעניצט התפעלותדיק דאַנקען, אייך, ה׳ רעדאַק־טאָר און גרויסער פיהרער פין דער עפנטליכער מיינונג, דאָס איז איינמאָל — מיט גאָטס הילף! — און דאָס צווייטע מאָל, (נאָר אַביסעלע קלענער) דריקן מיר אויך אויס אינזער דאַנק דעם געעהרטן און פין אלעם בעליעבטן ה׳ אפּאטייטעס. אינזער קאָמיטעט איז ענטציקט מיט די טרעפליכע שילדערונגען און פאָטאָגראַפיעס פין דער שרעקליכער נויט אין דעם דאָרטיקן אָרעמען, דערשטיקטן יידישן קוואַרטאַל פין דער שטאָט, ווי עס בילדעט זיך די קאָמפּאַקטע מאַסע פין דעם גרעסטן יידישן קבוץ אין גאַנץ פוילן״...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— ני, ני?..

סעקרעטעער:

„אינזער קאָמיטעט דריקט בעזינדערס אויס אַנערקענונג, ווי איר ווייסט אָפּצישאַצן די בעדערפענישן פין דער געזעלשאַפט און טרעפן פינקט אין פינטל אַריין ווי מען דאַרף אַריינטרעפן... די בעשרייבונג אין אייער געערטער צייטונג, איז צי אינזער צווייטער העלפט „דרייווו״ גאָר אינגיכן, בכל תּפיצות אַמעריקע, פינקט ווי אַ פאָדעם צים לעכל פין אַ נאָדל... אויפן גרינט פין אייער בעשרייבונג, וואָס קימט פין דער סאַמע קוועלע, פין פוילן, האָבן מיר שוין אַוועקגעשיקט בריעף אין די גאַנצע פרעסע בכל תּפיצות, איבערצידריקן נאָטיצן. אויך איז אינזער קאָמיטעט ענטציקט איבער אייער פערשטענדעניש פאַר פאָטאָ־גראַפיעס... „דער גלעזער, וואָס מאַכט קדוש״ איז דאָך די

איידלקייט צוליין. יעדער ייד וועט דאָך באַלט דערפיהלן, מיט שטאָלץ, די איידעלע אָפּשטאַמונג פין זיין פאָלק — כאָטש אַן אָרעמאַן, פינדעסטוועגן ריהט אויף אים די שכינה... דאָס איז נישט, ווי אַ „דזשאַד" ביים „קאָשציאָל" פין אַנדערע אומות העולם נאָר פין דער איידעלער יחוסדיקער ראַסע, וואָס ביי דער גאַנ־צער אָרעמקייט, איז זי שבתדיק, פּאַטריאַרכאַליש און מאַכט קידוש... איר האָט געשמאַק וואָס צו געהבן און וואָס צו דערלאַנגען פאַר אינזערע ברידער אין אַמעריקאַ... וואָס דאַרפן, אם ירצה השם, באַלט איינגיכן אויך אָנהייבן צו געהבן... אַזאַ בילדל וועקט דאָס יידישע פינטעלע... דאַדאָרך טאַקי איז עס אַזוי וואויל... און מיר וועלן עס, אם ירצה השם, דעמאָנסטרירן פאַר כל ישראל... מיר זענען פיל מיט דאַנק פאַר אייער גיטן איינפאַל"...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— ני, ני?..

סעקרעטער:

„אויך די צוויי מיידלעך אין דער קאָרע איינגעהיעלט, זענען נישט ווי ביי אַנדערע אומות העולם. ביי אַנדערע ווערן אַזעלכע פּראָסטיטוטקעס. ביי אינז, ווי עס פּאַסט פאַר ישראל, זענען זיי עהרליכע, כשרע יידישע טעכטער... און כ׳לעהבן, אינ־זער קאָמיטעט זאָל זיי געהבן נדן — אַ ביישפּיעל צו אינזער טעהטיקייט"...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— ני, יאָ, ני?..

סעקרעטער:

„— און אויך די יולדות, נעבעך, די יולדות, אַך, וואָס פאַר אַ בעדינגונגען... שיקט צו איר צו אויף אינזער חשבון צוויי דאָלאַר"...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— נו, וואָס ווייטער?

סעקרעטער:

— „אייער ביטע צום דירעקטאָר פון דער הויפּט קאָאָפּע־ראַטיווער באַנק, וועגן די צוואַנציק טויזנט זלאָטעס הלואה, וועלכע אייער רעדאַקציע וועט שפּעטער אָפּצאָהלן מיט אַנאָנסן... וועט מסתּמה זיין דערליידיקט על צד היותר טוב... און אויך די צוויי „טאַלער" פערגעסט נישט צושיקן דער יולדות און פערעפנטליכן דאָס אין אייער געערטער צייטונג...

„מיר ווינטשן אייך אריכת ימים פאר אייער ארבעט פאר אינזער אָרעם פאָלק, וועלכן, נעבעך, ציהילף שטייען מיר און איר, צו יעדער צייט, ווען אַנדערע פעלקער פאַלן עס אָן: פּאָ־גראָמעלעך... עקאָנאָמישע אינטערעסלעך, נעבעך, און מיר דארפן עס צוריקשטעלן אויף די פיס, אזוי... מיט א „דרייוועלע" גע־בעך... בלייבט זשע אינז געזינט.

קאָמיטעט פון דער „דזשוינט קאָמפּאַני" פאַר ערטיילן הילף אַלע הילפבעדערפטיקע יידעלעך פון גאַנץ פוילן, פאַר וועלכע מיר ריען נישט בייטאָג, נישט ביינאַכט און, מיר לייגן די וועלט איין, ביז זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסלעך וועלן זיין געבורענגט צו א בליענדן צושטאנד, פונקט ווי מיר האָבן פיל־געטיען פאר די פּאָגראָמלעך פון אוקראינע"...

סעקרעטער, צונויפפלייגנדיק דעם בריעף:

— נו, וואָס זאָגט איר צו דעם?

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— די ווינטשן זענען גוט. מילא, דאָס הלואהלע...

סעקרעטער:

— נישט קשה?.. זעהט איר שוין...

רעדאַקטאָר:

— נעמט זשע דעם בריעף צו זיך... אינדערפריה, איידער איר גייט דאָ אַהער... טרעהט אָפּ דאָרט...

סעקרעטעער, לייגט דעם בריעף אין קעשענע.

רעדאַקטאָר, נעמט איין קניע צווישןביידע הענט:

— ע, טיע, טיע, אַן אָרעם פאָלק אינזערס... אַן אָרעמס, נעבעך...

מען קלאַפּט אין די טיהר. עס קימט אַריין דער בריי-טער בערלינער דיכטער, מיטן העלן ראָק אין אויסלענדישן שניט, און שוואַרצן פּיערעקעכדיקן בערדל, ציגעשוירן, ווי אַ רידל:

— גיט אָוונט.

רעדאַקטאָר:

— גיט יאָר.

בערלינער דיכטער:

— וואָס הערט זיך עפּעס נייעס?

רעדאַקטאָר:

— עט... נייעס... מען אַרבעט ווי אַן אייזל...

בערלינער דיכטער:

— פאַרוואָס אַזוי שווערר? לאָזט וועל איך אייך אָפּיצן אַ פעהדערל פין אַרבל... איר זעהט אויס אַזוי שלעכט...

רעדאַקטאָר עטי-פּייטי:

— מאַ, וואָס קען מען טיען!

בערלינער דיכטער:

— אָבער צו שווערר?

רעדאַקטאָר עטי פּייטי, לאָזט אָפּ די קניע, גיט יאָושדיק, נאָכלעסיק אַ פּעטשל מיט דער האַנט זיך איבער די שויס...

בערלינער דיכטער:

— וואָס איר האָט גערעדט מיט מיר וועגן קולטור-טעהטיקייט?

האָב איך עפּעס אַ פּלאַן...

רעדאַקטאָר:

— זיי וועלן אייך דען לאָזן?...

בערלינער דיכטער:

— ווער?

רעדאַקטאָר:

— מען מאַכט דאָך שוין ביי אינז קולטור...

בערלינער דיכטער:

— אדרבה... העלף איך צו אין דער פּרעסע...

רעדאַקטאָר:

— אין דער פּרעסע?...

בערלינער דיכטער:

— יאָ...

רעדאַקטאָר:

— און דאָ וועט מען אייך שוין יאָ לאָזן אַריינקימען?..

בערלינער דיכטער:

— ווער, זיי, די זשורנאַליסטן?...

רעדאַקטאָר:

— הים... סינדיקאַט...

בערלינער דיכטער:

— לאָזט אייך אָפּיצן אַ פּעהדערל...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי, שטעלט אים געהרן אינטער דעם עלנבויגן.

בערלינער דיכטער:

— ס'אַ קליקע, זאָגט איר... סינדיקאַט?...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— קימט נאָר דאָס ערשטע אַ דאָרך מיט זיי... מיט קול-טור-טיער אויך בישט איינרייסן...

בערלינער דיכטער:

— כ'על נישט... גאָט בעהיט...

רעדאַקטאָר:

— און לאָזט אייך אינטערוויאָירן...

בערלינער דיכטער:

— דהיינו?...

רעדאַקטאָר:

— זאָלן זיי זיך בעקאָנען מיט אייער „לאָיאַלע" געדאַנקען... אַזאַ „דערנעהנטערונג"...

בערלינער דיכטער:

— גערעכט...

רעדאַקטאָר:

— און דערנאָך שוין אַ רעפּעראַטל... לטובת זיי... לאַדט זיי איין אויף אַ גלעזל טיי... מכלומרשט אויף אַ לייטש געשפּרעכל... דאָס וועט דערנאָך זיין אָנגעגעהבן אין דער פּרעסע... איז אַזוירנאָך, וועט זיך שוין אָנהויבן „פּלעכטן"... מילא, איך וועל צי העלפן פאַר יידישער קולטור...

בערלינער דיכטער:

— איז אַ גלעזל טיי?..

רעדאַקטאָר:

— שיק איך מאָרגן צי'ן אייך נאָך אַן אינטערוויאָו...

בערלינער דיכטער:

— אַ לייטישן אינטערוויאָירער... אַ לייטיש מענטשל... ס'זאָל זיין אַ כבוד...

רעדאַקטאָר:

— ני, ני...

בערלינער דיכטער:

— דאַנק... כ'גיי שוין... אָפּגעשמיעסט?

רעדאַקטאָר:

— יאָ...

בערלינער דיכטער:

— אַ גיטיטשקע נאַכט... כ׳גיי שוין...

בערלינער דיכטער שאַרט זיך אַרויס פין דער טיהר, פריער מיטן הינטן, מיטן פנים צים רעדאַקטאָר, פערמאַכט זי נאָך זיך.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי, שטייט אויף, צים סעקרעטעער:

— וועט איר שוין דאָס אויך דערליידיקן...

— יאָ, יאָ...

רעדאַקטאָר, גייט צי דער טיהר. אָפּ. סעקרעטעער בלייבט אַלייןביים שרייב טיש.

אָנהייב אָווגט, מיסטער בינאָקל ביי רבקהלע פיינגאָלד. זיי קימען ביידע פין דעם איינגאַנג ביי דער טיהר. זי פריער, ער נאָך — אין דער עס שטיב אַריין.

פריילין פיינגאָלד:

— ווער איז עס דער פאָלקאָווניק אפּאטייטעס?..

מיסטער בינאָקל:

— ווער, וואָס?..

רבקהלע פיינגאָלד:

— היינט אין דער צייטונג... עפּעס יידישע מיידלעך גיט מען נדב׳ען?...

מיסטער בינאָקל:

— אַ... כ׳האָב געמיינט, אַז איר האָט שוין ווידער אַ

אַ נייעם בעקאַנטן... איר האָט אים ערגעץ געזעען...

רבקהלע פיינגאָלד:

— זאָל מיך גאָט היטן, כ׳האָב שוין „איינעם"...

מיסטער בינאָקל:

— ני, און וואָס נאָך שטייט אין דער צייטונג?

רבקהלע פיינגאָלד:

— די פאָטאָגראַפיעס פון די מיידלעך אין דער קאָרע... און זייער היסטאָריע האָב איך געלעהזן, אַז זיי זענען עהרליכע, כשרע מיידלעך... נאָר וועגן דעם גלעהזער ווייס איך עפּעס נישט... אַזאַ ייד לאָזט זיך פאָטאָגראַפירן אין שבת, ווען ער שטייט מיטן גלעהזעלע אין דער האַנט צו קידוש?..

מיסטער בינאָקל:

— אוי, אַ בראָך...

רבקהלע פיינגאָלד:

— וואָס אי?.. ס׳יידישקייט גייט אינטער?

מיסטער בינאָקל:

— וואָס דען מיינט איר... ס׳גייט טאַקי אינטער!

רבקהלע פיינגאָלד:

— אַדרבה, דאָרט איז דאָך בעשריבן, אַז עס בליהט דאָ הי אין די אָרעמע שטיבן... אָט טאַקי ביי דעם גלעהזער...

מיסטער בינאָקל:

— ני... און וואָס נאָך?...

רבקהלע פיינגאָלד:

— וואָס כ׳האָב געלעהזן? עפּעס „שכינתה בגליתיה"... „שכינתה בגליתיה"... האָב איך נישט געוויסט, האָט מיר אַ שכן אַ משומד, פאַר לאָזן מיך אַ גלעט טיען... געזאָגט, אַז דאָס שרייבט אַ פרימער ייד מיט אַ רויטער באָרד אין דער צייטונג... און אַ משומד ווייסט דאָך

אַלע יידישע דינים, האָט ער געזאָגט, אַז אין אַ מקוה איז אַריינ־געזעצט אַ פרימער ייד, כדי ווייבלעך זאָלן זיך אָנרירן אָן אים און כשר ווערן... איז אויך אין אַ צייטונג אַזאַ „שכינתה בגיליתיה" פין אַ ייד מיט אַ רויטער באָרד... אַז אַלע טמא זאַכן פין דאָרט זאָלן כשר ווערן... נאָר מיך האָט ער געהייסן לייענען „די געהיימעניש פין האָטעל בריסטאָל", נישט „שכינתה בגיליתיה". איך וועל זאָגט ער נישט פאַרשטייען דאָס...

מיסטער בינאָקל:

— און וואָס נאָך האָסטי געלעהזן? מעהר גאָרנישט?

רבקהלע פיינגאָלד:

— ניין.

מיסטער בינאָקל, נעמט אַרויס אַ צייטונג, וויקלט אויף:

— זעה נאָר, און וואָס איז דאָס?

רבקהלע פיינגאָלד:

— אַך, וועגן מיר, מיינסטי, וואָס ס'איז בעשריבן? זאָל זי שרייבן, די צייטונג, איך „באַוויע" מיך נאָך דערפין... וואָס דען איז גיט, אַלע טאָג דאָס אייגענע? הייַנט אַ דיענסטמיידל, נעכטן אַ דיענסטמיידל, מאָרגן און איבערמאָרגן אויך דאָס איי־גענע? אַזוי, אין דער צייטונג, דערזעה איך ערשט, ווער איך בין... אַ פליערין איבער אַפריקאַנער וועלדער... דאָס איז נישט, אַבי עפעס, אַ רבקהלע, וואָס שייערט די טעפּ ביי אַ ייד ראַ־פּאָלאָוויטש אין קיך... נאָר איך פליה מיט אַ מאַיאָר אין אַן אַעראָפּלאַן, איך דערזעה מיך ערשט אין דער הייך... און וואָס אַרט עס מיך, אַז מיין וויהרטין איז אויך אַ פרינצעסין און נישט קיין קראַנקע פרוי פין אַ ייד מיט אַ קאָלטאנעוואַטע באָרד, דאָס איז דאָך אַ פערגעניגן, איך לעהז עס פינקט ווי אַ פרעמ־דע מעשה...

מיסטער בינאָקל:

— אָבער ס'איז דאָך נישט קיין פּרעמדע?..

רבקהלע פייגאָלד:

— ניי, איז דאָך טאַקי גיט... וואָס וואָלט מיר דערוויס-געקימען פין זיצן אין קיך, בשעת אַזוי, פליה איך איבער וועלדער... שיף מיך איבער ימים... אַלץ אַ מערכה די ציימונג...

מיסטער בינאָקל:

— פאָרט איר כאָטש אויף אַ הידראָפּלאַן?

רבקהלע פייגאָלד:

— וואָס איז דאָס?..

מיסטער בינאָקל:

— אי אַ שיף, אי אַן עראָפּלאַן...

רבקהלע פייגאָלד:

— כ'בין נאָך נישט איינגאַנצן געניהט, ווייל נישט איך פיהר דאָך...

מיסטער בינאָקל:

— הייסט עס, אַז ס'איז אמת: „און דער מאַיאָר האָט אַ פרעג געטיען: רבקהלע, וואָס פיהלסטי אַצינד?..” און זי האָט געענטפערט: איך „פיהל, ווי די טראָגסט מיך אויף אַן אַעראָ-פּלאַן איבער די אַפריקאַנער וועלדער”.

רבקהלע פייגאָלד:

— אוי, פין וואַנען ווייסט איר דאָס?..

מיסטער בינאָקל:

— אַלץ פין דער ציימונג. אָט דאָ שטייט עס!.. (קליינע פּויזע)

מיסטער בינאָקל:

— און אָט שטייט שוואַרץ אויף ווייס: „און זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין מיטן פליען אויף אַ פעלד פין שלאַנגען

און עקדישן... פֿון אַלע זייטן האָבן איר געגעבן אַ רינגל אַרום די אַלע מינים גיפֿטיקע בעשעפֿעניש, נאָר זי ציצעטראָגן... אָבער אָט, האָט דער מכשף-מאַיאָר געגעבן אַ בליק אויף זיי און אַלע זענען געבליבן פֿערשטאַרטע, מיט אויסגעשטרעקטע העלזלעך צו איר, און זיך געבעטן, אַז זי זאָל צוריק דערבאַר-מען דעם מאַיאָרס בליק איבער זיי, אַז זיי זאָלן כאָטש בלייבן לעבן... זיי האָבן צו׳ן איר אויסגעשטרעקט זייערע סאַמעטע-נע קעפּלעך, אַז אייער הענטל זאָל זיי אַ גלעט טאָן און אַ גאַנצן וועג האָבן זיי איר געהיטן ווי געטרייע משרתים... און נאָך שטייט: ער האָט זיך מיט איר געלייגט אויף אַן אויסגעפֿלאָכטן הימל-בעט, וואָס איז געווען אויפֿגעשלאָגן צווישן די ביימער-שפּיצן, און איר האָט זיך ביי אים אויסגעבאָטן אַ מיטערפֿערל-נעם באַרג מיט אַ גלעזערנעם שלאָס... אָבער ער האָט איר גע-ענטפֿערט, אַז דאָס איז ער נישט אימשטאַנד: ווייל איינער אַ גרויסער גיטער ייד און אַ פֿרימער, ווען ער האָט קיין שליטה נישט נאָכציטיען, האָט שוין אַזאַ באַרג מיט אַזאַ שלאָס געהאַט״.

רבקהלע פֿיינגאָלד:

— אָט דאָס הייסט געלעבט! און איך קען מיר גאָר קיין בעסערס נישט פֿאָרשטעלן... און איך בין טאַקי נישט רבקה-לע דאָס דיענסטמיידל און דאַרף טאַקי נישט, אַז די זאָלסט קימען צו מיר אויף אַ וויזיט, ווייל באַלט נאָך דיין אַוועק-גייען, קימט צו מיר דער מאַיאָר...

מיסטער בינאָקל:

— אַך, ווי די נישט געוויינטליכקייט קען פֿערדרייען אַ קאָפּ...

רבקהלע פֿיינגאָלד:

—אַודאי די נישט געוויינטליכקייט! וואָס דען, צו שטייען

אין קיך און שייערן טעפ?

מיסטער בינאָקל:

— ני, טאָ שאַפּט איר מיך שוין אָפּ אינגאַנצן?

רבקהלע פיינגאָלד:

— אינגאַנצן!

מיסטער בינאָקל:

— טאָ זאָגט זשע אייער מאַיאָר, ער זאָל אייך מיטנעמען כאָטש איינמאָל צי ווייזן אייך אייער ווירהטין אין איר אמתן געשטאַלט, די מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן, וועלכע ער ליעבט... און וועלכע וועט אַרויסטרעהטן ערשט גאָר אַלס אַקטריסע...

רבקהלע פיינגאָלד:

— אַט די זעלבע?..

מיסטער בינאָקל:

— אַט די זעלבע...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ני שוין, ני גיט.. וועל איך טאַקי גייען און זי זעען, מיין בעל ביתטע.

מיסטער בינאָקל:

— טאָ זאָלט איר זשע נישט פערגעסן. אַ גיטן טאָג!

רבקהלע פיינגאָלד:

— אַ גיט יאָר. (בעגלייט אים אַרויס צי דער טיהר) און אַ קיש ווילסטי נישט?

מיסטער בינאָקל:

— די ווילסט דען, אַז די האָסט אַ מכשף פאַר אַ געליעבטן, וואָס קען מיט דיר מאַכן אַ פליה איבער דער גאַנצער וועלט?

רבקהלע פיינגאָלד:

— ניין, ניין, מען דאַרף טאַקי נישט... (מיסטער בינאָקל

אָפּ. די פּערמאַכט נאָך אים די טיהר)

באַלט ווען רבקהלע קימט צריק אין מיטן שטיב אַריין, הערט זיך אַ סערענאַדע פין אינטערן פענסטער:

אוי, פערמאַך נישט די טיהר,
אוי, פערמאַך נישט אימזיסט,
אוי דערבאַרעם דיך, וואָס די טיהסט,
ווען אַ קיש מיך נאָך עס גליסט. (פּויזע)

עס הערט זיך אַ קלאַפּן אין די טיהר. רבקהלע גייט צי עפענען. ער קימט אַריין.

רבקהלע פיינגאָלד:

— אוי, די ביסט שוין ווידער דאָ?

מיסטער בינאָקל, טיהט אָן דעם מאנאקל:

— ווער?..

רבקהלע פיינגאָלד:

— אַ, כ׳האָב דיך נישט דערקענט...

מיסטער בינאָקל:

— וואָס ביסטי אויפגערעגט, רבקהלע?

רבקהלע פיינגאָלד:

— אַ, כ׳האָב פערגעסן, אַז די דאַרפסט קימען.

מיסטער בינאָקל:

ס׳איז דאָ ווער געווען?

רבקהלע פיינגאָלד:

— ניין, קיינער נישט.

מיסטער בינאָקל:

— גיב זשע, לאָמיך דיך קישן. (קישן זיךביידע) אוי, עפּעס פיהל איך אַ ריח פין אַ פרעמדן מאַנספערשוין.

רבקהלע פיינגאָלד:

— ניין, דאָס איז, ווייל די קימסט ערשט אַריין פין ווינט...

מיסטער בינאָקל:

— ווינט? אַלע פרויען האָבן שוין תּרוצים אויף אַזעלכע זאַכן...

רבקהלע פייגנגאָלד, מיט אַ געלעכטערל:

— ני, געפעל איך דיר נישט? (שטעלט אים אויף די באַק, ער טיהט איר נאָכאַמאָל אַ קיש) און איצט וויל איך טאַקי, אַז די זאָלסט מיך פיהרן אַמאָל אין טעאַטער אַריין, אַז איך געפעל דיר יאָ נישט...

מיסטער בינאָקל:

— צי וואָס אין טעאַטער אַריין... ווער זאָגט דיר דען, אַז די געפעלסט מיר נישט?

רבקהלע פייגנגאָלד:

— אַי, די ווילסט דיך שוין אַרויסדרייען...

מיסטער בינאָקל:

— איך וועל היינט גאָרנישט קענען זיין אין טעאַטער...

רבקהלע פייגנגאָלד:

— ני, וועסטי דאָך קענען זיין ביי מיר...

מיסטער בינאָקל:

— אויך נישט...

רבקהלע פייגנגאָלד:

— ני, וועסטי מיך לאָזן אַליין, בשעת עס שפּיעלט אַזאַ נייע אַקטריסע און איך האָב מיר שוין צוגעגרייט אַ קליידל?..

מיסטער בינאָקל:

— צי דער נייער אַקטריסע ווילסטי גאָר?

רבקהלע פייגנגאָלד:

— אימבעדינגט... אויב גייען איז נישט ערגעץ אַנדערש..

מיסטער בינאָקל:

— אפשר גייען ערגעץ אַנדערש?

רבקהלע פיינגאָלד:

— ניין. סיידן די ווילסט מיך נישט מעער!

מיסטער בינאָקל:

— אַזוי ווערסטו מיט מיר ברוגז ווערן?

רבקהלע פיינגאָלד, ענטשיעדן:

— יאָ.

מיסטער בינאָקל, נעמט אַראָפּ דעם מאנאקל פון אויג, פויזע:

— ווייסטו וואָס, איך גיי אין גאַס אַריין, מיך צו־גרייטן...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ווערסטו קימען נאָך מיר?

מיסטער בינאָקל:

— גרייט די דיך אויך צו. דערווייל גיי איך...

רבקהלע פיינגאָלד:

— גוט.

מיסטער בינאָקל:

— אַ גוטן טאָג, מיז איך שוין גייען, ווייל כ'האָב שוין קיין צייט נישט.

רבקהלע פיינגאָלד:

— אַ גוט יאָר. (ביידע צעקישן זיך. זי בעגלייט אים אַרויס צו דער טיהר) געדענק פּינקטליך צו זיין...

קאפיטל צוועלף

פאַר האַלבן טאָג.ביים בערלינער דיכטערס שרייבטיש אין דער עס שטיב. בערלינער דיכטער און ה׳ לאַנגנאָז דריקן זיך די הענט.

בערלינער דיכטער:

— זייט מיר וואוילקום.

הער לאַנגנאָז:

— דאַנק.

בערלינער דיכטער:

— זיצט.

ה׳ לאַנגנאָז:

— אַודאי וועלן מיר אַ זיך טיען און, אַ ביסל אַ שמיעס טיען אויך. (זיצן ביידע אַנידער)

ה׳ לאַנגנאָז:

— ני, האָט איר עפּעס קולטור-פּלענער?

בערלינער דיכטער:

— וואָס קימט דערויס, אַז כ׳האָב, אויב איך טראָג מיך אַרים מיט זיי איינער אַליין?.. און צים רעאַליזירן זיי, דאַרף מען זיך שטעלן מיט מענטשן אין קאָנטאַקט, מיט כּלל טיער, מיט פּרעסע מענטשן... וואָרן דאָס פאָלק וואַרט...

ה׳ לאַנגנאָז:

— אָט אַזוי איז גיט... זענען מיר באַלט אויפן טראַקט...

ס'הייסט, איר ווילט עפּעס געמיינזאַמעס פערבינדן מיט קולטור־טיער און מיט פרעסע מענטשן?.. איז וואָס לייגט איר פאָר?..

בערלינער דיכטער:

— איך לייג פאָר די קולטור טיער מיין מיטהילף, מיין מיטווירקונג צי דעם וועג אין וועלכן זיי גייען שוין לאַנג מיט גרויס דערפאָלג... דאָס הייסט פּשוט, איך לייג זיי פאָר מיין דיענסט, אָן שום ענדערונג אַפילו אויף איין האָר פון זייערע ביז איצטיקע שריט...

ה' לאַנגנאַז:

— פאסטולאַטן הייסט עס...

בערלינער דיכטער:

— יאָ... יידיש, זאָל זיין יידיש, העברעיש, זאָל זיין העברעיש, און אויב פּויליש, זאָל זיין פּויליש... (קליינע פּויזע) און די געביטן — אַלע!.. אַלץ, וואָס אַ יידישער כּלל טיער טיהט נאָר... ליטעראַטור איז ליטעראַטור, שוהלן איז שוהלן... שוואַרצבאַרדס פּראָצעס, איז שוואַרצבאַרדס פּראָצעס... בעטייליקן זיך אין אַ פּרעסע־אויסשטעלונג פון אַלע פעלקער, אַז יידן זאָלן העערן, אַז זיי גייען אויך אַריין, און וויסן טאַקי, אַז זיי האָבן דערלעבט אַ שטיקעלע נחת דאָרך אינז כּלל טיער, וואָס טיען פאַר זייער דערהויבונג, און כאָטש זיי האָבן אַ פייג... מאַכן פינ־דעסטוועגן פון זיי אָדם אַ מענטש און קאָטשקעלע ריר דיך... און דער עיקר איז אויף אַלעם קלויבן געלט... אָט אויף די אַלע פעלדער בין איך גרייט מיטציאַרבעטן מיט אַלע אינזערע כּלל טיער... און איך זאָג זיי צו מזל וברכה און שפע והצלחה בכל מעשי ידיהם... ווי זיי וועלן זיך נאָר קעהרן און ווענדן...

ה' לאַנגנאַז:

— דאַן זעה איך נישט איין קיין שום מניעה אין אייער מיטהילף, מיט וועלכער איר וועט בעגליקן די כּלל טיער און

איר אַלע צוזאַמען — דאָס יידישע פאָלק.

בערלינער דיכטער :

דעסגלייכן מיט דער ליטעראַטור און פּרעסע... אַ פּרעסע האָבן מיר אַ רייכע. דער אַנסאַמבל פון יעדע צייטונג — גאָר רייך!... אַ לייט אַרטיקל וועגן כינא האָבן מיר, דאַן גייט פּאָליטיק פון טשאַלענט שטאַנטפּונקט, אַזוי זעער אייגנאַרטיק, פאָלקסטימלעך, אַז מען דערפיהלט, כמעט, דאָס פערפּעהדערטע קאָפּל... דאַן גייט „משומדים, אָדער משמדתטעס" אַ סעריע טיפּן און געשטאַלטן... און פליצלינג אַ בכיה אויף „שכינתה בגליתיה" פון זעער אַ פּרימיטשקען אויגנגלאָצער... אָבער עס הייבט זיך מגיה וביא אָן דער זעער שפּאַנענדיקער ראָמאַן פון „בראַנטשקעלען מיטן פּאָרוטשניק סטאַניסלאַוו"... וועלכן דער מאַן האָט געפּאַקט, נישט חלילה, ביי דער טיהר, נאָר אין... אָבער די דאָזיקע ליטעראַטור ריקט זיך פאַר אייך באַלט אָפּ אין אַ ווינקל און עס עפנט זיך פאַר אייך אַ פּרימע ליטעראַטור־זייט, וואָס דרינגט אַזוי נישט קשהדיק אַריין אין דער זאַך... מיטן נוסח פון וואָלאָזשינער ישיבה... און מיטן גראָבן פינגער דרייט די דאָזיקע ליטעראַטור אַרויף דעם לעהזער ביז אין זיבנטן הימל אַריין, און פערשפּינטעוועט *) אים שוין דאָרט... און דאַן כראָניקעס, געזעלשאַפטליכקייט, פּאַרטייאיש און אונפּאַרטייאישקייט, שטאָט־נייעס : פאַלן און געהרגעט ווערן, קרימינאַליסטיק, פערנאַרן יינגע מיידלעך, דער „דיסעלדאָרפער מערדער", און אַ לויב־געזאַנג דעם יידישן פאָלק, גלאַט אַזוי, אויף וועלכן ס'איז אופן... אָט האָבן מיר אַ פאָלשטענדיקן שיינעם כאָר... אַ צוזאַמענשטעל פון יאָלקע ביז הבדלה... רייך! ביי אַזאַ רייך פערמעג פון פּרעסע, וואָלטן מיר טאַקי געדאָרפן, אַז די ליטעראַטור, די דאָרך אויס בעלעטריסטישע און דיכטערישע, זאָל זיך צונויפגיעסן מיט איר... דער פּרעסע, פעראייניקן צו איין פּראָנט,

*) פערקלאַפּט מיט אַ קאָרק.

און אַסך געווינען... האָב איך אָבער, נישט פאַר אייך געדאַכט, בעגעגנט דאָ הי אַ גרויסן פּיריד... צווישן די ביידע לאַגערן... אַנשטאָט עס זאָל זיין איין פראָנט... איין זיעג... איין דערגריי־כונג!.. (קליינע פּויזע) ני, מילא, איך פין מיין זייט, בין גרייט. איך געהער דאָך צי דער שיינער ליטעראַטור... דער דיכטונג... ס'הייסט, דאָס איז דאָך מיין תמצית, מיין שורש, מיין עצם עצמים... איז דאָרך מיין אַריינטרעהטן אין אַ טעגליכער צייטונג, שוין פּעראייניקט די פרעסע מיט דער שיינער ליטעראַטור...איך און זי, די פרעסע... דאָס איז אַ פרעסטיזש פאַר איר, אַ כבוד פאַר שליעסן מיט מיר אַ שידוך... איך איר יחות, זי מיר — קעסט... איז אָבער די צרה, וואָס די זשורנאַליסטן ווילן מיך נישט אויפכאַפּן, ווי אַן אוצר, ווי אַן אויג אין קאָפּ, ווי אַ הדרת פּנימל, ווי אַן אתרוגל, ווי אַ מנורהלע אין זייער וועלטס־טעמפּל אַריין, וואָס פריידיקט ליכט, פּערשפּרייט אמת און פּערטרייבט שקר פין דער מענטשהייט, פאַר וועלכער עס פעהלט נאָך אויך צי מיין גרויס אמת וואָרט אויף צי מאַכן שוין איינגאַנצן אַ סוף פין שקר, אַז קיין שריד ופליט זאָל פין אים נישט בלייבן. וואָרן ווער דען, אַז נישט איך, איז דער גרעסטער פיינט פין שקר, ווער נאָך האַסט אים אַזוי? איז עס דאָך זעלבסטפּער־שטענדליך, אַז אין דעם טאָג וואָלט די זשורנאַליסטיק געפייערט איר טריאומף, איר יום טוב, ווען זי וואָלט מיך ציגעקריגן פאַר אַ זייל... — און נאָך אַ צרה — וואָס ווען די אַנדערע ליעדל שרייבער זאָגן, אויב נישט: אַז מיר גיט מען קעסט און זיי נישט... זיי לאָזט מען גייען אָן הויזן?.. איז דאָך ווידער אַ ויצעקו: וואָס פאַר אַ פּעראייניגונג? ווי זענען מיר? און אַלע ווערט דאָך די זשורנאַליסטיק, די פרעסע, נישט צילאָזן, זי וועט דאָך נישט מאַכן קיין אַרמעע מיט אַ קיך, מיט אַ קעסל... איז דאָך טאַקי שלעכט... טאָ וואָס זשע זאָגט איר?

ה׳ לאנגנאָז:

— איז טאַקי נישט גיט, קען דאָס טאַקי שטערן דאָס שליעסן דעם שידוך און אייער אַריינטרעהטן...

בערלינער דיכטער:

— טאָ וואָס זשע זאָגט איר?

ה׳ לאַנגנאָז:

— איך האָב נישט קיין עצה.

בערלינער דיכטער:

— אָ... איז פאַר זיי דאָ אַן אַנדערע מעשה... א פערציק טויזנט „דאָלאַרלעך" זיי ציזאָגן צי שאַפן פאַר שיינער ליטעראַטור... אַ „פאָנדיל" אַזוינס... אַ „דרייוול" אַזוינס מאַכן פאַר זיי אין אַמע-ריקע... און נישט קשה... זיי וועלן גלייבן אָט די היהנערישע קעפ-לעך... וואָרן איך קען דאָך זיי פין לאַנג... און נאָך דאַרפט איר וויסן, אַז ביי וועהמען די פיס זענען בורפיס, ביי דעם, אַז ער הערט פין אַ גראַשן, ווערט אים דער קאָפּ — שכור... אָט די שכורליכקייט... וועט זיי פערוויגן און עס וועט זיין שטיל... איך וועל אַריינטרעהטן... דער שידוך וועט געשלאָסן ווערן...

ה׳ לאַנגנאָז:

— איז טאַקי גאַנץ גיט, גאַנץ גיט... אַלזאָ דער שידוך וועט ווערן...

בערלינער דיכטער:

— פערגעסט זשע נישט די „פערציק טויזנט" דאָלאַרלעך באַלט פאַפולעער צי מאַכן צווישן די לידל-שרייבער... מיט די היהנערישע קעפלעך, מיט די שכורדיקע-פיקערדיקע גע-דאַנקלעך... וואָרן, אַז נישט, איז די פעראייביגונג פין פראָגט אויף דער גאַנצער ליניע נישט פעראייניקט... סטראַטעגיש...

ה׳ לאַנגנאָז:

— סטראַטעגיש... אַ רעפעראַט דאַרפט איר אויך צוגרייטן.

דאָס איז ווי אַ דרשה פֿון אַ חתן, דאָרך וואָס ער קויפֿט זיך איין אין דער כּלהס צד אַריין... במה נפֿשך, נעמט מען אייך אַריין אַלס צאַצקע... ווילן דאָך די „מחתּנים" ווייזן דער עפֿנטליכ־קייט, מיט וועהמען זיי זענען זיך משדך... זיי קעסט — איר אַ בלאַט גמרא... עפּעס אַזוי „אַ אידעאַלעכל" אַ פֿיינס... עפּעס אַזאַ ציגעשניצטס... אַזאַ אגיל ואשמחדיקס... ני, מען דאַרף דאָך אייך נישט לערנען...

בערלינער דיכטער:

—כ'וועל שוין אַלץ מאַכן... זעהט נאָר די „פּערציק טויזנט" דאָלאַרלעך אויך פּאָפּולעער צו מאַכן צווישן די הינערישע קעפּ־לעך... און זאָל זיי זיך וויעגן נאָר איין געדאַנקל אין מוחל וועגן דעם, אַז באַלט וועט מען זיי שיטן גרויסע גאָרשטשעס פּראָסע, אַ סך פּראָסע... זיי וועלן זיך באָדן אין איר...

ה' לאַנגנאָז:

— גאַנץ גיט. אַ גיטן טאָג. (ביידע געזעגענען זיך האַרציק)

בערלינער דיכטער, בעגלייט ה' לאַנגנאָזן צו דער טיהר:

— אַ גיטן טאָג, גייט און זייט מצליח. (ה' לאַנגנאָז אָפּ. בערלינער דיכטער צריקגייענדיק) אַ רעפּעראַט, אַ רעפּעראַט... (רייבט זיך די הענט) עס וועט שוין אַלץ ווערן...

קאַפּיטעל דרייצן

מיסטער בינאַקל מיט רבקהלע פיינגאָלד אין טעאַטר. ער אין אַ סמאָקינג, זי אויך יום טובדיק אויסגעפּיצט. ס'טעאַטר איז נאָך ליידיק. אויף דער סטעטשקע צווישן די שטיהלן פיהרן ביידע אַ געשפּרעך.

רבקהלע פיינגאָלד, ווייזנדיק אויף אַ געמעהל אויף דער וואַנט:

— ווער איז דער?

מיסטער בינאַקל:

— דער האָט פערכשופט די וועלט מיט זיין שפּיעלן.

רבקהלע פיינגאָלד:

— וואָס איז ער געווען, אַ מכשף?

מיסטער בינאַקל:

— נאָך ערגער... דער גרעסטער פין אַלע מכשפים.

רבקהלע פיינגאָלד:

— וואָס זענען אים די האָר אַזוי צעשויבערט?

מיסטער בינאַקל:

— אָט די אַלע לייט זענען אַזוי.

רבקהלע פיינגאָלד, מיט אַ געלעכטערל:

— עפּעס אַ וועלט פין בלויז מכשפים. (שמייכלענדיק) די קענסט דיך מיט אַלע?..

מיסטער בינאַקל, טיהט אָן דעם מאנאקל אויף איין ברעהם, טיהט אויף איר אַ קיק.

רבקהלע פיינגאָלד, מיט דעם זעלבן געלעכטערל:

— איך זעה שוין, אַז די קענסט זיי...

מיסטער בינאָקל:

— וואָס ווילסטי, אַז איך זאָל שטאַרבן?

רבקהלע פיינגאָלד:

— פאַרוואָס?

מיסטער בינאָקל:

— יענע זענען שוין לאַנג טויט...

רבקהלע פיינגאָלד:

— טאָ נעם זשע אַראָפּ דעם מאנאקל. איבער דעם מיין איך, אַז די קענסט אַלע... און גיב מיר אַ קיש.

מיסטער בינאָקל, נעמט אַראָפּ דעם מאנאקל און גיט איר אַ קיש.

רבקהלע פיינגאָלד:

— און ווער איז דער?..

מיסטער בינאָקל:

— וואגנער...

רבקהלע פיינגאָלד:

— אויך?

מיסטער בינאָקל:

— יאָ...

רבקהלע פיינגאָלד:

— מיזטי מיך שוין אַרימנעמען און געהבן נאָכאַמאָל אַ קיש, וואָרן כ'האָב שוין מורא אַליין צי זיין צווישן די ווענט פין בלויז מכשפים.

מיסטער בינאָקל נעמט זי אַרים און גיט איר אַ קיש.

רבקהלע הייבט אויף דעם קאָפּ:

— טיה נאָר צריק אָן דעם מאָנאָקל...

מיסטער בינאָקל:

— נאָכוואָס?..

רבקהלע פײַנגאָלד:

— איך וויל זעען, צי די ביסט נישט עהנליך צו זיי... אָדער, צו אײַנעם פון זיי?..

מיסטער בינאָקל:

— די ליעבסט מיך נישט?

רבקהלע פײַנגאָלד:

— פאַרוואָס?..

מיסטער בינאָקל:

— וואָס זשע דען לאָכסטו?..

רבקהלע פײַנגאָלד:

— איך גיי דיך אויספּריוון...

מיסטער בינאָקל:

— די ווייסט נאָך נישט ווער איך בין?

רבקהלע פײַנגאָלד:

— עפּעס נישט אינגאַנצן קלאָר...

מיסטער בינאָקל:

— דהיינו?

רבקהלע פײַנגאָלד:

— אַמאָל ביסטו דער... און אַמאָל ביסטו דער... און עפּעס אַלעמאָל דער זעלבער... (טיהט אַ לאַך אַרויס)

מיסטער בינאָקל:

— די ווילסט מיך הײַנט, זעה איך, פאַרשעהמען צווישן מענטשן.

רבקהלע פײַנגאָלד:

— שוין, מער שוין נישט... (טיהט זיך אַ וויש איבערן מויל) און ווער איז די מיט דער „שאַטקאָוויצע" פון קרויט ביי

דער קניע... און איין פיס אַ בורפיסן פין אינטערן קלייד?..

מיסטער בינאָקל:

— דאָס איז נישט קיין „שאטקאָוויצע", נאָר אַ האַרפּע, און די מיטן בורפיסן פיס — די „מוזע".

רבקהלע פיינגאָלד:

— זי איז אַ שיינע... נאָר זי האָט פליגל אויף די פּלייצעס... און זי איז אויך אַ כשופמאַכערין?

מיסטער בינאָקל, קיקט זי אָן.

רבקהלע פיינגאָלד:

— צי וואָס זשע דען האָט זי פליגל?..

מיסטער בינאָקל:

— איר האָט פיינט פליגל?

רבקהלע פיינגאָלד:

— ניין. נאָר זי קען נאָך לאָזן אין מיטן קישן... מען קען זיך דען נישט בעגניגענען בלויז מיטן בעט?..

מיסטער בינאָקל:

— רבקהלע, עפּעס רעדסטי היינט ווי איינע, וואָס פּיה׳ט זיך אין די הויכע חדשים... איז שוועהר, האָט מורא פאַר פליען, און עס ציהט זי צים בעט.

רבקהלע פיינגאָלד, שמייכלט:

— פין וואַנען ווייסט איר, אַז נישט...

מיסטער בינאָקל:

— שוין טאַקי דען יאָ?..

רבקהלע פיינגאָלד, שמייכלט:

— נאָר וואָס דען מיינסטי, ס׳איז שוין דען נישט צייט?..

מיסטער בינאָקל:

— ע, איך גלייב עס נישט...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ניי, אַ שטיקעלע סימן האָב איך שוין, נאָר קליגע מענטשן גלייבן נישט, איידער זיי זעען...

מיסטער בינאָקל:

— ניין, רבקהלע, זאָג מיר דעם אמת?

רבקהלע פיינגאָלד:

— יעדנפאַלס, אין אַ זיבן חדשים אַרום וועט געבוירן ווערן אַ קליין מכשפל.

מיסטער בינאָקל:

ע, איך גלייב עס נישט... עס זעהט זיך טאַקי נישט... מען דערקענט גאָרנישט...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ניי, וועלן מיר שוין צי גלייבן קימען... נישט קשה, ס'ברענט דאָך נישט.

מיסטער בינאָקל:

— ווייסטי וואָס, מיר וועלן באַלד אויספּריוון.

רבקהלע פיינגאָלד:

— וואָס, איר ווילט מיר אויסמעסטן די טאַליע? איר קענט גלייבן.

מיסטער בינאָקל:

—ע, איר זענט קיין מבין נישט. וואָס זענט איר דען געניהט אין דעם?

רבקהלע פיינגאָלד:

— מיט וואָס זשע דען גייט איר אויספּריוון?

מיסטער בינאָקל:

— אָט, באַלד וועט מען אָנהייבן צי רידערן אינטער דער אַראָפּגעלאָזטער סצענע-קורטינע, אויב די וועסט דיך נישט דער־שרעקן און אויסהאַלטן, איז אַ סימן, אַז ס'איז גאָרנישט...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ני, איך בין גרייט.

עס פאַלט אַ קלאַפּ פון אינטער דער קורטינע, רבקהלע דער־שרעקט זיך נישט, שטייט גלייך, בלויז נאָר מיטן בליק ווענדט זי אַהין איר אויפמערקזאַמקייט.

מיסטער בינאָקל:

— ני, זעהסט שוין, האָסט אַפילו קיין צאַפּל נישט געטיען.

רבקהלע פיינגאָלד:

— וואָס, ביין זאָגט איר?...

מיסטער בינאָקל:

— ס'איז גאָרנישט... אוודאַי נישט...

רבקהלע פיינגאָלד, גיט פליצלינג אַ צאַפּל־אויף, די קור־טינע האָט זיך אַ פּעלבל געטיען:

— אוי, מייז...

מיסטער בינאָקל:

— מייז?...

רבקהלע פיינגאָלד:

— יאָ, מייז...

מיסטער בינאָקל:

— זעהסטי, דאָס איז קיין סימן נישט ביים דערשרעקן זיך פון ווייבער... וועגן מייז זאָל זיי גאָט אָפּהיטן, אַפילו נישט טראָגענדיקערהייט...

רבקהלע פיינגאָלד, אין פערלעגנהייט, נאָך אַ קליינע ווײלע:

— פון וואָס קימט דאָס, וואָס ביי פרויען איז אַזוי?...

מיסטער בינאָקל:

— פון דער קאָנסטרוקציע זייערער...ווען זיי דערזעען אַ מויז, איז ביי זיי אימפּערמיידליך דאָס טראַכטן, אַז זי זיכט אַ שפּאַרע...

רבקהלע פיינגאָלד:

— זאָגט איר, אַז ס'איז גאָרנישט, מיין דערשרעקן זיך?...

מיסטער בינאָקל:

— געוויס גאָרנישט.

רבקהלע פיינגאָלד:

— עס וואָלט נישט אויסגעמאַכט, אַז יאָ, נאָר אַז נישט, איז אויך גיט. אָבער עפּעס אַנדערש וויל איך בעהטן.

מיסטער בינאָקל:

— נו.

רבקהלע פיינגאָלד:

— העער: דעם אָוונט דאַרף דאָ זיין אַ פּרינצעסין, איך האָב געוואָלט זעען, ווי אַ פּרינצעסין זעהט אויס... האָב איך אָבער מורא, אַטאָמער וועט זי זיין פערשטעלט... אָדער וועט אויסזעען געקליידט פּינקט ווי אַנדערע דאַמען, זאָלסטי מיר אָנ-ווייזן ווער זי איז...

מיסטער בינאָקל:

— גיט...

עס קימען אַריין דער זשורנאַליסט, שרייבער אָפּאָטייטעס, פאָטאָגראַפּיסט, פאָרליכוויז געאַרעמט, יעדער מיט איינער פין דער מיטער מיט די צוויי טעכטער. מיסטער בינאָקל לייגט אַרויף דעם מאַנאָקל אויף אַן אויג, קיקט אויף זיי האַפערדיק פין דער ווייטנס, ביז יענע פערנעמען פלעצער אויף דער ערש-טער רייע שטיהלן.

עס עפענען זיך ברייט די טיהרן, פּובליקום קימט.

מיסטער בינאָקל לייגט דעם מאַנאָקל אין קעשענע, נעמט רבקהלען אינטערן אָרעם און ביידע פערנעמען פלעצער, אויך אויף דער ערשטער רייע, נאָר אויף דער צווייטער זייט סטעטש-קע, ווייטלעך פין יענע ערשטע אַנידערגעזעסענע.

עס הייבט אָן אַריינצידרינגען אַ גרעסערער מאַסן-עולם און בעזעצן די פּלעצער. ווען דער מיטלסטער זשיראַנדל פון סופיט צינד אָן אַלע זיינע פייערן פּליצלינג, איז שוין דאָס גאַנצע טעאַטער פיל בעזעצט. עס דערהערט זיך אַ קלינג פון אינטער דער פערהאָנגענער סצענע און עס עפנט זיך די פוּיער-האַנג.

אויף דער סצענע, גלייך ווי אַ ווירע, שטייט אַ בלאַסע, נאָר זעער שיינע, שלאַנקע, מיט זעער שיינע שוואַרצע אויגן, ווי געשליפענע שטיינער, די מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן.

אין די הינטערשטע רייען קרעכצן אונריאיק די שטיהלן, בעגלייט מיטן פּובליקומס רוישן:

— ש... ש... ש...

די מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן, מיט געזאַנג:

איך קים פין אַפריקאַ,
פין די טיעפע וועלדער,
אָ, האָ! ווי עס ברימט
דעם לייבס געפילדער...

אָ, האָ! פין די לעכער
צעשפּרייט זיך דאָס קול,
אַלץ העכער און העכער,
איבער בערג און טאָל!

אין די טיעפע טאָלן,
אויף די הויכע בערגער,
קלאַפּן ווי שטאָלן,
אַלץ ווילדער און ווילדער.

לייבן מיט די עקן,
טיגרן מיט די באַקן,
עס שטאָרמען וועלדער,
ביימער צעקנאַקן!
אָ, האָ!!!
(פאַלט אין אונמאַכט)
אַ בעוועגונג צווישן פובליקום:
— מיס כאַשאַ! שטיי אויף!...
(עס ציהט זיך צו די פויערהאַנג)
דאָס פובליקום:
— ביס! ביס! . . . .

עס דויערט אַ מינוט.

ווען די פאָרהאַנג עפנט זיך נאָכאַמאָל, שטייט מיסטער בינאָקל אויף דער סצענע, מיט אַ גרויסן קראַנץ קייגן מיסיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן.

מיסטער בינאָקל:

— דאָס איז די מיסיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן, די וועלט בעריהמטע שוינהייט, וואָס האָט ערשט פערלוירן איין ברילאַנט פאַר זעקס מאָל הינדערט טויזנט...

פובליקום:

— בראַוואָ!

(פויערהאַנג ציהט זיך צו, אַ דינער אַפלאָדיסמענטן)

ווען עס עפנט זיך ווידער די סצענע, שטייט דער זשור-נאַליסט איינער אַליין מיט אַ קליינעם בוקעט בלימען אין דער האַנט. —

זשורנאליסט:

— געערטע דאַמען און הערן! איר האָט געזעען? זי האָט געחלשט... אין הינדערט יאָר טרעפט אַ קינסטלער אַזאַ זכיה... און דאָס איז נישט געווען מחמת אינזער טעאַטער האָט שוין אַ טראַדיציע צי חלשן... ניין. יעדער האָט געזעען אינזערע סוברעטינס חלשן און דאָס פין איצט... דאַדאַרף זאָג איך, אַז דאָס איצט איז אַ גרויסע דערגרייכונג... דאָס ליעד — נאָך אַ טייערער שטיין אין דער קרוין פין אינזער טראַדיציאָנעלער טעאַטער פּאָעזי... אָבער יענע איז נישט אַזוי הויך אין איר טראַגיזם. צים ביישפּיל, דער אַרטיסט שרייט אויס אויף דער סצענע: „איך, דער גרויסוויזיר, בעפעהל דיר, אַז די, יידישע שוינהייט, זאָלסט מיר שענקען דיין ערשטן ליבעס-נעקטאַר, וועלכן איך מעכטע זויפן פין פילן בעכער... זאָנסט שטירצע איך דען קאָפּ פין דיינעם אַלטן פאטער אַרינטער... און דיך פערשפּער איך אין קערקער"... — זעהט מען כאָטש דאָרט אַ טראַגיזם פין קאַמף... דאָ, איצט, איז נישט אַזעלכער... דאָ איז דער טראַגיזם פין איינזאַמקייט: — די אַפריקאַנער וועלדער: דער ברים פין לייב: דאָס געשריי פין טיגער: דאָס קנאַקן און פאַלן פיןביימער... דאָס אַלץ ווייזט אויף דעם פּאַרשריט, וואָס אינזער טעאַטער-קופּלעט-פּאָעזי מאַכט...

נאָך, מיינע פריינט און פריינדינס, עס פיהרט זיך דאָך נישט, אַז די אָפּשאַצונג פין דער קריטיק זאָל פּאָרקומען באַלט אויפן אָרט ווי דער אַרטיסט טרעהט אַרויס און באַלט אין זעלבן מאָמענט... דערויף איז דאָך דאָ אַ פּרעסע... נאָר פערהאַנגען ווייַן און וויין... ווין, וואָס מען דאַרף אים לאָזן שטייען, ער זאָל ווערן גיט, און וויין — וואָס שוין... ר'איז שוין גיט... די גיטע מבינים טיען אַ זיפּעלע... און נאָך אַ זיפּעלע... דאָס טיהט די קריטיק... נאָך אַ נעפּעלע-אָן מיט די ליפּן, און נאָך אַ נע-

פעלע-אָן... דערנאָך גייט אַ שמעק מיטן נעזעלע, און נאָך אַ שמעק... און גאָר דערנאָך: ערשט דאָס דראָבניטשקע צעמאַמליען מיט די צייהנדלעך דאָס טראָפנדל ווייַן... פּינקט ווי מען וואָלט אים געקייעט און אַ הנאה געהאַט פון אים... און גאָר צילעצט קימט דאָס ציפּלעטשן מיט די ליפּעלעך... פּינקט ווי מען וואָלט געוואָלט אַרויסבעקימען פון דעם אַלע מעדנים... און גאָר-גאָר צים לעצט — ענדליך צים לעצט: דאָס בלייַבן זיצן ריאיק, שוין מיט אַן אויסגעלייכט פּנים, דערויף אַ מינעלע פון ישוב הדעת... ווי דאָס פּראָבלעם איז שוין געלעהזט... דאָס טיהט די געוויינליך אָנגענימענע קריטיק... די גיטע, די „מבינותדיקע״, אָט דאָ טיהט זי!.. פערהאַנען אָבער נאָך אַ מין קריטיק: וואָס קען זיך נישט דערלויבן אייַנציהאַלטן דעם אַנאַליטישן געדאַנקען שטראָם... אָט דאָס זענען מיר... ס׳הייסט איך געהער צי דעם מין קריטיקער... פון בעגייסטערונג, האַלט איך מיך שוין נישט איין... וויפיל הימלישן נעקטאַר האָט אינז דאָ די מיס כּאַשאַ כּאַשיש געגעהבן צי טרינקען... אָט דאָ ליגט דער אינטערשיעד אין חלשן פון אינזערס אַ סוברעטין, ביז איר... בשעת ביי אַנדערע איז דער טראַגיזם דאָרך אַ קאָנפליקט... ביי איר איז טראַגיזם גאָר אָן אַ קאָנפליקט!... בשעת ביי אַנדערע איז דער טראַגיזם אַ מענשליכער, ביי איר אַן אינדיווידועלער... בשעת ביי אַנדערע קען זיין דער טראַגיזם אַן אויסגעמיטענער, ווען זי זאָל נאָר וועלן דעם ברויסוויזיר נאָכגעהבן — דהיינו: נאַ דיר... ני, מילא, שוין, ני... וועט זי נישט רעהטן די „עהרע אירעס פאָלקעס״... און אויך בעדעקן מיט אַ ביסל שאַנד דעם קאָפּ „דען אַלטן פאַטערס״... אָבער אַ סוף צי דער טראַגעדיע!.. איז דאָ, ביי מיסיס כּאַשאַ כּאַשיש, דער טראַגיזם אַן אינדיווידועלער... וואָרן, וואָס וועט זי טיען, בשעת ביימער פאַלן?.. צי וועט זי דעם בוים אויך אינטערקויפן מיט דעם זעלבן, וואָס

דעם גרויסוויזיר?.. און די קריטיק, דאַרפט איר וויסן, אָנערקענט, פֿון ששת ימי בראשית אָן, נאָר דעם אונפֿערמיידליכן טראַגיזם. און דאַדאָרך, ווען זי חלושט, זאָגן מיר אַלע: זי מיז חלשן... זי דאַרף חלשן... און זאָל זי טאַקי חלשן...

און נאָך: בשעת זי שרייט אויס: „בערגער און טאָלן״, בעקימען מיר אויך די פּלאַסטיק, וואָס איז אַזוי נייטיק אין אינזער טעאַטר. איינזערע אַ פּרימאַדאָנע, ווי גרויס די בריסטן, האָט איר פֿינדעסטוועגן נישט קיין פֿאָרשטעלונג וועגן בערגער... ווי גראָב דער בויך און די פֿיס, פֿינדעסטוועגן, נישטאָ די פֿאָרשטעלונג וועגן די אמתע טאָלן... און דאָ — דאָרך אַ וואָרט, דאָרך אַ כשוף, ווערט עס בעשאַפֿן. „בערגער״—און עס שפּרייט זיך פֿאַר אייך אויס די פּערספּעקטיוו, עס שטאַרן פֿאַר אייך ארויס די שפּיצן... „טאָלן״— און איר זעהט די ווייטקייטן... אָט, אָט, ליגט אַלץ ווי אויף דער האַנט, דעקאָראַטיוו... היינט זשע די פֿאַנטאַזיע! אינזער יידישע ליטעראַטור-קריטיק וואָלט זי זיך גע-ווינטשן... וואָלט זי פֿערשפּאָרט צו געהבן אַ ביסל געהלן דרישטש...

גאָט, מיין גאָט! וואָס פֿאַר אַ „קלאַפּן ווי שטאָלן״, וואָס עס פֿעהלט שטאַרק היינט אין אינזער טעאַטר-רעפּערטואַר... מיר האָבן דאָס נישט... דאַדאָרך, ריפֿט זי אַרויס איצטער, מיין גע-עהרט טעאַטר-פּובליקום. וואָרן איך שפּיר, אַז איך דאַרף זי האָבן, איר מיין פֿערגעטערונג אויסצודריקן.

פּובליקום:

— מיס כּאַשאַ כּאַשיש שושאַן, קים אַריין!

מיס כּאַשאַ קימט אַריין, זשורנאַליסט שטייט שוין קייגן איר אויף די קניע, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. זי גייט מאַיעסטע-טיש צו, נעמט פֿון אים דעם בוקעט. זשורנאַליסט רירט זיך אָבער ווייטער נישט, נאָר בלייבט אין דער זעלבער פּאָזע, ווי

ער וואָלט געוואַרט אויף נאָך עפּעס. זי נידערט איר האַנט מאַ־יעסטעטיש, גיט אים אַ גלעט איבערן קאָפּ. דעמאָלט שטייט ער אויף מיט אַ נייג קייגן איר.

זשורנאַליסט:

— אין מיין לעהבן וועל איך קיינמאָל נישט פערגעסן די איינדריקן, וואָס עס האָט מיר געגעהבן איבערצייליעהבן אייער געטליכע קונסט!

פּובליקום:

— בראַוואָ! (מיס כאַשאַ כאַשיש אָפּ)

זשורנאַליסט:

— זי איז דער סימבאָל פון די שניי ווייסע ציגעלעך (שעפּסעלעך), וואָס פּיטערן זיך אויפן באַרג חרמון. גלייכן זי צום מגדל דוד, איז צו ווייניק. אירע פּיס זענען נישט קיין פּיס פון אינזערע סוברעטינס. איר האַלז נישט קיין האַלז פון אינזערער אַ פּרימאַדאָנע. און קייגן אירע בריסטן זענען טויבן צו קליין...

זי איז אָבער ווי יענס בת קול, וואָס גייט יעדן טאָג אויף פון באַרג חורב, טראָגט טרייסט צו די פערשפּרייטע אין גלות לענדער, און מיר זעען זי ביי אינז אויך. אָ, ווי גרויס איז דאָס ליכט, וואָס זי טראָגט צו די מאַסן...

מאַסן:

מיס כאַשאַ!!!

מיס כאַשאַ קימט אַרויס.

זשורנאַליסט:

— מיר האָבן נישט קיין אַנדערן אויסוועג, ווי נאָר צו פערגעטערן דיך. זאָל דאָס אָרעמע בוקעטל בלימען, וואָס עס האָבן דיר פריער דערלאַנגט די אָרעמע מאַסן דאָרך מיין האַנט... זיין איר אויסדריק. כאָטש אָרעם, אָבער ווי שמעקט דאָס.

(מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן, פֿערנייגט זיך פֿאַרן פּובלי-קום, אָפּ)

זשורנאַליסט:

— אָבער צי אינזער גרויסן בעדויערן, אַ מערקווירדיקער פֿאַל איז דאָ פֿאָרגעקימען מיט אינזער אַרטיסטין. ווי נאָר זי האָט דעם פּיס אַראָפּגעשטעלט אין אינזער שטאָט, אַזוי האָט מען זי בעגנבעט, אַן איידלשטיין פֿאַר זעקס מאָל הינדערט טויזנט...

(די מאַסע גיט אַ קרעכץ)

אָבער דאָס מאַכט נישט אויס. אינזער גרויסע קינסטלערין וועט פֿערשטייען, אַז אין יעדער אָרנטליכער געזעלשאַפֿט געפֿינען זיך אויך אימפּעראַנטוואָרטליכע מענטשן.

אַ מעשה דערצי קען איך אייך בערענגען פֿין לוט'ן מיט זיינע צוויי טעכטער. נאָך ער האָט זיך געזעען געצווינגען צי מיזן אַרויסגעהבן פֿאַר די וואָס האָבן אַרימגערינגעלט זיין הויז— זיינע צוויי טעכטער. „נאַט אייך — האָט ער געזאָגט צי זיי— מיינע צוויי טעכטער, וואָס זיי האָבן נאָך פֿין קיין מאַן נישט געוויסט... און טיהט אייך מיט זיי, וואָס עס געפֿעלט וואויל אין אייערע אויגן. נאַט אייך זיי, מיינע צוויי טעכטער...

אַזוי, וואַרשיינליך, האָבן די אימפּעראַנטוואָרטליכע, וואָס האָבן זיך פֿאַריינגעכאַפּט צי דער אַרטיסטין, אויך געמיינט... נאָר זיי האָבן זי נישט געטראָפֿן אין דער היים, און זיי האָבן צי-גענימען דעם שטיין...

דער עולם, קראַצט זיך:

— גיט אינז מיס כאַשאַן כאַשיש... ש... ש... ש... ש... ש... ש...

זשורנאַליסט, צים פּובליקום:

ש... ש... ש... שא!

(מיס כאַשאַ כאַשיש קימט אַרויס. לעגגערע פויזע. אין טעאַטער און אויף דער סצענע שטיל. אָנגעצויגענע שטימונג)

זשורנאַליסט, צים פובליקום:

— נאָך אַלעם פערגעסט נישט, אַז ס׳איז היינט א גרויסער קולטור־יום־טוב! (פערנייגט זיך, פויערהאַנג פערמאַכט זיך)

ווען די פויערהאַנג עפנט זיך נאָכאַמאָל שטייט שרייבער אפּאטייטעס:

— די געעהרטע טויזנטער פריינט פין דער יידישער קולטור וועלן מיר פערגעבן אויף מיין נישט באַלטיקן און נאָר ציפעליקן ווייזן זיך דאָ, כאָטש געדאָרפן האָב איך זיין דער ערשטער... ציפעליק בין איך היינט געקימען דאָ אהעהר נישט אָפיציעל... און במילא האָב איך מיך נישט געגרייט צים אויפטרעהטן... אָבער, ווען איך האָב דערזעען דעם אַרויסטריט פין מיס כאַשאַ כאַשיש פערוואַנדלט אין אַ גרויסן קולטור יום טוב, וואָס וועערט אויפגענימען פין טויזנטער מאַסן, האָט מיין האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן מעכטיק... וואָרן, ווי קען דאָס זיין, אַז ביי אַ טויזנט קעפּיקן עולם זאָל איך מיך גאָרנישט ווייזן?... אדרבה, געוויס... מיר דאַרפן זיך פרייען אַלע אינאיינעם, איך מיטן עולם און דער עולם מיט... אינז אַלע... אָט, קיקט מיך אָן, רבותי!... איר זעהט?... דאַדאָרך זאָג איך, אַז דער גאַנצער עולם דאַרף זיך פרייען מיט אַלע, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אינזער גרויסע קולטור, ווי: מוזיק און ליטעראַטור... אָבער פאַרוואָס, איך האָב פערזוימט צי ווייזן זיך פריער, בשעת דער עולם קיקט מיך שוין לאַנג אויס?... געוויסע עהרן פליכטן

וויזט אַראָפּ אויף די ערשטע רייע, ווי עס זיצן די מיטער מיט די צוויי טעכטער) צי דאַמען... קענען נישט דערלויבן צי שטעלן זיך אין דיענסט, מעגן עס זיין אַפילו, קולטור לייסטונגען... איך האָב רעכט געהאַט דעם געעהרטן פובליקום צי ווייזן זיך שפעהטער, כאָטש ס׳האָט מיך געגאַרט צי זעען צים ערשטן... אויך מיך פריידט צי זעען זיך מיט אייך, מיינע פערעהרער... פנים אל פנים... אויג אויף אויג... אָט אַזוי ווי אַצינט... איך קייגן אייך... און איר קייגן מיר... אויף אַזאַ אַרט, מיינע דאַמען און הערן, ווערט דער היינטיקער אויפטריט פערוואַנדלט אין א גרויסן קולטור יום טוב פין ליטעראַטור און מוזיק... איך דאַנק דעם גרויסן און איידעלען בעזיכער-עולם פין אינזער גרויסן קולטור-יום-טוב, און וועל אייביק געדענקען דעם כבוד, וואָס איז מיר ציגעטיילט געוואָרן פין אייך די היינטיקע נאַכט...

(פערנייגט זיך)

פובליקום:

— בראַוואָ!...

(שרייבער אפּאטייטעס פערנייגט זיך נאָך עטלעכע מאָל. אָפּ)

מיסטער בינאָקל, טרעהט אויף:

— אַ כשוף האָט אַ בלאָז געטיען איבערן גאַנצן לאַנד, ווען מיר האָבן דערהערט די בשורה, אַז אינזער גרויסע מייסטערין קימט צי אינז, פין איר רייזע איבער די אַפריקאַנער וועלדער, האָט זי בעוויליקט צי אינז צי קימען... און אַזוי האָט די בשורה אינז אַלע בעצויבערט! און ווען די גרויסע קינסטלערין האָט איר ליכטיק געשטאַלט בעוויזן איבער די גאַסן פין דער שטאָט, אַזוי האָט זיך די שטאָט גלייך דערפיהלט אינטער איר היפּנאָז. היינט דרייען מיר זיך אַלע אַרים אינטער איר ווירקונג, וואָס איז אויף אינז געפאַלן ווי אַ פסיכאָז. אָ, די גרויסע, געטליכע קינסטלערין!

פובליקום:

— מיס כאַשאַ!... (מיס כאַשאַ קימט אַרויס)

מיסטער בינאָקל:

— די גרויסער צויבער! ווער קען אָפּשאַצן די גרויסקייט און שטאַרקייט פון דער קונסט, ווען זי הייבט אָן צו ווירקן! (פאַלט אויף די קניען) דעריבער אַפּעליר איך צו דיר, גרויסע מייסטערין: דערהייב אינז אַלע צו דיר אַרויף, אינז גראָע מענטשעלעך, אַז מיר זאָלן זוכה זיין צו דערגרייכן דיינע קנעכלען. (פאַלט-צו מיטן שטערן צו דער פּאָדלאָגע. אַקליינע ווײַלע שטיל. ווען דער עולם קימט צו זיך, הייבט ער אָן צו יובלען. מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן פערבייגט זיך ווירדיק. פויערהאַנג פאַלט שנעל)

אין גאַרדעראָב אינטער די קוליסן.

מיסטער בינאָקל און פרײַלין רבקהלע פיינגאָלד אין עק ביי דער טיהר, אַרויפצו, ביי אַ טישל און אַ קליין שפּיגעלע, טיהט זיך איבער מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן.

רבקהלע פיינגאָלד:

— וואָס האָסטי היינט עפּעס גערעדט אַזוינס, וואָס איך האָב נישט פערשטאַנען איין וואָרט. איך וועל אָבער קוים גלייבן, אַז די איז מיין בעל ביתטע, און אַז זי קימט ערשט פון אַפריקאַ.

מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן:

— וואָס זאָגט דיזעס פרוילין, דאָס איך נישט אויס אַפריקאַ קאָם?

מיסטער בינאָקל, טיהט אָן דעם מאַנאָקל, גיט אַ קיק אויף רבקהלען, עגטפערט מיס כאַשאַן:

— ע, ניין!

רבקהלע פיינגאָלד:

— עס וואָלט געווען שיין, ווען זי זאָל טאַקי יאָ זיין מיין בעל ביתטע און מאַכט ערשט אַן אָנשטעל: „וואָס זאָגט דיזעס פרוילין״? גלייך זי דערקענט מיך גאָרנישט. און אויך, ווען די מאַכסט אַזאַ אָנשטעל, אַז זי איז די אַפריקאַנער פּרינצעסין און נישט מיין בעל ביתטע. (גיט אים אַ לייכטן שמייכל) די בלייבסט שוין דאָ, אמת? ס׳איז בעסער די בעלביתטע, איידער דאָס דיענסטמיידל. ובפרט נאָך אַ שיינהייט, אַ פּרינצעסין, נאָר וואָס מאַכט זיך פאַרן מאַן פאַר אַ קראַנק ווייב...

מיסטער בינאָקל:

— נישט דאָ, נישט דאָ איז ס׳אָרט פין שמיעסן...

רבקהלע פיינגאָלד:

— וועסט נאָך היינט זיין ביי מיר? (לאַכט) מסתמא שוין נישט...

מיסטער בינאָקל, לאַכט:

— כ׳האָב היינט אַ סך צי דערליידיקן...

מיסיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן:

— ווער איז דיזעס מיידל?

רבקהלע פיינגאָלד, שמייכלט:

— זי דערקענט מיך גאָרנישט, כאָטש נישט איך בין פער־שטעלט...

מיסטער בינאָקל:

— שאַ... (צי כאַשאַ כאַשיש שושאַן) מיינע אַ בעקאַנטע...

רבקהלע פיינגאָלד:

— זי קען מיך נישט. יאַ, בעקאַנטע. (צי בינאָקלען, לאַכנ־

דיק) אַ גיטע נאַכט. (נאָך לאַכנדיק) מעגסט שוין אויסטיען דעם מאַנאַקל...

מיסטער בינאָקל:

— פאַרוואָס?

רבקהלע פיינגאָלד:

— ווייל מען ווייסט שוין אַזוי אויך, אַז די ביסט אַ מכשף... אַ גיטע נאַכט, מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן...

מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן, שטייט אויף פין איר פרי-זור מאַכן:

— גיט נאַכט...

רבקהלע פיינגאָלד:

— גיט נאַכט. (ריקט זיך, שמייכלענדיק, מיטן פנים צי די אינערווייניקסטע, אַרויס פין דער טיהר. אָפּ)

מיסיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן:

— איין היפשעס מעהדל.

מיסטער בינאָקל:

— אָ, יאַ, איין גאָר פיינס...

מיסיס כאַשאַ שושאַן:

— וויסן זי, דאָס זי איזט קליג געננג...

מיסטער בינאָקל:

— אָ, יאַ, די איז היפש קליג. דאָס זי שוין אַפילו פאַר בענאַרישן זיך קיין מורא האָט... אַ וואויל מיידל.

מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן:

— די לאַכט אימער. —

מיסטער בינאָקל:

— יאַ, זי לאַכט, נאָך ווי לאַכן. זי קען שוין איינמאָל לאַכן.

אַ קלאַפּ אין די טיהר.

מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן:

— אַריין!

שרייבער אַפּאַטייטעס און זשורנאַליסט קימען אַריין.

זשורנאַליסט:

— דאָס איז שוין איינמאָל אַ שטאָרמיש אָוונטל געווען...

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— פּערצייעט, מאַדאַם.

מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן:

— אָך, מיינע פּרוינדע! (אַנטקייגן) ביטע, ביטע, זיצט.

זשורנאַליסט:

— דאָס איז שוין איינמאָל אַ רוישנדיק אָוונטל געווען.

מיסטער בינאָקל:

— אַזאַ אויפטריט האָבן אינזערע שוין לאַנג נישט געזעען.

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— אָ, יעס!..

מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן:

— איך ווערדע אייך, מיינע הערן, דעם גרעסטן דאַנק שולדיק בלייבן אונד איך האַבע אייך מיין ערפאָלג צו פער-דאַנקען, נישט וואַהר? דיזעס קולטור-פּראָבלעם, דיזעס דאַרף אייך פּערטרעהטן ווער, נישט וואַהר? דאָס היגע פאָלק ליעבט דאָך דאָס קולטור-פּראָבלעם, נישט וואַהר, מיינע הערן?

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— דיעס דאַרף מיר פּערטרעהטן ווער...

זשורנאַליסט:

— דאַרף אינזביידע...

מיסיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן:

— ני יאָ, ס'שוין רעכט... ס'וועט שוין זיין גיט...

שרייבער אַפּאַטייטעס, אָן אַ זייט צים זשורנאַליסט:

— זעה נאָר, זי מיינט דאָך, אַז זי וועט יוצא זיין מיט אַ קיש. (צי מיס כאַשאַן) העערט, איך האָב נישט קיין סך צייט, איך האָב געלאָזט פין יענער זייט קוליסן דריי דאַמען, בשותפות מיט מיין קאָלעגע. (ווייזט אויפן זשורנאַליסט) אַלזאָ, איך וויל, איר זאָלט אויפטרעהטן אויך אויף מיינעם אַ געזעגע־נונגס אָוונט פאַרן היגן פּובליקום, עס זאָל זיין „פיפטי־פיפטי", איך ביי אייך און איר ביי מיר, — און אויב איר זענט אַן אטראקציע, וועל איך האָבן אַ גיטע ביזנעס אין דעם זעלבן טעאַטר.

מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן:

— ני, ביטע, יאָ.

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— דאָס איז פאַר מיין בעטייליקן זיך אין אייער אָוונט, און מעער דאַרף איך נישט.

מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן:

— אָ, ביטע!

שרייבער אַפּאַטייטעס פּערנייגט זיך, געזעגנט זי פין דערווייטנס. זשורנאַליסט קישט איר די האַנט.ביידע אָפּ.

מיסטער בינאָקל, וואָס איז אין דער מיט פין זייער גע־שפּרעך געשטאַנען ביי מיס כאַשאַ כאַשישס שפּיגעלע און זיך געגלעט די האָר, דרייט זיך איצט צריק־אים צי מיס כאַשאַ:

— שוין אַוועק די יאָלדן. גיב זיי נאָר גיטע ביזנעס.

מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן:

— די קענען איינע קינסטלערין בעליידיקן.

מיסטער בינאָקל:

— צי וואָס דאַרפן זיי ליעבע? ביזנעס גיטע דער אַמע־

ריקאַנער טאָרבע, אַ הייזל אין ברוקלין, אָדער אין דער בראָנקס...

מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן:

— אַך, איך ליעב דיך, מיין יינגל! (נעמט אים אַרום קאָפּ און גיט אים אַ הייסן קיש) אַך, דאָס האָסטי פאַר דיין טייערן אויפּטיה מיט דעם ברילאַנט פאַר זעקס מאָל הינדערט טויזנט... מיר פאָהרן ציזאַמען פערברענגען ביי אַן אָוונט-ברויט, נישט אמת?..

מיסטער בינאָקל, קישט איר די האַנט, דערנאָך ליידנ-שאַפטליך אין די ליפּן:

— איך דאַרף נישט קיין ביזנעס. ווער עס ליעבט עפּעס אַנ-דערש, איך נאָר בלויז דאָס...

מיס כאַשאַ כאַשיש שושאַן:

— און איך ליעב נאָר אויך דיך, מיין יינגל (קישט אים) זי טיהט אָן דאָס אויבערמאַנטל. ביידע אָפּ.

קאַפּיטל פּערצן

פאָטאָגראַפיסט, אין אַ סמאָקינג, מיט פרוי עמאַ, די מי־שער פון די צוויי טעכטער, אין זאַל פון ליטעראַטן און זשור־נאַליסטן פעראיין. ביידע זענען הערליך אויסגעפּוצט, דרייען זיך אַרום געאַרמט, בעקוקן די בילדער אויף די ווענט. ס'איז נאָך פריהלינג, כמעט קיינער נישטאָ אויסער זיי ביידע.

פאָטאָגראַפיסט:

— איר זעהט, פרוי עמאַ, אָט דאָס איז נאַפּאָלעאָן מיט זיין ווייב זשאזעפינא.

פרוי עמאַ:

— אַן אמת ווייב?

פאָטאָגראַפיסט:

— וואָס קען זיין אמתער, ווי אַז מען שטייט געאַרמט, אָט ווי איך מיט אייך, (גיט איר אַ קיש)

פרוי עמאַ כאַפּט אַוועק דעם קאָפּ:

— כ'האָב געמיינט, אַז זי איז נאָר אַ געליעבטע.

פאָטאָגראַפיסט:

— ניין, חתונה געהאַט, אַזוי ווי איך מיט אייך וויל חתונה האָבן, איר ווילט אַזוי, יאָ? (גיט איר אַ קיש)

פרוי עמאַ:

— וואָס האָט איר דען אין מיר דערזעען? מילא, אייערע

קאָלעגן, דער שרייבער אַפּאָטייטעס און דער זשורנאַליסט נעמען סאַפּקעלען מיט סאָנקעלען, איז עס כאָטש מיידלעך...

פּאָטאָגראַפיסט:

— וואָס, זיי זענען מבינים, אַז זיי האָבן נישט געכאַפּט זיך צי׳ן אייך? איר, פערשטייט איר מיך, מיין ליעבע... (כאַפּט זי אַרים און קישט איר ליידנשאַפטליך אין האַלז אַריין) מבינים זענען זיי?

פרוי עמאַ:

— ני שוין, גיט. איר וועט זיך פערליעבן אין מיר, און וואָס וועט זיין מיט חתונה? (מיט אַ שמייכל) איר מיינט נישט אויף דערוויילער?

פּאָטאָגראַפיסט:

— אַך! איר זענט שוין מיין פרוי מיט חופּה וקדושין.

פרוי עמאַ:

— עס זאָגט זיך נאָר אַזוי, אַז איך בין שוין... וואָס, איר ליעבט מיך דען אַזוי שטאַרק?

פּאָטאָגראַפיסט כאַפּט זי שטאַרק אַרים, גיט איר אַ קיש:

— אָט אַזוי ליעב איך דיך.

פרוי עמאַ, לאַכט:

— די זאָגסט מיר שוין „די"?

פּאָטאָגראַפיסט:

— יאָ, זאָג די מיר שוין אויך „די".

פרוי עמאַ:

— דאָס איז נאָך נישט קיין סימן פין ליעבע.

פּאָטאָגראַפיסט:

— נאָר וואָס דען?

פרוי עמאַ:

— רעדט צי מיר איידעלע רייד און וועגן איידעלע זאַכן,

זוי מיסטער אַפּאָטייטעס צי מיין סאָנקעלען.

פאָטאָגראַפיסט:

— וואָס? איידעלע רייד?

פרוי עמאַ:

— אזוי פין דערווייטנס האַלט דיך, מיט רעספּעקט, און רעדס וועגן קויפן אַ הויז.

פאָטאָגראַפיסט:

— ניין, איך קען מיך נישט האַלטן פין דערווייטנס, און קויפן אַ הויז... ווי?..

פרוי עמאַ:

— ער קויפט אין בראָנזוויל, אָדער אין ברוקלין.

— און איך וועל קויפן הי.

פרוי עמאַ:

— ער וועט עפּענען אַ ביוראָ, מען וועט זיצן און איבערשרייבן זיינע מאַנוסקריפּטן פאַר אַלע רעדאַקציעס אין דער וועלט. און — מיין סאָניעלען, וועט ער מאַכן פאַר זיין ראהט געבעריין פאר אלע רעדאקציע-בעשטעלונגען ביי אים. זי וועט אויך זיך דארפן בעמיען וועגן „אדווערטייזן", זאָגט ער, זיינע ביכער. און איין מאָל אין חודש, איינלאדן א רעצענזענט אויף לאַונט-ברויט.

פאָטאָגראַפיסט:

— וואָס?

פרוי עמא:

— שטעלן וויין און שפּילן אין פּויקער.

פאָטאָגראַפיסט:

— ווער וועט פּויקן, זי אים?

פרוי עמאַ:

— די ביסט שוין עפּעס אויסן. „פּויקער", דאָס איז אַזאַ

איידעלע קאָרטן־שפּיעל אין אַמעריקע, וואָס נאָר גרויסע לייט שפּיעלן זי, און רעצענזענטן, מיז זיין, אויך.

פאָטאָגראַפיסט:

— און מיט וואָס נאָך וועט זי אים „מכבד" זיין?

פרוי עמאַ:

— הערט אויף, וואָרן די וועסט באַלד קריגן איבער די נאָז. ניי, וועל איך ביי דיר אויך קענען האָבן אַזאַ לעהבן?

פאָטאָגראַפיסט:

— ווייסטי וואָס, מיין ווייבעלע...

פרוי עמא:

— פין ווען אָן?

פאָטאָגראַפיסט:

— שוין, ענטשילדיק מיר. איך פערגעס אלץ און מיין, אַז ס'איז שוין נאָך דער חופּה. אָבער וואָס אַי, די וועסט דען נישט זיין מיין ווייב?

פרוי עמא:

— ניי, איז וואָס ווילסטי מיר זאָגן „ווייסטי וואָס"?..

פאָטאָגראַפיסט:

— יאָ, דאָס אלץ בין איך נישט. איך האָב נישט קיין ביוראָ און בין נישט קיין מאנוסקריפּט, נאָר פאר אַ ראהטגעבערין קען איך דיך אויך מאכן. וועסטי דיך פרעגן: מיט וואָס? איך וועל נאָר פערגרעסערן מיין פאָטאָגראַפיע אנשטאלט. וועל איך האָבן א גרעסער געשעפט, ווי דיין סאָנקעס התן, נאָר ער וועט זיין א מאנוסקריפּט און איך — אַ פאָטאָגראַפיסט, אָבער איך פאַל גאָרנישט אראָפּ ביי מיר.

פרוי עמא:

— און דערנאָך?..

פאָטאָגראַפיסט:

— וואָס זשע פרעגסטי? ווען ער קויפן אַ הויז דאָרט און מיר ביידע — דאָ... און מען מיז נישט זיין, דווקא, נאָר שרייבער אויף צו קויפן אַ הייזל אין ברוקלין... ער דאָרט... און מיר ביידע — דאָ... און ווייסט ווי נאָך: איך וועל עפּעס גיבן אַ קינאָ אויך... ווייל דאָס איז איין בראַנזשע, שיעור, מיט פאָטאָגראַפיעס. ני, וועסטי שוין קענען זיין אַ ראַהטגעבערין ביי מיר?... וואָס זאָגסטי צו דעם פּלאַן?

פרוי עמאַ:

— נישט קשה, די זאָלסט אים נאָר אויספיהרן...

פאָטאָגראַפיסט:

— פאַרוואָס דען נישט?

פרוי עמאַ:

— זענען דען פאָטאָגראַפיסטן אויך אַזעלכע געשטעלטע תכלית מענטשן, ווי אינזערע שרייבער יינגעלייט?... זיי גיבן קיינמאָל נישט אויס אַ גראָשן אויף אַ פרעמדע פרוי, אפילו נישט אויף קיין קאַבאַרעט שיקסע, מעג זיין פון ביליקסטן סאָרט... נאָר טראָגן אַוועק דאָס געלט אין דער באַנק אַריין...

פאָטאָגראַפיסט:

— יאָ, איך ווייס... און איך וועל מיך אָראָפּלערנען פון זיי...

פרוי עמאַ:

— און אַ פרוי האָט נאָר ליעב אַ „סטאַטקאָוונעם" מאַן, אַזעלכן, ווי אַ יידישער שרייבער איז... אויב די וועסט אַזוי טיען איז גיט... און איצטער זאָג מיר נאָך: ווי אַזוי וועט זיין מיטן שטיב-לעהבן, צי וועסטי קענען פיהרן אַן איידל הויז?

פאָטאָגראַפיסט:

— וואָס הייסט?

פרוי עמאַ:

— אַז אַ פּאָרפּאָלק דאַרף פיהרן אַן איידל לעהבן.

פּאָטאָגראַפיסט!

— ני, זאָג ווי אַזוי, די נעמסט מיך, דאַכט זיך מיר׳ עמאַלע, אויף אַ צי-שוועהרן עקזאַמען...

פרוי עמאַ:

— איך ווייס נישט, נאָר מיסטער אפאטייטעס זאָגט, ווי אַזוי...

פּאָטאָגראַפיסט:

— ני, מיזטי מיך, כאָטש, לערנען.

פרוי עמאַ:

— ער דערציילט מיין סאָניען, אַז זיינער אַ פריינט, אויך אַ יידישער שרייבער, האָט אַ ווייב, האָט זי שוין אויפגעהערט צי רעדן, פין איידלקייט... זי מיז גייען אויף די שפּיצן נעהגל... און פישצן, ווי אַ פייגעלע... קוים וואָס מען העערט זי... און אַלץ, וואָס זי פישצעט איז נאָר וועגן אים, דעם מאַן... ווייל אַזוי פאָדערט די איידלקייט פין דער שטיב... „מיין שעפּסל איז היינט געריטן אויף אַ פעערד”... — זאָגט זי.

פּאָטאָגראַפיסט:

— איז וואָס זשע נאָך דערמעער?...

פרוי עמאַ:

— יאָ, איז וואָס זשע טאַקי נאָך דערמעער... זאָגט זי עס אָבער מיט אַזאַ איידלקייט, האַלז-פישצל, דערציילט אפאטיי-טעס, און אַזאַ בלישצל אין די אויגן, פינקט ווי נישט איר בלויז האָט „שעפּסלס רייטן” אויפגעריכט, נאָר די גאַנצע וועלט... אָדער, אַז שעפּסל האָט גענימען אַ וואַנע... גיט זי דאָס איבער מיט אַזאַ שטיל פליסטערן, פינקט, ווי דאָס איז שוין געוועזן דער לעצטער טריט, נאָך וואָס משיח דאַרף קימען... — אַזוי,

דערציילט מיסטער אפאטייטעס, דאַרף מען רעדן וועגן אַ מאַן, ובפרט נאָך אַ שרייבער; מיט אַ קול פון נישט פערגינען זיך הויך צו רעדן.. ער זאָגט, אַז מען דאַרף דאָס..

פאָטאָגראַפיסט:

— און איך זאָג דיר, אַז מען דאַרף עס נישט. אויך איך בין אַ ספּאָרטס מאַן. קען איך נישט אַליין רייטן, גיי איך אויף „ווישטשיגעס״.. אויף דעם זעצן דאָ פערד-געיעגן, שטעל איך אַזויפיל און אַזויפיל... דערנאָכדעם — אויף אַ שווים-געיעג און בעזיג-דער אין אַ וואַנע אַריין..

פרוי עמאַ:

— טאָ וועד ווייסט וועגן דעם?...

פאָטאָגראַפיסט:

— וואָס דאַרף איך, אַז מען זאָל וויסן?...

פרוי עמאַ:

— אַ... ווייסטו דאָך נישט... דאָס ווייב מאַכט דערפון אַן איידעלע שטיב... אַרומגעוויקלט אין אַריסטאָקראַטישקייט...

פאָטאָגראַפיסט:

קען מען אויסהענגען אַן אַפּיש ביי אינז אויף דער וואַנט?...

פרוי עמאַ:

— די פערשטייסט נישט, אַז מיט אַזאַ גליק, ווי אַ ווייב, דערציילט נישט קיין אַפיש אין דער וועלט...

פאָטאָגראַפיסט:

— זי פישצעט?...

פרוי עמאַ:

— יאָ... און זי דערציילט עס גאָרנישט אויך, נאַר מאַכט אַ סוד דערפון,.. ווי עס זאָל זיך נישט צעגייען ווייט, נאָר בלויז פאַר גיטע פריינט...

פאָטאָגראַפיסט:

— ני זאָג מיר: פין וואַנען דערנעמט זיך אַזאַ ליעבּע צי פעּרד בּיי דעם דאָזיקן שרייבּער, אפּאטייטעס׳ס פריינט?...

פרוי עמאַ:

מיסטער אפּאטייטעס דערציילט, אַז יענער פלעגט קליינערהייט מיטגייען מיטן פאָטער אויפציקויפן אַ קעלבּל אויפן דאָרף... אַז דער פאָטער האָט עס געקויפט, האָט ער עס אים איבּערגעגעבּן אַהיימצוטרייבּן... און אַז ס׳איז נישט געגאַנגען, ווייל ס׳האָט געוויינט צריק צי דער מיטער און צי דער שטאַל, פלעגט ער עס אינטערשטויסן היבּטן און דרייען עס דעם עק, אַזאַ „משכנתה״, אַז דער „ריקן-בּיין״ זאָל זיך רייבּן און, עס זאָל אַליין לויפן... אָט דעמאָלט, דערציילט מיסטער אפּאטייטעס אויף זיין פריינט דעם שרייבּער, בּיי אַזאַ שלעפּנדיקער נסיעה, איז בּיי אים, בּיי דעם שרייבּער, אַלס יינגל, געווען דער העכסטער אידעאַל דעם פריצס זיהנדל מיטן פערדל... דאַדאָרך, ווען ער איז געוואָרן שרייבּער האָט ער זיך געלערנט רייטן... — דערנאָך האָט ער, איינמאָל, געזעען דעם זעלבּן פריצס זיהנדל אַריינרייטן אין מאַרק אויף אַ געזאָטלט פערדל אין אַ פראָסטן וואָכנטאָג... איז געוואָרן אַ געקיקערײ פין אַלע געוועלבּן, און רעהדלעך זענען געשטאַנען און געשמיעסט, צי איז דאָס ציימעל פין זילבּער, צי נישט?.. אַז דער שרייבּער האָט אָנגעהויבּן געלט צי פערדינען, האָט ער זיך געקויפט אַזילבּערן ציימעל און אַליין עס געפיהרט פין שטאָט צי שטאָט, ווייל דאָס פעערד איז נאָך אַלץ געבּליבּן בּיים פריץ אין שטאַל... אַדאָרכגייענדיק דערמיט דעם מאַרק פין וועלכן עס איז שטעדטל, האָבּן די יידן, פינדעסטוועגן, נישט ווייניקער אים נאָכגעקיקט, ווי יענעם פריצס זיהנדל... און פין דעמאָלט אָן האָט ער ליעבּ פעערד.

פאָטאָגראַפיסט:

— פֿין וואַנען ווייסטי דאָס אַלץ?

פרוי עמאַ:

— אַפּאָטייטעס דערציילט דאָס אַלץ מיין טאָכטער און איך הער מיך איינטער...

פֿאָטאָגראַפֿיסט:

— ווייסטי וואָס, עמאַלע: ווען איך וועל ווערן רייך, וועל איך מיר אַליין מאַכן אַ „האָדאָוולע" פֿין גייעג-פֿערד און, איך וועל אַ גאַנצן טאָג אַרימגייען אָרים זיי. אויך וועל איך אַ גרויסע צייט פֿין טאָג פֿערברענגען אין אַ זיידענעם באָד-קאָסטיום, אַז די זאָלסט האָבן נאָכמעער פֿין וואָס צי דערציילן.

פרוי עמאַ:

— אָבער ס'איז נישט דאָס...

פֿאָטאָגראַפֿיסט:

— וואָס?

פרוי עמאַ:

— פֿערשטייסטי מיך, אַז נאָר אַ שרייבער קען עס ניצן... דערפֿין ווערן זיינע ווערק גרעסער... — זאָגט אָפּאָטייטעס...

פֿאָטאָגראַפֿיסט:

— אַזוי?! דערצי האָב איך שוין קיין עצה נישט...

פרוי עמאַ, פֿערטראַכט:

דאַדאָרך פֿאָטאָגראַפֿירט זיך שוין היינט דער זעלבער שרייבער, זאָגט אַפּאָטייטעס, מיטן שרייבטיש... דאָס איז אויך אַזאַ מין ציימעל, ווי דאָס, וואָס ער האָט געטראָגן איבערן מאַרק...

פֿאָטאָגראַפֿיסט:

איך וועל דאָס נישט קענען... העכסטנס, מיט דער „האָדאָוולע", אַז מען זאָל מיינען, ס'זענען גיטע פֿערד...

פרוי עמאַ, צריק פֿערטראַכט, ציילט זעער פֿערחלומט:

— ציימלעך, פֿערד, באָד-קאָסטיום, שרייב-טיש...

פאָטאָגראַפיסט, אויך האַלב פערטראַכט:

— איך וועל דאָס נישט קענען...

פרוי עמאַ:

— ווען ביי מיר אַזאַ שטיב, ווי ביי מיין טאָכטער, הייסט עס, נישט קענען זיין?...

פאָטאָגראַפיסט:

— איך ווייס?.. (קליינע פויזע)

פרוי עמאַ:

— אָט דער (ווייזט אויף אַ פּאָרטרעט) לעהבט אויך געאיידלט.

פאָטאָגראַפיסט:

— ס'מאַכט אויך דאָס ווייב?

פרוי עמאַ:

— ניין. זי איז אַנטלאָפן...

פאָטאָגראַפיסט:

— נאָר ווער דען?

פרוי עמאַ:

— בענקשאַפט... דאָס מאַכט אויך אַן איידעלע שטיבשטימונג... (קליינע פויזע)

פאָטאָגראַפיסט:

— און וואָס האָט ער אַזאַ לאַנגע נאָז?..

פרוי עמאַ:

— ...און אַפּאָטייטעס זאָגט, אַז דערדאָזיקער שרייבט נאָר וועגן נאַרציזן... וועגן איינזאַמקייט און, אַז מער ווי איין פריינט איז אים נישט געבליבן: דאָס קאָרצע לילקעלע... און די לעהזער האָבן אויף אים רחמנות, ווי אויף אַ יתום...

פאָטאָגראַפיסט:

— וואָס ביסטי עפּעס אַזוי פערחלומט געוואָרן? זעה נאָר,

עס הייבן שוין אָן אָנציקימען מענטשן... (ביידע קיקן זיך אַרום, עס קימען אַריין עטליכע מיידלעך און יינגעלייט)

עס קימט אַריין דער זעלבער דיכטער, וואָס אויפן פּאָר־טרעט: ר'איז לאַנג־געוואַקסן און קאָרץ בעפּייקעט...*) ער וויל אויסזעען, ווי אַ שאָטן און, ווייל ער האָט מורא, אַז אַ שמייכל זאָל אים נישט פּליצלינג פעראָטן... זעהט מען, אַז דאָס פּנים האָט אַ לאַנגע צייט געאַרבעט אויף זיך, ביז עס האָט איינגעגלי־ווערט אַ בורשטינערן ליכטל, וואָס איידער שמייכלען, וויל עס בע־סער נאַריש זיין, ווייל דער נאַרישליכער בעל בית האָט בעשלאָסן צו זיין זויער... ער קיקט זיך אים, צי אַלע זעען אים שוין... און גייט צוריק אַרויס... דאָרך די אָפּגעלאָזטע טיהרן הייבן זיך אָן זאַמלען הערן־מיטגלידער, ביז עס פיהלט זיך אָן דער זאַאַל און עס ווערן דאָרך זיי פערנימען אַלע פּלעצער. דעמאָלט עפנט זיך לינקס פון דער טריבונע אַ טיהר פון אַ זייטיק צי־מער און עס גייט אַרויס אויף דער טריבונע דער בערלינער דיכטער: געפּרעסטער סורדוט, טיעפער, ווייסער גאָרס מיט אַ ווייסן שלייף, אַ שוואַרץ בערדל, איבער וועלכן ער הענגט אַרויס אַ שמייכעלע, ווי אַ סערוועטל, אַז דאָס בערד'עלע זאָל גלאַנצן... און אויך דאָס בערדל איז אַרויסגעהאָנגען, נישט ווי אַ העמדל פון אַ פּאָר מייטקעס, נאָר ווי פון אַ פּנים אַ לעקיש, וואָס וויל דאָרכאויס אַלע צו לעקיש מאַכן און ווייזט באַלד אַ מוסטער טאַקי פון זיך, ווי אַזוי אַזעלכער דאַרף אויסזעען.

אַ יינגל טראָגט דאָרך אויף דער סטעטשקע צווישן די רייען שטיהלן — אַ קאַרפינקע וואַסער מיט אַ גלאָז צים טיש פון דער טריבונע, שטעלט אַוועק און דעמאָלט הייבט דער דיכטער אויף דאָס בערדל.

*) מיט אַ קאָרצער פּייקע

בערלינער דיכטער:

„מיינע חברים, פריינט און פריינדינס! אינזער פערגאַנ־גענהייט איז אַלעמאָל געווען רייך מיט קולטור־דערגרייכונגען, און היינט האָבן מיר שוין דערגרייכט גאָר הויך... עס שטייט, אַז ווען דער מלאך האָט געזאָגט שרהן: פין היינט איבער אַ יאָר וועסטו האָבן אַ זיהן, האָט זי געענטפערט: איז דען מעג־ליך, אַז די דאָזיקע „בריסטלעך" זאָלן נאָך זייגן?.. אָבער צוליעב אַ נס פין אַ פאָלק קען אַ שטעקן אָנהייבן צו בליען איבער נאַכט... ווען מען שטעלט אים אינטערן פענסטער אַרויס... מיר האָבן שוין היינט אַ יידישע קולטור אויף דריי לשונות... אָבער אויך נישט די דריי זעלבע די איינציקע. אין פראַנקרייך האָבן מיר אויך אויף דריי לשונות... אין אַמעריקא און אין רוסלאַנד אויך אויף צו דריי לשונות, הייסט עס, אַז בייזאַמען האָבן מיר שוין אַ יידישע קולטור אויף צוועלף... אָבער פריינט פין דער יידי־שער קולטור, דאָס איז נאָר אין פרידנס צייט... אויף מלחמה־צייט, ווען יעדע אַרמעע ווערט במילא דערפילט אין איר גאַנצן קאָמפלעט: מיט רייטער, סאַפיאָרן און אַרטילעריע, ווער שמיעסט נאָך, ציזאַמען מיט די נישט אַקטיווע, די אין זאַפאַס; — צי געַ־דענקט איר, ווי אויף איין איינציקן המן פלעגן זיך נעמען אַ גאַנץ בית המדרש יידעלעך, קיין עין הרע, מיט פיפציק קאָלבע־גרעגערס, וואָס אָרים און אַרים יעדן גרעגער־רעהדל איז געווען צי צוועלף צינגען, דערנאָך המן־קלאַפערס, בעזינדער אויך טיפן מיט די פיס, און אַז דאָס האָט נישט געהאָלפן איז נאָך אויך געווען אַ צישרייען מיט די העלזער אויף קולי קולות. און איז דאָס נאָך אויך ווייניק, האָט מען גלאַט ציגעפויקט מיט ברעה־טער און איינגעלייגט דעם בית־המדרש־אויוון, (ווייל ס'איז שוין סיי ווי סיי געגאַנגען צי זימער) צי געדענקט איר דאָס, אָט דאָס דאָזיקע בילדעלע?—זאָג איך אייך, אַז אין דער מלחמה־

צייט, ס׳הייסט אַזוי אין עפּעס אַ שטיקל מהומהלע-צייט, הייבט אינזער יידישע קולטור אָן צי רעדן אויף אַ סך מעער, ווי אויף שבעים לשונות... אויף זיבן הינדערט שפּראַכן... „אויף מעער, ווי די גאַנצע וועלט צוזאַמען פערמאָגט. אויף וויפיל שפּראַכן האָבן מיר גערעדט אויף דעם שוואַרץ-פּראָצעס, ווען מיר האָבן נאָר דערטאַפּט דעם שטיקעלע „המן״?.. און דעמאָלט, שוין נישט ביי אים אין דער היים, נאָר ביי אינז אין „בית המדרשל״?.. מיינע פריינט און פריינדינעס און חברים — צי איז דאָס אַליין שוין נישט אַ סימן פין אמתער גבורה, ווי עס פּאַסט פאַר „אַ שטאַמלער״ פין די מאַכאַבעער? מיינע פריינט, איר זענט דאָך אויך פין אינזער פאָלק און איר געדענקט דאָך, ווי קליינערהייט פלעגט איר אַריינבאַרן אַ קליין הינטל צי׳ן אייך אין סופּהלע, און אָנמאַכן דערמיט אַ רעש, אַז איר שלאָגט אַ „הינט״, אַז די גאַנצע גאַס איז געוועזן איינגעהיעלט אין בהלה. איר האָט דאָך אודאַי נישט געשוויגן דעם דאָזיקן פערבלאָנדזעטן הינטל, ווייל עס האָט פאַראַכטאָגן שבת, בשעת איר זענט אַרויסגעקימען אינ-טער די שטאָט שפּאַצירן, פעריאָגט אייך גאַנצע פיפציק יינגען צריק אין שטאָט אַריין? אַזוי שווייגט אויך נישט אינזער יידישע קולטור, ווען זי פּאַקט אַזאַ „הינטל״, און זי הייבט אָן צי רעדן אויף זיבנהינדערט שפּראַכן... וואָס דאָס אַליין איז שוין דער סימן פין אינזער גרויסער גבורה, וואָס שטאַמט נאָך פין די מאַכעבעער. מיר זענען נישט ווי די בערג-פעלקער, וואָס טיען אָפּ אַ זאַך שטיל און שטילערהייט. שטיל לויערט מען אויפן שפּיץ באַרג אויף אַ שונא, און שטימערהייט לאָזט מען צי אים פליען אַ פייל, אַזוי, אַז ווען דער שונא קיקט זיך אים מיט דער פייל אין זיין בריסט, וואָס האָט אים פין פליצלינגער ווייטיק דערכאַפּט, און מיט אַ לעצטן קעהר פין אויג און לעצטן געדאַנק, וויל ער נאָר כאָטש דערזעען פין וועלכער זייט

דאָס איז אים געקימען, זעהט ער דאָס אויך נישט... מיר זענען אויך נישט אַפּילו, ווי אינזער משה אין דער גאַנץ פרימיטיווער צייט: ויפן כּו וכו׳, — ער האָט זיך נאָר אַ קיק אים געגעהבן צי קיינער זעהט נישט און — ויך... ער האָט דעם גוי, דעם מצרי דערשלאָגן, — ויטמינהו... און ער האָט אים בעהאַלטן אין זאַמד אַריין, אַז קיין האָן זאָל קיין קרייה נישט געהבן. אָ, מיר זענען שוין ווייט נישט די, מיר ציוויליזירטע יידעלעך. דער בערג-מענטש, איז בטבע אַ שרעקנדיקער, ער בעהאַלט זיך אין אַ שפּאַלט פין בּאַרג אָפּציוואַרטן אַ שונא, משה רבינו דעסגלייכן... וואָס דען האָט ער זיך אימגעקיקט אַהין און אַהער, אויב נישט פין שרעק... מיר קעמפן אָפן, פריי, ווען דאָס „הינטל” קימט צי אינז אין „סוכּהלע” אַריין... און אויך דעמאָלט איז דער עיקר קאַמף — אויף לשונות, מיט זיבנהינדערט לשונות... און אָט די דאָזיקע דערגרייכונג האָבן מיר צי פערדאַנקען אינזער יידישער קולטור אויף זיבנהינדערט שפּראַכן.

אינזער זיבנהינדערט שפּראַכיקע קולטור האָט אינז אויך געבּרענגט, אַז מיר זאָלן זיין פערטרעהטן פין זעער אַ סך איבּזערע פּאָרשטייער, פין אימעטים און אַלע זייטן, אויף יעדע וועלט-קאָנפערענץ. וואָס אַ פּוילישער ייד וויל פּאַר דער פּוילישער מלוכה, כּדי עס זאָל זיין יידן גיט, וויל דאָך טאַקי פּינקט פערקעהרט אַ לאָנדאָנער ייד פּאַר דער לאָנדאָנער מלוכה, כּדי עס זאָל זיין יידן גיט... אַזוי ערנאָך זענען מיר פערטרעהטן פין אימעטים...

און מיר זענען נישט נאָר אימעטים און פין אימעטים, נאָר אויך די ערשטע צי יעדע זאַך. עס שטייט אין שטאַרקער סתירה קייגן אינזער כּאַראַקטער, קייגן אינזער וועלט-אָנשויאונג, אַז מיר זאָלן זיין די לעצטע... איר געדענקט דאָך אַוודאי די קריעת שמע לייענכצן אייערע, אַלס חדר יינגלעך, ביי אַ געווי-

נערין אין דער וואַך נאַכט, דעם אָוונט פאַרן ברית? צי האָט זיך געפינען צווישן אַלע פין אייך איינער, וואָס זאָל זיך נישט געהבן אַ לאָז מיטן גאַנצן שטראָם, ביי די לעצטע ווערטער „מעתה ועד עולם" אויף דעם טיילער פין די באַני-קעהרן מיט ציקערלעך, אז יעדער פין אייך זאָל נישט וועלן ציכאַפן דער ערשטער און טאַקי אויך איינגאַנצן, איידער ציציילאָזן אויך דעם צווייטן?..

איך לייקן דאַדאָרך קאַטעגאָריש אָפּ די לעגענדע, אַז גאָט האָט זיך אַרימגעטראָגן מיט אינזער תורהלע פריער צי אַלע פעלקער און דערנאָך ערשט — געקימען צי אינז מיט איר, ווי צי אַ בן זקונימל. איך גלייב, אַז מיר זענען געווען די ערשטע אתה בחרתנוניקעס זיינע. פין דער ערשטער מיניט אָן, אַז מיר האָבן עס אים טאַקי די ערשטע פין דער האַנט אַרויסגעפליקט. נאָך רש"י האָט שוין געהאַט אַ שטיקל קיק אויף אינז: קימט צים משכן, זענט איר די ערשטע, קימט צים עגל — אויך די ערשטע... און איך, וואָס איך האַלט דאָ ערשט פאַר אייך מיין רעדע, אַזוי ווי איר קיקט מיך אָן מיט מיין לעקעשעוואַטן בערדל, זאָג, אַז אַפּילו אויף בודהאַ'ס תורה, וואָלטן מיר אויך געווען די ערשטע... נאָר צים אימגליק איז זי פריער געקימען אויף דער וועלט, איידער אינז, און מיר האָבן נישט געקענט זיין די ערשטע... ווייטער זענען מיר אימעטים די ערשטע... צי יהוהן זענען מיר די ערשטע, מילא, צי קריסטוסן זענען מיר דאָך אַודאי די ערשטע... און אַזוי כסדר, ביזן היינטיקן טאָג, צי אַלע תורות — די ערשטע... אַ חוץ אויך, וואָס צי אַלע גרעסערע און קלענערע „איזמען"... אַלץ די ערשטע...איך וויל נישט זאָגן, אַז דאָס שטאַמט אַלץ פין אָט יענעם כאַראַקטער „קריאַת שמע" לייענען, אַז דאָס לעצטע וואָרט „מעתה ועד עולם" זאָל זיך ענדיקן מיט זיין דער ערשטער צי „ציקערלעך מיט באַני-קעהרן"...

ווייל אויב איך וועל אַזוי זאָגן, וועט איר האַלטן מיין בערדל שוין פאַר ציפּיל נאַריש לעקישעוואַטע, וואָס איך האָב עס זעער ליבּ, און כ׳האָב עס דאָרך טאַקי פערהאָנגען פאַר אייערע און נאָך מענטשנס אויגן, מיט אַ נאַריש סאָלוועטקע-געלעכטערל, כדי איר זאָלט עס נישט פיינט האָבן צוליעב די כיטרע געדאַנקלעך און שמייכעלעך, וואָס בלאָנדזן דערויף אַרים... נאָר זאָגן, זאָג איך אייך, אַז דאָס קיקט שטאַרק אַרויס פון אינזער „יידישער קולטור״ אין זיבנהינדערט שפּראַכן, אָט דאָס זיין אימעטים די ערשטע... און ווייסט איר פאַרוואָס איך האַלט דעמדאָזיקען רעפּעראַט? — אויך ווייל איך וויל זיין אַן ערשטער... אויב נישט דער סאַמע ערשטער, זאָל זיין אַ צוואַנציקסטער „ערשטער״. איך וויל אַ צייטונגס-פּאָסטן אין דער רעדאַקציע „דער טאָפּ״... (קלאָג מיך קלאָג צים ונתנה תוקף) מיין ווייבל, פערשטייט איר מיך, קיקט אויף מיר מיט אַן אינטעליגענט-שפּיציק בליקל פון אַ זייט, ווי אויף אַ דראַגונער, אַ גרויסן „אַרטילעריע שיעסער״, און וואָס קען זיך פערגינען איר, אַ שוואַך פייגעלע, צי לאָזן אַנטגייען... מיין שוועהר ווידער, קיקט אָנגעריקט אויף מיר, ווי פון ווייטנס אַ שוואַרצער שינדל-דאַך פון אַ צעפּוילטער געביידע, און מיין שוויגער זאָגט גלאַט, אַז איך טויג אויף טויזנט כפּרות. אָט דערפאַר האַלט איך דעם רע-פּעראַט. (גיט אַ גיי אַראָפּ פון דער טריבונע)

עס ווערט אַ רויש צווישן עולם:

— ער האָט דאָך עפּעס בערעדט אינז אַלע יידן.

בערלינער דיכטער, הויך:

— אַוודאי האָב איך בערעדט.

איינער פון עולם:

— אַנטיסעמיט!

אייניקע פון דער ערשטער רייע, קיקן זיך אים צים שרייער:

ש... ש... שאַ... (צום בערלינער דיכטער) און שוין, מעגער האָסטו נישט וועגן יידן און יידישער קולטור? גאָרניט קיין גוטס?

בערלינער דיכטער:

— כ׳האָב...

די זעלבע עטליכע שטייען אויף זייערע ערטער, דער־נעהנטערן זיך צו׳ן אים, אויף אַ שטילער קול:

— ס׳איז דאָך אַ שוואַרצע חרפּה: וואָס וועלן מיר מאָרגן קאָמענטירן אין דער פּרעסע? ס׳האָט דאָך דיך געהערט אַ עולם, זאָג, וואָס ווילסטו?

בערלינער דיכטער שרייבט אויף אויף אַ צעטל, שטיפּט עס זיי אין דער האַנט אַריין, זיי לייגען צווישן זיך:

„עס קאָסט צוויי הונדערט זלאָטעס אַ וואָך, כסף טהור, פּענסיע אין אַ צייטונג, מיט אַ קאָנטראַקט. וועט זיין דער זעל־בער רעפּערטאַט איבערגעדרייט איצט באַלד אויפן אָרט, אויף דער אַנדערער זייט״...

די זעלבע:

קריגסט.

בערלינער דיכטער:

— איך האָב אייך נאָר געוואָלט ווייזן, אַז כ׳האָב אַ — שאַרפע צונג, מיט וועמען מען דאַרף זיך רעכענען, און אַז איך וויל, קען איך מאַכן פון שלעכטס גוט אויך.

די זעלביקע:

— שוין, גוט.

בערלינער דיכטער גייט צוריק אַרויף אויף דער טרי־בונע:

— הערט זשע מיך, מיינע פריינט און פריינדינעס; חברים פון אַ גאַנץ יאָר און אַלע טעג פון יאָר: מיר זעבען

אימעטים און מיר זענען צים ערשטן, אינזער קולטור האָבן מיר חלילה, נישט איינגערייִמט אין קיין רעהמל, מיר האָבן זי ברייט און ווייט פּעָנאַנדערגעטראָגן. מיר האָבן פעלקער איינגעשפּאַנט אין דער דאָזיקער דיענסט צי אינז. ענגלאַנד, אירע מיסיאָנערן געשיקט פין פאַבריקאַנטן, פערשפּרייט אינזער תּנך צווישן די שוואַרצע מענטשן. דעם סאַמע לעצטן פין אינזערע נביאים, קריסטוסן פּאָפּולער צי מאַכן, האָבן מיר געשטעלט אַ גאַנצע וועלט אין דיענסט צי אינז... מיר האָבן אויך אויף דער וועלטליכער פּרעסע אויסשטעלונג אין קאָפּענהאַגן דערגרייכט גיטע רעזולטאַטן דאָרך דעם אַרויסשייִנען פין אינזערע „קיאָסקן" מיט די ביכער, וואָס ווערן געשריבן פין אינזערע זשורנאַליסטן פין היינענדיקן פעראיין טאָקי... און ענדליך, האָפן מיר אויך צי דערגרייכן גיטע רעזולטאַטן דאָרך וויטלינען, אינזער פאַך גענאָסע, אָדער דאָרך דער איבערזעצערין אידזשאַ אידזשאַקאָווסקאַ, וועלכע וועט מסתמא מיט געהעריקער זאָרגפעלטיקייט איבערפלאַנצן אין אַנדערע גערטענער אַריין אינזער ייִנגסט צווייגעלע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויף דער שויס פין אינזער זשורנאַליסטן פעראיין... וועלכער וועט, מסתמא, האָבן די בענטשונג פין די שפּעהטערע דורות, אפשר פין דער גאַנצער וועלט אויך, בעזינדערס פין אינזער יידיש פאָלק, פאַר אינזערע הייִנטיקע בעמיאונגען...

איינער פין דער ערשטער רייִע שטייט אויף, מיטן פּנים צים עולם:

— איר העערט, אַז מיר האָבן צי פריה חושד געווען אין יידנפיינטשאַפט. פאַר נישט מבינים טאָר מען נישט ווייזן קיין האַלבע אַרבעט... כ'מיין פריער און איצט?

עולם:

— יאָ, יאָ.

בערלינער דיכטער:

— כי במקלי עברתי את הירדן הזה, ואתה היתי לשתי מחנות. אינזער יינגסט קולטור צווייגעלע הייבט זיך אָן פון א דיניטשקע שנירעלע. צים ערשטן אַ טשערנאָוויצער קאָנפערענצעלע, וואָס אָן דעם האָט קיין פּראָווינצער ייד נישט געהאַט קיין שום הכשר צו רעדן יידיש... דאַגעגן, הייַנט, האָבן אים שוין אויך יעדער איינער, וואָס רעדט אויף יעדע איינע פון די יידישע זיבן הינדערט שפּראַכן. אויך די שוהל-נעץ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון אַן איינציק ציגעלע, וואָס איינער פון אינזערע לעצטע ליטעראַטור-קלאַסיקער האָט געלייגט. זי האָט זיך הייַנט אויסגעשפּרייט אַזוי, אַז אירע ווענט זענען שוין צו ענג אויף אַרייַנצונעמען אַלע יידישע קינדער און שיקט זיי אַוועק אָפּ אין אַלע גוישע שילן. דעסגלייכן זענען ענג געוואָרן די ווענט פון אינזערע ביבליאָטעקן, אינזער ליטעראַטור מעגן מיר שוין שטעלן אינדרויסן... קיין גנב וועט זי נישט גנבענען. אויף אַן אַסיפה צווישן פערלעגער און שרייבער, וועגן פערבעסערן דעם מאַרק, האָט זיך נישט געלאָזט דעבאַטירן די פראַגע וועגן אָנשטעלן אַן אייגענעם גנבים-קרייז „פּאָליצע אָפּליידיקער פון די יידישע שטעהדט און שטעהדטליך ביבליאָטעקן", ווייל די הינטערוועלט האָט דעם פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן...

דאָרך דער קליינער צייט פון אינזער יינגער ליטעראַטור, איז געשעען מער נס ווי דאָרך דער צייט פון די צעהנדליקער דורות פון די תנאים ואמוראים: איר וועט גאַנץ ש"ס, אויב אָן פּרושים, קענען צינעמען אינטער איין אָרעם, — איר וועט אָבער נישט פערנעמען אויף קיין גאַנצע פיהר, די ביכער פון איינעם אַ הייַנטיקן, וואָס האָט נאָר דערווייל אַרויסגעגעהבן צוואַנציק ביכער, ווען ער וועט צינויפקלויבן די איבעריקע פיר הינדערט אַכציק... זיי זענען נאָך דערווייל נישט אַרויסגעגעהבן,

אָבער ער וועט מאַכן פון זיי ביכער צים גלייכן מספר — פינפ-הינדערט. אַזוי האָט אינזער ליטעראַטור זיך אויסגעשפּרייט... דאָס איז אַ ווינדערליכע זאַך. איר קענט דאָס ווינדער, אַפילו ביים וואַקסן פון משוגענעם מאָן, נישט טרעפן. און ווי לאַנג איז גאָר, אַז דער דאָזיקער קוואַל איז געווען גאָר אָרעם? איר גע-דענקט דאָך יענע צייט, ווען אַחד העם האָט בעשטימט פייער-בערגן פיפּציק קאָפּיקעס אַ וואָך, כדי נישט אַחד העם זאָל שטאַרבן פון אויסצעהרונג און פייערבערג זאָל נישט מער אָנ-שרייבן, ווי איין קליין ביכל... איר געדענקט דאָך אויך גנעסינס בלאַסע, פערחלומטע „טייכל״?

נאָר בלויז דריי פון אינזערע גבירים האָבן אינז געוואָלט אויסהאַלטן קייגן שונא, אַז ירושלים זאָל נישט פאַלן: מיט ליכט, שפּייז און קליידונג. נאָר דריי בלויז פון אינזערע איצטיקע שרייבער, די לאַנגע נאָז מיט דער קאָרצער פּייקע, די לאַנגע שפּרייזן מיטן קליינעם כדור אָרץ פאר נאָך קאָנפערענצן, און דאָס יאָרידס פּנים מיט דער האָטשיק נאָז — קענען אינז אויס-האַלטן מיט גאַנצע בריקעס פון זייערע אייגענע „סעטן״ ביכער, די ביבליאָטעקן פון שטעהט און שטעהטלעך זאָלן נאָר צעריקן די ווענט...

אָבער דאָס איז נאָך נישט אינגאַנצן... איר געדענקט, מיינע הערן און דאַמען, ווי קליינערהייט, האָט איר מיט אייערע קליינע חברימלעך, אויסגעזעצט אויף אַ פּלאַץ, מיט די תהתונימ-לעך אין די הענטלעך, געשפּיעלט זיך אין דעם —. ווער פון אייך עס קען מאַכן מעער קליינע באָביקלעך?.. — נעמט, מיינע פריינט, ציילט איבער די קלענערע הויפנדלעך אין אינזער לי-טעראַטור, אַחוץ די מיט די גרויסע סעטן... וועט איר געפינען, אַז די דריי זינען זענען נאָך אַרימגעזיימט מיט שטערנדלעך פון פערשידענע פאַרבן, קאָלירן, און אַלץ צוזאַמען בילדעט אינזער

אויסגעשטערנטן ליטעראַטור־הימעל...

אַך, מיינע פריינט, איך פערמאָג נישט גענוג איידעלע געפיהלן אויסצודריקן מיין ענטציקונג פאַר אינזער יידישער ליטעראַטור... דאָך גענוג לויב בלייבט נאָך פאַר דער יידישער פרעסע. דאָס דינסטע שניירעלע איז געווען איר אָנהויב... צום ברייטסטן אויסגאָס האָט זי זיך צעשפרייט. אינזערע קלאַסיקער, וועלכע לעהבן שוין היינט נישט, האָבן זיך בעטייליקט נאָך ביי איר וויעגל: אַ צאַצקעלע, אַ פעליטאָנדל, אַ נאָוועלקעלע... זי האָט אָבער באַלד איינגעזעהן, אַז דאָס איז מיניאַטור... און זי איז אַרויף אויפן ברייטן שלאַך פין גייסט... אָ, האָ, יענע זע־נען שוין לאַנג געשטאָרבן און די צייט האָט געטיען דאָס לאיריקע און די יידישע פרעסע גייט ווייטער: „אַ באַרג אַראָפּ", „אַ גראָבע בערטע" „אַ מבול", „אַ פעטערבורג" און „דער פעראורטיילטער"... היינט זשע „קדוש השם" און „כשופ־מאַכעריגס פין קאַסטיליען". אַוועק מיט די „מיניאַטורן", אויף וועלכע, אַפילו, די שרייבער וועלכע לעהבן נאָך, האָבן שוין לאַנג חרטה אויף יענער צייט, ווען זיי האָבן נאָך נישט גע־קענט שרייבן... זייער אָרט האָט פערנימען יעדער ראָמאַן, נישט ווייניקער אין דער לענג, ווי פין דאַנען ביז צו דער לבנה... אָבער אויך נישט גרעסער, ווי ביז דאַן, ווען דער רעדאַקטאָר הייבט שוין אָן צו שפירן, אַז דאָס פאַלן פין „טערמאָמעטער־הייבט אָן... דאָס איז איר פערדיענסט פאַר אינזער ליטעראַטור, אַ חוץ וואָס זי פערדיענט זיך אַליין אויך... אָבער איר גרעסט פערדיענסט ליגט גאָר אין עפּעס אַנדערש...

און איר האָט דאָך אוודאי געזעען, ווי אין סוף זימער זאַמלען זיך פייגל צום אַוועקפליען אין די ווייטע לענדער? — אַז אויף וועלכער געגנט זיי לאָזן זיך אַראָפּ אין אַן אינדערפריה, אָדער נעכטיקן, מאַכן זיי שוואַרץ דאָס פעלד, און אַלע ביימער

ווערן אָפּגעטײנקען פֿין זײ?.. אַזוי האָט די געזאַמלט אַלע כּלל טיער, נאָר מיט דעם אינטערשיעד, וואָס יענע פֿייגל פֿליען בע-גינען אַוועק און, די װעלן שוין שטענדיק היהטן אינזער שוואַרץ אַפּל פֿין אויג...

הינה לא ינים ולא ישן, שומר ישראל!... — כ'האָב גע-ענדיקט די טייל רעפּעראַט פֿין אינזער יידישער קולטור-ראַלע...

עולם:

— בראַוואָ! אָט דאָס איז אַ ביסל אַרעפּעראַט!

די ערשטע פֿין דער רייע, שטעלן זיך אויף:

— מיר דריקן אייך די האַנט פֿאַר אײַער וואַרעמען רע-פּעראַט און גרויסע דערהויבענע ווערטער, וועגן אינזערע דער-גרייכונגען אין דער יידישער קולטור. און אָט פֿין דעם דאָזיקן צווייטן טייל טאַקי פֿין אייער רעפּעראַט וועלן מיר שוין קאָ-מענטירן אין דער פּרעסע...

רעפּערענט בערלינער דיכטער, שיקט צי אַ בריוועלע צי די:

„צוויי הונדערט זלאָטעס אַ וואָך פּענסיע, מיט אַ קאָנ-טראַקט פֿין דער צייטונג „דער טאָפּ" וועט זיין?..״

די פֿין דער ערשטער רייע, שאָקלען מיט די קעפּ:

— יאָ...

רעפּערענט בערלינער דיכטער:

— איצט האָב איך נאָך צי זאָגן אַ פּאָר ווערטער... (די פֿין דער ערשטער רייע זעצן זיך צריק אויף זייערע ערטער) צוואַנציק טויזנט דאָלאַר זאָל געשאַפֿן ווערן פֿאַר דער שיינער יידישער ליטעראַטור בעזינדער...

(אַ בעוועגונג הינטן, פֿין די, וואָס גייען אין צעריסענע קאַמאַשן, אָפּגעריבענע פּאַלטנס און פֿערדרייטע דאַשקעס:)

— צוואַנציק טויזנט... צוואַנציק...

בערלינער דיכטער:

— פערציק!...

די זעלבע, מיט די פערדרייטע דאשקעס:

— פערציק?...

בערלינער דיכטער:

— יאָ... פערציק...

(ער גייט אַראָפּ פֿון דער טריבונע, אַ גרויסע בעגייסטע-רונג הינטן, אַ שטאַרק פרייען זיך אויבן אין די ערשטע רייען, ווי מען רינגלט אַרום דעם בערלינער דיכטער)

קאַפּיטל פופצן

מיסטער בינאָקל ביי רבקהלע פיינגאָלד אין ראַפּאַלאָווי־טשעס שטיב. רבקהלע קימט מיט אים פין דער טיהר.

רבקהלע פיינגאָלד:

— אוי, איר זענט היינט געקימען?

מיסטער בינאַקל:

— האָסט [illegible] מיך געהייסן שטענדיק קימען צי דיר צי־גאַסט...

רבקהלע פיינגאָלד:

— אוי, היינט נישט... איך האָב נעכטן פערברענגט מיט „אים" אין טעאַטער, איז ער געבליבן אויף אַ גאַנצע נאַכט מיט יענער... וועט ער מסתמא די היינטיקע נאַכט פערברענגען שוין מיט מיר...

מיסטער בינאָקל:

— יאָ, ביסט געוועזן נעכטן אין טעאַטער?...

רבקהלע פיינגאָלד:

— געוויס...

מיסטער בינאָקל:

— ני, ס׳איז טאַקי אַלץ אמת, ווי כ׳האָב דיר געזאָגט?...

רבקהלע פיינגאָלד:

— אַלץ, פּינקט אויף די האָר... זי איז טאַקי אַ פּרינ־

צעסין... קימט פין די אַפריקאַנער וועלדער... און איך ווייס... מסתמא איז זי מיין בעל ביתטע אויך...

מיסטער בינאָקל:

— יאָ... אָט אַזוי איז עס טאַקי...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ני גייט זשע טאַקי, גייט זשע... וואָרן איך קיק אים שוין אויס... און חלילה, ער זאָל אייך דאָ טרעפן...

מיסטער בינאָקל:

— אַן אַנדער מאָל, רבקהלע?..

רבקהלע פיינגאָלד:

— כ׳ווייס נישט...

מיסטער בינאָקל, בעהטנדיק:

— רבקהלע... אפשר וואָלסטי מיך כאָטש איינגעשלאָסן אין דיין קאַסטן אַריין, אַז איך זאָל קענען כאָטש זעען, ווי ער פערברענגט מיט דיר...

רבקהלע פיינגאָלד:

— אַזוי גליסט דיך?...

מיסטער בינאָקל:

— יאָ...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ני דערלויב איך דיר צי געהבן מיר אַ קיש... נאָר לייגן דיך אין קאַסטן אַריין קען איך נישט... ווייל ווי לאַנג די וועסט דאָ ליגן, וועט ער נישט קענען קימען... כ׳האָב נעכטן געזעען טאַקי, אַז ער איז דער אמתער מכשף... ער וועט דיך דער־שפירן...

מיסטער בינאָקל:

— ני גיט, רבקהלע... ני גיט... גיי איך זשע שוין טאַקי אַוועק, ווייל איך וויל דיר „אינג״ נישט אויפהאַלטן...

רבקהלע פיינגאָלד:

— אָבער היינט ליעבסטי מיך שוין, נישט ווי דעמאָלט אינטערן ווענטל; ביסט געשטאַנען און געבעלגאָטשעט...

מיסטער בינאָקל:

— אוי, ליעב איך דיך היינט...

רבקהלע פיינגאָלד:

— וואָס קומט אָבער דערויס, אַז איך ליעב שוין „יענעם"...

מיסטער בינאָקל:

— מילא... פערפאַלן...

רבקהלע פיינגאָלד:

— ני, גיב מיר אַ קיש... (ער גיט איר אַ קיש) און איצטער גיי...

מיסטער בינאָקל:

— אַ גיטע נאַכט.

רבקהלע פיינגאָלד:

— אַ גיט יאָר... (בעגלייט אים אַרויס צי דער טיהר. ווען זי קעהרט זיך צריק, הערט זיך אַ סערענאַדע פון אינטערן פענסטער.)

אַמעער וואָלסטי, מיידל,
פערשלאָסן מיך אין קאַסטן,
די וואָלסט שוין געמעהגט
אַגאַנצע נאכט פאַסטן...
„ער" וואָלט שוין נישט געקימען
איצטער צי דיר,
ווידער אָנקלאַפּן
באַלט אין די טיהר...

אַזוי אָבער גיי איך

כרוב...

און, ווידער באַלט קים איך...
און ווי-אַרים די וואַרפסט מיך,
אויף די פיס אַלץ שטייען בלייב איך...
און ווי-אַרים די וואַפסט מיך,
קים איך אַלץ צריק...

און כאָטש די ווילסט נישט,
געניס איך דאָס גליק...
און לסוף וועסטי בלייבן
פאַר אַ טייך אויף אַ בריק,
אָדער גאָר בעסער —
מיטן האַלז אויף אַ שטריק...

רבקהלע פייגגאָלד שפּיצט אָן די אויערן צים פענסטער די גאַנצע צייט. באַלט דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין די טיהר, זי שפּרינגט צי, עפנט, קימט צריק מיט מיסטער בינאָקל.

מיסטער בינאָקל, בלייבט שטייען אין מיטן שטיב, גיט אַ קיק אין דער ליפּט:

— ווער איז דאָ געווען, אַ פרעמדער מאַנספערשוין, ער האָט דיך געקישט?...

רבקהלע פייגגאָלד:

— מילא, איין מאָל אין אַ יובל... (לאַכט) וואָס אי, אַז די ביסט נעכטן געוועזן מיט דער פריינדינעסין מיס כאַשאַ כאַשיש?...

מיסטער בינאָקל, נעמט אַרויס דעם מאנאקל, גיט אויף איר אַ קיק:

און די טראָגסט דאָך... פין וועהמען?...

רבקהלע פייגגאָלד, לאַכט:

— אויב אַ קליין כשופמאַכערל, איז עס פין דיר...

מיטער בינאָקל, נעמט אַראָפּ דעם מאנאקל, זעצט זיך

צים טיש, רבקהלע אויף זיין שויס.

רבקהלע:

— די ווייסט, אַז כ'וועל עס האָבן באַלט...

מיסטער בינאָקל:

— וואָס, שוין אַזוי גיך?.. איז עס דאָך טאַקי נישט פון מיר.

רבקהלע:

— און אויב נישט פון דיר, איז עס פון דעם אַנדערן...

מיסטער בינאָקל:

— אַכיבע אַזוי... אַכיבע די האָסט אַן אַנדערן...

רבקהלע:

— געוויס וועל איך מיך נישט בעגגיגענען מיט איינעם...

מיסטער בינאָקל:

— סיידן אַזוי... (קליינע ווײַלע) איז וואָס זשע וועסטי טיען דערמיט?..

רבקהלע פיינגאָלד, לאַכט:

— וועל'מיר שוין געפינען צי טיען...

מיסטער בינאָקל:

— ניין... איך האָב מורא...

רבקהלע:

— ע, „כשופמאַכער"... וואָס האָסטי שוין מורא?.. וואָס דאַרפסטי שוין קלעהרן?..

מיסטער בינאָקל:

— די וועסט אפשר גייען צי אַן אַקושערקע?

רבקהלע:

— נאָכוואָס?

מיסטער בינאָקל:

— גאָרנישט... זי זאָל עס נאָר איבערבעטן דאָס געלעגערל...

רבקהלע:

— ס'איז מיר אַ שאָד... אוי, וועט עס זיין „צו הערט צו שלאָפֿן" נאָך דער אַקושערקעס איבערבעטן...

מיסטער בינאָקל:

— וואָס זשע דען וועטסטו טיען?..

רבקהלע פֿיינגאָלד, גיט אים אַ גלעט איבערן קאָפּ:

— גאָרנישט... עס דערוויילט, טרינק. לאָמיר דעם קליינעם נישט שטערן...

מיסטער בינאָקל:

— וועסט עס אינטערוואָרפֿן דער יידישע גמינע... אָדער אַ יידישער רעדאַקציע...

רבקהלע:

— ני, ווען מיר שוין שבעהטער זעען... (ברענגט ליקער)

מיסטער בינאָקל, גיעסט אָן צוויי גלעהזלעך:

— ני, לחיים!..

רבקהלע:

— לחיים, איך טרינק פֿאַר דעם „כשוף" וואָס די האָסט מיר געטיען...

מיסטער בינאָקל:

— איך דאַנק. לחיים...

רבקהלע, טרינקט אויס, זעצט זיך צוריק צו אים אויף דער שויס, גלעט אים איבערן קאָפּ:

— די הערסט... טײַלמאָל דאַכט זיך מיר, אַז דאָס „קליי־נע" נעמט שוין איינטער עפּעס אַ רייזע קיין אַפֿריקע..

מיסטער בינאָקל:

— וואָס הייסט?..

רבקהלע:

— עס „מאָנדרעוועט" שוין עפּעס אינערווייניק... ווער

וייסט, אויב עס שטעלט שוין נישט צינויף אַן אַעראָפּלאַן...

מיסטער בינאָקל:

— גיי שוין, גיי... די שפּאסט...

רבקהלע:

— אַ כּשופמאַכער... אַ זיהן פון אַ כּשוצמאַכער...

מיסטער בינאָקל:

— זאָג מיר, וואָס זעהסטי אין דעם, וואָס די ווילסט עס נאָך גאָר „כאָוועון״?..

רבקהלע:

— ערשטנס „אַ כּשופמאַכער״, וואָס לאַדעוועט שוין זיין ערשטע רייזע קיין אַפריקא... און צווייטנס זעה איך אין דעם דיך אַליין... ני, ווי קען איך עס אָוועקוואַרפן אינטער אַ פּלויט?..

מיסטער בינאָקל:

— אָבעם ווי אַזוי אוז עס געקימען צי דיר?..

רבקהלע:

— איך רעכן, אַז פון אינזער ערשטן פליען אויף אַן אַע-ראָפּלאַן... געדענקסט דעמאָלט... ווען די האָסט מיך געפרעגט: „וואָס איך פיהל איצטער?..״ און אפשר אויך גאָר פון דעם ערשטן מאָל שטיינדלעך וואַרפן... געדענקסט דעמאָלט?..

מיסטער בינאָקל:

— איך געדענק עפּעס יאָ, נאָר איך ווייס נישט אויף ריכטיק...

רבקהלע:

— עס, עס, כ׳לעהבן, נעם, בייס עפּעס צי. (ריקט אים אינטער אַ שטיקעלע טאָרט) און, אַז דער בעל-הבית וועט קי-מען צי פאָהרן די טעג, זאָל ער נישט האָבן צי זאָגן, אַז כ׳האָב אים אויסגעבּרענט אַסך עלעקטרי...

מיסטער בינאָקל:

— ווילסט שוין פערלעשן דעם עלעקטרי?..

רבקהלע:

— יאָ, מיין ליעבער... נאָר עס אָפּ, ס׳איז נאָך צייט...

מיסטער בינאָקל:

— דיין בעל בעתטע קימט שוין צי פאָהרן די טעג?

רבקהלע:

— די ווייסט דאָך בעסער...

מיסטער בינאָקל:

— מסתמא...

רבקהלע:

— און יענע מאַכט גישט קיין ברית?..

קאַפּיטל זעכצן

רעדאַקציע צימער. רעדאַקטאָר עטי פייטי. סעקרעטעער. בערלינער דיכטער.

בערלינער דיכטער:

— ני, דאכט זיך מיר, איצט האָט שוין קיינער נישט דאַגעגן מיין אַריין... די שטרעהבונגען פין אינזער „קולטור"־משפּחהלע פּערשטיי איך, מען קען זיך נישט שעהמען מיט אַזאַ מיטגליד...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— וואָס האָט איר געזאָגט אַזוינס אין אייער רעפּעראַט?

בערלינער דיכטער:

— אַלץ, וואָס עס האָט געוויזן, אַז איך בין די משפּחה ווערט. איך האָב אַן איבערבליק געגעהבן איבער די פּערדיענסטן קייגן דער יידישער קולטור, פין איינציקע פּערזאָן, צווישן וועלכע איר גייט אויך אַריין... אויך די איבעריקע האָב איך, מיט גרויס טאַקט און פעיקייט צי שילדערן — געגעהבן זייער פּלאַץ, הויפּטזעכליך די הינענדיקע מיטאַרבעטער, האָב איך אַביסעלע דערהויבן... איך האָב געשמיעסט וועגן דער פּלאַמענדיקער באָרד, די וואָס איז זיך גרייט מקריב צי זיין על כל צרה שלא תבא, פּאַר יידן. און אַז דאָנערשטיק, ביים קאַסע־פּנקס־ערל פין דער רעדאַקציע, נעמט ער די פּענסיע מיט גרויס

נישט גיחהקייט. ווייל ווער ווייסט נאָך ווי ער, אַז זיין חיזק היהדות, באַלט פון זינטאָג אין דער פריה אָן... האָט שוין לאַנג זיין פענסיע פערברענט — און אַז איצטער נעמט ער נאָר בלויז „שמאַטקעלעך". אַ פערבלאָנדזשעטער שטייט ער ביי דער קאַסע און פרעגט גאָט: „לפני מה אני עמל? אָך גאָט, יאָ געלט, נישט געלט, נאָכוואָס געלט?.." ביז ער לייגט עס אין דער טיפסטער ביזעם קעשענע, און אויף די שטיגלעך, אַראָפגייענדיק פון רעדאַקציע, פרעגט ער נאָכאַמאָל דאָס אייגענע: „צי וואָס געלט?" און ציילט עס זיך איבער בסתר, שטילישקערהייט... נאָך דריי מאָל, נאָכדעם, ווי דריי מאָל האָט ער עס שוין געציילט ביי דער קאַסע. אַ צעבראָכענער לאָזט ער עס אַראָפ נאָך טיפער און ריקט זיך אַהיים דערמיט, אינטערבאַמקענדיק אַ ניגעלע פון אלשיך הקדוש. כ'האָב גערעדט וועגן די לייסטונגען פון אייער צייטונג פאַר דער יידישער ליטעראַטור מיט דעם ראָמאַן „אויף זיבן שלעסער" און מיט „די געהיימענישן פון האָטעל בריסטאָל". כ'האָב אויך גערעדט וועגן די פערדיענסטן פון רעדאַקטאָר פון „קאָנגרעס-היט": „דאָס דיענסט מיידל", די שיינע בערטהאַ", „דעם סולטאַנס האַרעם". דאָס אַלץ האָב איך דערהויבן אין מיין רעפעראַט צו „קולטור ווערטן". די באַנדע האָט דערזעען, אַז איך בין דעם שידוך ווערט, אַז איך בין אַ „צאַצקע", ווער שמיעטט נאָך, ווען איך האָב אָנגעהויבן שמיעסן וועגן אינזערע געזעלשאַפטליכע לייסטונגען. דערנאָך האָב איך ערשט גענימען רעזומירן און אָנצייכענען די וועגן, אויף וועלכע די יידישע קולטור דאַרף ווייטער גייען. צים ערשטן: עפענען אַ טיהרל פאַר אריינפיהרן פרישן שטאָפוועקסל אין דער פרעסע. וואָרן, אַ טאָמער איז ווייניק דאָס „קאַפּאָטקעלע", וואָס שטעלט אַ בריותדיק „טשאָלענט", לכבוד שבת, אין דער פרייטיקדיקער צייטונג... „אַ טאָמער איז ווייניק דער פלאַמענדיקער ייד מיט דער רוי-

טער באָרד, מיט זיין אלשיך הקדושדיקן נאָכזיפצעלע אויף יידישע פיין? דעסגלייכן דער גרין-אויגיקער מיטאַרבעטער פין „קאָנגרעס היט" און אייער „גלייכער שפיגל" — אויף אַרימציגעמען און „אַרימציאַרבעטן" אַלע יידישע אינטערעסן און „געשעפטליך" פין צדקה-חברות, אַ טאָמער טאַקי?.. האָב איך פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל מאַכן אַ נייע „בליט-טראַנספוזיע"... טאַקי מיט מיר... אַזוי האָב איך געזאָגט. האָבן זיי אַראָפּגעלערנט פין דעם דאָזיקן „אָנציגעהערעניש", אַז מען דאַרף מיר טאַקי אויפמאַכן דאָס „טיהרעלע"... און ווייטער, מיט די איבעריקע... ס'הייסט מיט די איבעריקע אויף גאָטס וועלט, די מיט די צעדרייטע קאָמאַש-לעך און פערדרייטע, נעבעך, דאַשקעס, האָב איך שוין קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט — כ'האָב זיי צוגעזאָגט אינגאַנצן אַ „פערציק טויזנט דאָלאַרלעך".

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— האָסטי אַזוי געטיען?

בערלינער דיכטער:

— אַלץ...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— און אָן קריגערייי?

בערלינער דיכטער:

—חלילה. גאָרנישט קריגעריש. כ'האָב אַזוי געציילט איינס און צוויי — לינקס, רעכטס. אָבער גאָרנישט קריגעריש.

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— גאַנץ גיט. און ס'איז בעשטעטיקט?..

בערלינער דיכטער:

— ציגעשיקט מיר אַ בריוועלע, אַז איך קריג אַ שטעלע מיט אַן אָפּמאַך...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— אַי, גנבל. ווי וועל איך דיר נעמען אַן אָפּמאַך?

בערלינער דיכטער:

— נישט קשה, מען וועט שוין מאַכן...

אַ קלאַפּ אין די טיהר. עס קימען אַריין, שרייבער אַפּאַ-טייטעס מיט אַ טשעמאָדאַן, ווי ערשט פין געוועלב, און סאַ-ביעלע, מיט אַ קלייד אויף דער האַנט, ווי ערשט פין דער שניידערין.

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— גיטן אָוונט! (גיבן זיך די הענט) כ'האָב די עהרע... די איז מיין כלה.

אַלע שטעלן זיך אויף. זי דערלאַנגט אַלע די האַנט.

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— האָב איך עפּעס געשטערט? (קיקט זיך אַרים אויף אַלע)

אַלע:

— ניין, ניין, ניין.

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— איך האַלט, פערשטייט איר מיך, ביי פּאַקן זיך און אוועקפאָהרן.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— ני, האָט איר עפּעס צי ערליידיקן, הע? (צים בער-לינער דיכטער) איך וועל אייך אפשר בעהטן, איר זאָלט דערוויילדאָרט אַריינגייען... אויף אַ מיניטקעלע.

בערלינער דיכטער:

— גיט. (אָפּ)

רעדאַקטאָר עטי פּייטי, אָננעמענדיק אַפּאַטייטעסן ביי אַ לאַץ:

— ני איז וואָס זשע, איר פאָרט שוין טאַקי? הע?

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— יאָ, מיט מיין כּלה.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— זיצט. (אַלע זעצן זיך) איך זעה, אַז איר זענט שוין טאַקי גרייט אַלע מיט די זאַכן, הא? אמעריטשקע ציהט? און איך אויך, פּריילין?

סאָניעלע:

— איך וואָלט מ'יך, וואָס אַן אמת נישט געאיילט. איך וואָלט געוואָלט, וואָס אַן אמת, נאָך לענגער פערברענגען אין דער היים. וואָס פעהלט אינז דען דאָ הי?

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— נאָר ער...

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— אַך, אַזוי ווייניק צייט.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— אַ, איר איילט זיך? וואַרט, וואַרט. כ'האָב נאָך דאָ עפּעס מיטן סעקרעטעער... גייט איר אויך אַביסעלע אַרויס אַהין דאָרט, יאָ?

שרייבער אַפּאָטייטעס שטייט געשווינד אויף מיט דער כּלה.ביידע אָפּ.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— וואָס האָט ער אָפּגעטיען פאַר אַן אַרבעט?

סעקרעטעער:

— ני, דאָס אַרימגייען אין אָרעמען קוואַרטאַל, די פאָטאָגראַפיעס... און געשריבן וועגן דער אָרעמקייט אַ צעען אַרטיקלען. אַביסל ציפיל, מיין איך.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— צעען? ניין, נישט ציפיל מען דאַרף. ס'האַלט פאַר אַ "דרייוו", נאַרעלע.

סעקרעטעער:

— דער דירעקטאָר, געהבֿנדיק די הלוואה, האָט געזאָגט: ער אַליין אָנערקענט, אַז אינז קימט אַ גרעסערע... נאָר ער קען דאָך נישט אָן אַ העכערן בעפעהל.

רעדאַקטאָר:

— ני וואָס זשע וועט זיין?

סעקרעטעער:

— ער וואַרט אויף אַ דירעקטיוו.

רעדאַקטאָר:

— פין דער הייך, האַ?

סעקרעטעער:

— ני יאָ.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— מילא, מסתמא... דער קאָמיטעט צי לינדערן די יידן אין פוילן, ער וועט דאָך נישט זיצן ליידיק. אויך מיר העלפן דאָך: פאָטאָגראַפיעס... מעשיות, נאָך ארבעט, נאָך... אַלזאָ, קימט אים, זאָגט איר, פאַר צעען אַרטיקלען? ריפט אים אַריין.

סעקרעטעער שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דאָרך דער טיהר, עס קימט אַריין שרייבער אַפּאָטייטעס מיטן טשעמאָדאַן.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— ני, וואָס האָט איר געמאַכט?

שרייבער אַפּאָטייטעס, שטעלט דעם טשעמאָדאַן אויף אַ שטיהל, הייבט אים אָן אויפצישליעסן:

— עס גייט נישט אין מאַכן. (נעמט אַרויס פין טשעמאָדאַן אַ פּאָרטפעל) נאָר אין זיכן. (עפנט דעם פּאָרטפעל, נעמט אַרויס

אַ פאָטאָגראַפיע) אָט האָב איך נאָך געפינען.

רעדאַקטאָר עטי פייטי, בעקיקט:

— ס איז גיט.

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— אָבער דאָס אַלץ ליגט נישט אָנגעגרייט...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— ווער איז דאָס? אַ זעלנער, זעה איך. אַ טויטער מיט ליכט ציקאָפּנס.

שרייבער אַפּאָטייטעס:

— ס׳איז אַ יידישער זיהן, קימט פין די זעלנער, טרעפט דעם טאַטן אפגעהויבן, געשטאָרבן פין הינגער. נישט דערלעהבט צי זעען די איינציקע טרייסט.

רעדאַקטאָר עטי פייטי, גיט אים אַ קיק אָן:

— אָט אַזוי טאַקי זאָל עס הייסן: „נישט דערלעהבט צי זעען די איינציקע טרייסט״... און אויסגעגאַנגען פין הינגער.

שרייבער אפאָטייטעס:

— ני, זעהט איר שוין? אָט דערפאר טאקי דאַרף מען נעמען בעצאָלט.

רעדאקטאָר עטי פייטי:

— ני מילא, ס׳איז געמשוהט פין שטיק. (צים סעקרעטער) צייל איבער וויפיל... און די אַרטיקלען... און בערעכן.

(סעקרעטער בערעכנט)

שרייבער אפאָטייטעס:

— כ׳האָב געמיינט צי קריגן פאר אויסצייכענען זיך, פאר יעדן אויפטיה. אָבער איר בעלוינט מיך נישט.

רעדאקטאָר עטי פּייטי:

— נ...בּ... וואָס דינגט איר זיך? צי וואָס? אַט האָט איר געלט, פּאָפּולאַריטעט...

סעקרעטער, דערלאַנגט דעם רעכענונג:

— א קיילעכדיקע סומע.

רעדאקטאָר, בּעקוקט דעם רעכענונג:

— נישט קשה. (נעמט ארויס א טאָטיצל, שרייבט אויף א קוויטעלע, דערלאַנגט עס אַפּאָטייטעסן)

שרייבּער אַפּאָטייטעס, נעמט עס:

— ווען?..

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— מאָרגן שוין, בּיי דער קאַסע.

שרייבּער אַפּאָטייטעס:

— האָט זשע מיר אַ גוטע נאַכט. איך איַל. מיין כּלה וויל איך נאָך אַריינשיקן געזעגענען. (שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דאָרך די טיהר. סאָניעלע קומט אַריין) געזעגן דיך.

סאָניעלע:

— אַ גוטע נאַכט. בּלייבּט געזונט. (גיט דעם רעדאַקטאָר די האַנט)

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— איר פאָרט שוין טאַקי? אַך, אַמעריטשקע. הא, מאַכט אַ גליקליכע חתונה. ווי דאָרט?..

סאָניעלע:

— כ'ווייס נאָך נישט, ווי... געוויס דאָרט...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— כ'ווינטש גליק...

סאָניעלע:

— כ'דאַנק, בּלייבּט געזונט.

שרייבער אַפּאַטייטעס:

— ני, בלייבט געזינט. (גיט דעם רעדאַקטאָר די האַנט, אויך דעם סעקרעטעער. רעדאַקטאָר בעגלייט אים און די כּלה אין דער טיהר אַריין. אַפּאַטייטעס מיט דער כּלה אָפּ. רעדאַק-טאָר בלייבט שטייען אין דער אָפענער טיהר פין וואַגען עס הערט זיך אַ געזעגענען צווישן דעם פּאָר און דעם בערלינער דיכטער. בערלינער דיכטער קימט נאָך, ווען דער רעדאַקטאָר קעהרט צריק צים שרייב טיש)

בערלינער דיכטער:

— קוים אַמאָל...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— מילא, זיי פאָרן אַוועק, ער איז מיט דער כּלה, האָט זיך פערצוייגן אַביסעלע... ס'פּאַסט נישט... (קליינע ווײַלע) וואָס זשע זאָגט איר? איר בעשטייט אויף דער פּענסיע? (שרייבט אָן אַ ציפער) וועל איך אייך שוין געהבן אַן אָפּמאַך אויך.

בערלינער דיכטער:

— פּרע...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— וואָס?..

בערלינער דיכטער:

— ס'איז נישט נאָך מיין ווערט...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי, ישובט זיך אַ ווײַלע, אַגן פּער-לעגנהייט:

— ני...

בערלינער דיכטער:

— וואָס פּאַר אַ ני? מען דאַרף קולטור ביי יידן? (ביי-דעס בליקן בעגעגענען זיך פּליצלינג, קיקן זיך שטיל אָן. פּויזע)

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— הכּלל... (פּעריכט דעם פריער אָנגעשריבענעם ציפער) ביידע קיקן זיך נאָכאַמאָל שטיל איבער און צוזאַמענהאַנג מיטן נייעם ציפער. דער רעדאַקטאָר שטרייכט אים אונטער מיט בליי) נו, אַט אַזוי איז עס... (צום סעקרעטער) איר וועט אָנגרייטן אויף מאָרגן אַן אָפּמאַך.

סעקרעטער:

גוט.

בערלינער דיכטער:

— איצטער, אַ קליינטשיק הלוואהלע ביי דער „געזעל-שאַפט צו העלפן יידן אין פּוילן". איך וויל נאָר, איר זאָלט עס שטיצן.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי מעטי פּייטי:

— ציניקער... איר זענט דאָך אַ ציניקער. איר לאַכט דאָך אויס מיר... און וואָס, מיינט איר, בעשטייט דען מיין כּח, אַז איך זאָל זיי זאָגן אַ דעה.

בערלינער דיכטער:

— גיט מיר די צייטונג אויף אַכט טעג... אונטער מיין רשות נאָר...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי מעטי פּעטי:

— „ראַזבוינִיק" (גיט אים אַ גלעט) דיכטערל, גנבל.

בערלינער דיכטער:

— אַדרבה, מאַכט אַ פּרוּו...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

„ראַזבויניקל", מיר מוזן דאָך יענע אויך טאָלערירן. פאַר-וואָס, מיינט איר, קענען מיר זיין די „חרטומימלעך", מיט די „סודותלעך"? ווי, מיינט איר, וואָלט מען געדילדעט מיינע מעשיות פון „כּשוף" און „שדימלעך" אין דער צייטונג? אָט האָבן

דיך גאָר די זשורנאַליסטן און די רעדאַקציעס געוואָלט פּער־זען, האָסטו שוין געוואָלט אָנלייגן אַ פייער. ס׳מיז דאָך זיין אימבערירליכקייט... דאָס איז דאָך אויך געווען דער יסוד פון מצרים. מען דאַרף דעם פאָלק געהבן נסים... אַמאָל פון געטער, און אַמאָל, אַז מען דאַרף, — פון שדים, ווילסטו עס אויסזאָגן סודות? אַ דאַנק די שדים האָב איך דאָך ציגעצויגן דאָס פאָלק, מיט וואָס איך האָב ווידער אַ כח איבער די אינטעליגענץ. אָבער ס׳מיז דאָך זיין אַ גלייכע מאָס, נישט איבערציען. ס׳דאַרף זיין גלייכגעוויכט אין דער העכערער קאסטע, איינער זאָל דעם צווייטן נישט איבערקעהרן, אַז דאָס פאָלק זאָל טריאומפירן אי־בער אינז. איר זאָגט, אַז מען שווינדלט? און איר, וואָס טיהט? און דאָס פאָלק איינער ביים אַנדערן? דער אַרבעטאָרער ביים מייסטער, דער מייסטער ביים אַרבעטאָרער, דער מילך ייד ביי זיי ביידע און ביידע — ביים מילך ייד, אַפילו ביים צייטונגס־פערקויפער. אַפילו איין אויג ביים צווייטן גנבעט... יעדער מענטש האָפט אויף אַ שאַנס, אַז דער צווייטער זאָל עפּעס נישט דערזעען, עפּעס נישט דערהערן, אָדער עפּעס נישט דערציילן אין דער צאָל... און טראָג אַריין אין פאָלק דעם אמת אויף איין טאָג, ווערסטו זעען באַלד, ווי עס וועט דערשפּירן, אַז די ווילסט עס אויסראָטן... אָט נעמסטו דאָך ביי יעדן צו דאָס געוועהר, מיט וואָס ער שווינדלט זיך אַדאָרך דעם טאָג. לאָז זי בלייבן, די מענטשהייט, אַ גנב ביזן קבר אַריין!

סעקרעטעער, ריפּט אָפּ דעם רעדאַקטאָר אין אַ זייט, שטיל:

— איר האָט זיך שוין ציפיל פערעדט.

רעדאַקטאָר עטי פייטי מעטי פּעטי, גיט אַ היעסעלע, גייט צריק צים טיש:

— ני הכלל, איך וועל דיך שטיצן. נאָר געדענק די יידי־שע קולטור.

בערלינער דיכטער:

— ני איז גוט. איז אַלץ גוט. ני, האָט זשע מיר אַ גוטע נאַכט! (געזעגנט זיך, אָפּ)

סעקרעטער:

— דער איז אַ פויגל.

רעדאַקטאָר עטי פייטי, קראַצט זיך אינטער אַן אויער און קוקט אין בעליק אַריין.

— וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן?.. (פויזע)

מען קלאַפּט אין די טיהר.

סעקרעטער:

— אַריין!

עס קומען אַריין דריי יידעלעך, שטיל, אויף די שפּיצן געהגל, מיט פאָרזיכטיקייט אין די אויגן.

סעקרעטער:

— וואָס האָט איר געוואָלט זאָגן?

אלע דריי שטעלן זיך פאָר:

— פון תומכי ענים.

— פון רופא חולים.

— פון בית לחם.

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— יאָ, יאָ.

איינער פון די דריי:

— אינזערע חברות דאַרפן טיילן דעם פאָלק אויף יום טוב...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— דעם פאָלק?..

דער איינער:

— דער אָרעמקייט...

רעדאַקטאָר:

— ני יאָ...

דער איינער:

— ני, איז וואָס זשע טיהט מען?

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— בעצאָלט די אַכציק פּראָצענט...

דער איינער:

— ווען דאָך יידן נישט האָבן אויף יום טוב.

רעדאַקטאָר עטי פייטי, אַביסעלע דערשטוינט:

— הא, וואָס זאָגסטי?

דער איינער:

— איז מיין עצה, אָרגאַניזירן באַלד נאָך יום טוב אַ צווייט בלימעל, איינגאַנצן נישט פאַר אינז... מיר שוין גאָרנישט... איר פערשטייט... אָפּציגעהבן פאַרן ערשטן...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— הא, וואָס? (קיקט זיך איבער מיטן סעקרעטעער, מיט אַ פּאָרוואָרפליכן בליק. צי די יידן) גייט, זייט זשע מוחל, אַרויס אַ מינוט. (די דריי יידן ריקן זיך אַרויס אינטערווייל) ני, וואָס זאָגסטי, הא? די זעהסט שוין?..

סעקרעטעער:

— ס'איז נישט גיט. אַז געלאָזט פאַלן אַזאַ וואָרט, איז שוין נישט גיט...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— לאָמיר נאָר פּריוון ווירקן אויף זיי.

סעקרעטעער:

— מ'וועט מיזן איינגייען אויף אַ צווייט בלימעל... ס'איז פערפאַלן.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— וואָס רעדסטי. דאָס צווייטע איז גאָרנישט. דער עיקר גיבן יידן ווען זיי דערהערן דעם שופר. ס'איז אויך צווישן די ימים טובים, מען ווייסט, אַז די חברות דאַרפן פּענאַנדער־טיילן פּאַר אָרעמע לייט, גיבן יידן, אַזאַ בלימעל איז אַ סעזאָן־בלימעל. אָבער נאָך סוכּות, ווען די אָרעמע לייט האָבן שוין אָפּגעגעסן, ווער אַ גראַשיצע, ווער אַ מאַרדעלע — אַ שטיקל קאָפּ־פלייש, און די רייכע: די זיבּד שוין אויסגעשאָקלט אין וואַסער אַריין, די הושענות אָפּגעקלאַפּט, און דאָס גיטע קוויטל איז שוין אין קעשענע, איז וואָס וועט דעמאָלט וועהרט זיין דאָס צווייטע בלימעל? פּועל ביי זיי אויס פינפאונצוואַנציק פּראָצענט פון דעם איצטיקן, חוץ דאָס גאַנצע פון דעם צווייטן.

סעקרעטער גייט צי דער טיהר, לעהנט זי אויף. עס קימען צריק אַריין די דריי יידן.

סעקרעטער:

— ני, וואָס ווערט? אַביבי איר ווילט זיך גטן מיט אינז אויף ווייטער... אוי, יידעלעך, יידעלעך, אָנפייפערס...

רעדאַקטאָר כאַפּט דעם פּאַלטאָ מיטן היט, מיטן שטעקן פון דער וואַנט אַראָפּ.

אַלע דריי:

— חלילה, חלילה...

רעדאַקטאָר אַנטלויפט אַרויס.

סעקרעטער:

— ני, איר זעהט שוין, וואָס איר האָט געמאַכט?.. (לאַנגע פּויזע, איינער קיקט אָן דעם אַנדערן)

קאַפּיטל זיבעצן

אין זאַאַל פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פעראיין, דער דאָרטיקער סעקרעטער, אַ דעלעגאַט. דער לעצטער קימט אַריין.

פעראיין־סעקרעטער:

— אַ, וועהמען כ׳האָב דעם כבוד...

דעלעגאַט:

— די דרייסיק יינגעלייט, פערשטייט איר מיך, כאָטש זיי האָבן איבערגעגעהבן אין דער גאַנצער יידישער פרעסע דעם פּראָטעסט קייגן די צדקה־געזעלשאַפטן, אַז זיי האָבן די ערשטע בעגנבעט די צען פּראָצענט פאַרן פערקויפען דאָס בלימעל אויף דער גאַס, האָט פון אַלע צייטונגען פערעפנטליכט דעם פּראָטעסט נאָר די צייטונג „דער טאָפּ“. איצטער בין איך דאָ אַלס דעלעגאַט פון די דרייסיק, צי פּראָטעסטירן פאַרן פעראיין קייגן דער רעדאַקציע „דער קאָנגרעס הוט“, קייגן דער רעדאַקציע „דער דראָנג“ און קייגן דער רעדאַקציע „דאָס פיש־ברעהטל“. די אַלע דריי מיזן פערעפנטליכן אינזער פּראָטעסט קייגן די צדקה־חברות, פינקט ווי עס האָט פערעפנטליכט „דער טאָפּ“.

פעראיין סעקרעטער:

— וואָס קען דער פעראיין טיען דער פּרעסע?

דעלעגאַט:

— אירע מיטאַרבעטער זענען אייערע מיטגלידער.

פעראיין-סעקרעטעער:

— אַ שטרייק?

דעלעגאַט:

— איך ווייס נישט, אַ סאָציאַלע אונגערעכטיקייט איז געשעען. די צדקה חברות האָבן אָפּגענאַרט די בלימעל פער־קויפער אויף דער גאַס, אַז מען וועט מכלומרשט עפענען, אין זייערע אויגן, די פּישקעס, ערשט מאָרגן אינדערפרי... צום סוף, האָבן זיי ביינאַכט געעפנט, אינטער זייערע אויגן, און זיי לאָזן זיך ריבן קנאַקניסל...

פעראיין סעקרעטעער:

— שאַט, איר זענט גערעכט, איר האָט אַ פאָרמעלן פּראָטעסט, אָדער גאָר מינדליך.

דעלעגאַט, ציהט אַרויס אַ בריעף פון קעשענע, גיט אים איבער:

— דאָ האָט איר דרייסיק חתומות אינטערן פּראָטעסט.

פעראיין-סעקרעטעער, נעמט צו דעם בריעף:

— גוט. מיר וועלן צונויפרופן אַ זיצונג פון אונזער פער־וואַלטונג, ענטפער? — קומט אין צוויי טעג אַרום.

דעלעגאַט:

— ס'איז צו לאַנג, ס'געלט ווערט דערווייל „אָפּגעקיחלט"...

פעראיין סעקרעטעער:

— מיין פריינט...

דעלעגאַט:

— נו, מילא, פערפאַלן.

פעראיין סעקרעטעער, גיט אים די האַנט:

— מען מיז וואַרטן...

דעלעגאַט, אַ געזעגנטער, אָפּ.

פעראיין סעקרעטעער, נעמט דאָס טעלעפאָן-רעהרל פון

טעלעפאָן אַפּאַראַט אין ווינקל פון דער וואַנט, ריאיק, שטיל:

— רעדאַקציע „דער טאָפּ?" (פויזע) איך בעהט דעם סעק־רעטעער. (פויזע) גיט מאָרגן. סעקרעטעער פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פעראיין. (פויזע) איך בעהט אייך, ס'איז מיט דריי טעג צריק געווען אין אייער חשובער צייטונג אַ פּראָטעסט פון אַ גרופּע אינטערשריפטן. (פויזע) יאָ, פון בלימעל פערקויפערס. (פויזע) פערדיענט דער פּראָטעסט בציטרוי? ס'איז נישט עפּעס גלאַט אַזוי אַ ציטשעפּעניש? פערדיענט יאָ, זאָגט איר? (פויזע) מילא, געוויס. אַ סאָציאַלע אימרעכט. פאַרוואָס זשע האָבן עס טאָקי נישט געגעהבן די אַנדערע צייטונגען? (פויזע) און אַוודאי דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק מיט אַזאַ ידיעה. (פויזע) געוויס. אַ גיטן... (פערלייגט אַ פינגער אויפן טעלעפאָן אָנדריקער) רעדאַק־ציע „דער קאָנגרעס"? איך בעהט דעם וויצע-רעדאַקטאָר. יאָ. (פויזע) גיט מאָרגן.סעקרעטעער פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פעראיין. העערט. דאָ איז געווען אַ דעלעגאַט פון די בלימעל־פערקויפערס. פאַרוואָס אייער צייטונג פערשווייגט אַ געזעל־שאַפטליכע עולה? (פויזע) איר ווייסט, זאָגט איר? (פויזע) וואָס, אַ דרינגענדע זיצונג בעהט איר פון דער פערוואַלטונג וועגן דעם זעלבן ענין? (בלייבט שטייען מיטן רעהרל אַ פערגאַפטער, לייגט דאָס רעהרל אַוועק אויפן אַפּאַראַט.)

אָוונט. אין זעלבן זאַאַל. אַרים אַ טיש זיצן אייניקע פון דער פערוואַלטונג, אייניקע שטייען. אַ בויגן פּאַפּיר ליגט צים פּראָטאָקאָלירן.

פערויין סעקרעטעער:

— ני, חברים, דער סעקרעטעער פון דער צייטונג „דער טאָפּ" איז שוין דאָ.

סעקרעטעער פון רעדאַקטאָר עטי פייטי, קומט אַריין, זייגט זיך:

— גיטן אָוונט.

פערוואַלטונג:

— גיט יאָר. (אַלע גייען צו צים טיש)

פעראיין סעקרעטעער:

— אויף דער היינטיקער טאָג-אָרדענונג איז די פראַגע וועגן די בלימעל פערקויפערס.

וויצע רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „דער קאָנגרעס היט":

— אַלס פאָרזיצער נעם איך דאָס ערשטע וואָרט. 1) די פראַגע פאָרמעל צו אָנערקענען, אַז מיר דאַרפן זיך פערנעמען מיט איר. 2) פעסטשטעלן, ווער די אַריינטראָגער פון דער אָנ-קלאַגע זענען געווען. 3) בעשליסן, ווי אַזוי צו רעאַגירן.

פערוואַלטונג:

— די ערשטע פראַגע שטעלן צו אָפּשטימונג.

וויצע רעדאַקטאָר פון „קאָנגרעס היט" הייבט דער ער-שטער די האַנט. אַלע נאָך:

— פאַר...

אַלע לאָזן צוריק אַראָפּ די הענט.

פעראיין-סעקרעטעער פאָרמולירט און פראָטאָקאָלירט:

— דאָרכגעגאַנגען מיט אַלע שטימען... (הייבט אויף דעם קאָפּ פון בויגן פאַפּיר) ני, וועגן דער צווייטער פראַגע קען איך רעפערירן: דאָ איז געווען אַ דעלעגאַט און איבערגעגעהבן דריי-סיק אינטערשריפטן, (ריקט אַפּעער אַ בריעף פון אינטערן בויגן) וועלכע פראָטעסטירן געגן אַזאַ האַנדלונג פון די צדקה חברות, אַוועקצינאַרן די פערשפרייטער פון בלימעל, און אַליין צו עפע-נען די פישקעס... אַלזאָ, פעסטגעשטעלט די דאָזיקע האַנדלונג דאָרך דרייסיק אינטערשריפטן. (אַלע הייבן די הענט און לאָזן

צריק אָראָפּ. פעראיין סעקרעטעער פּראָטאָקאָלירט) פעסטגע-
שטעלט... איצטער די דריטע פראַגע: וואָס בעשליעסט אינזער
געערטע פערוואַלטונג וועגן דעם אַרט רעאַגירן אויף דער
האַנדלונג?

סעקרעטעער פין רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— איך בעהט אַ וואָרט צי דער פראַגע.

וויצע רעדאַקטאָר:

— ביטע.

סעקרעטעער פין רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— איך מאָטיוויר אינזער בעציאונג צי דער דאָזיקער האַנדלונג פין קולטורעל-געזעלשאַפטליכן שטאַנטפּונקט, נישט חלילה, אַז מיר זענען אַ יוריספּעדענץ-אינסטיטוציע, נאָר אַלס אַזעלכע, וואָס האָט אין איר אויפגאַבע צי רעאַגירן אויף די געזעלשאַפטליכע מאָראַל און עטיק, ווייל ביי אינז אין די הענט ליגט פאַקטיש די מאַכט, די מאַכט פין דער פּרעסע, במילא אויך דער חוב, צי רעאַגירן אויף יעדע נישט געווינשטע דערשיינונג, דאַדאָרך בין איך דערפאַר, אַז אַלע אַנדערע, היעגע יידישע צייטונגען זאָלן נאָכטיען אינזער ביישפּיעל, ס'הייסט, געהבן דעם פּראָטעסט...

וויצע רעדאַקטאָר פין דער צייטונג דער „קאָנגרעס היט".

— יאָ, מיר קענען באַלט ציטרעהטן צים בעשליסן, אַזוי ווי דער חבר ליגט פאָר. נאָר עפּעס איין קליינינקייט שטערט דאָ, נעמליך: עפּעס דריי יידלעך, זיי זענען, זאָגן זיי, אַליין סעקרעטעערן פין היעגע צדקה-חברות, זענען געקימען אין אינזער רעדאַקציע: „עפּעס דער בלימעל פערקויף האָט געזאָלט גיין פאַר די רעדאַקציע „דער טאָפּ"... כ'האָב זיי נישט פערשטאַנען קלאָר.

אַלע קיקן זיך שווייגנדיק איבער. מיטאַמאָל שמייכלען אַלע. (פּויזע)

סעקרעטעער פֿין רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— באַלד. איך שטעל מיך אין פֿערבינדונג מיט מיין רעדאַקטאָר, אפשר האָט ער וואָס צי זאָגן דערצי... (נעמט דאָס רעהרל פֿין טעלעפאָן אין ווינקל וואַנט) רעדאַקטאָר? (פּויזע) איך, סעקרעטעער. הערט איר, ביי דער פּאַרוואַלטונגס זיצונג פֿין ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פֿעראיין... עפּעס איז מען חושד אינז אין אַ טינקעלע זאַך... אַ מיספֿערשטענדניש מסתמא, ווי? דאָ, יאָ... די פֿערוואַלטונג... (נעמט אַוועק דאָס רעהרל פֿין מויל, צי דער פֿערוואַלטונג) אויפקלעהרונג...

פֿערוואַלטונג:

— וואָס, ער פֿערלאַנגט אַן אויפקלעהרונג? געוויס. גע-רעכט.

סעקרעטעער פֿין רעדאַקטאָר עטי פּייטי, גייט צי צים טיש:

— ניין, נישט דאָס. ער אַליין שיקט צי אַן אויפקלעה-רונג צי'ן אייך...

פֿערוואַלטונג:

— אַזוי... מסתמא...

סעקרעטעער:

— ער בעהט טאַקי די פֿערוואַלטונג אויפציהאַלטן זיך. ער שיקט שריפטליך... (סעקרעטעער פֿין רעדאַקטאָר עטי פּייטי אָפּ, אַלע צעשיטן זיך פּאָרליך-ווייז, איבערן זאַאַל דעבאַטירנדיק. לאַנגע פּויזע)

סעקרעטעער פֿין רעדאַקטאָר עטי פּייטי, קימט באַלד צריק:

— ני, מיר קענען זיך שוין צריק זעצן.

פֿערוואַלטונג, פֿערנעמט די ערטער:

— איר האָט שוין דעם בריעף דערהאַלטן?

סעקרעטעער פֿין רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— יאָ.

יידן עפֿענען די טיהר, קיקן אַריין, פֿריער נישט דרייסט.

פֿראַיין סעקרעטעער:

— ווער זענט איר?

יידן ריקן זיך אַריין מיט פּאַראַסאָלן, הויכע דענקעס, אַ טייל אין קאַפּעלישן.

— מען האָט אינז געזאָגט, אַז דאָ איז דער רעדאַקטאָר פֿין „קאָנגרעס-היט"...

וויצע רעדאַקטאָר פֿין „קאָנגרעס-היט":

— יאָ, וואָס האָט איר געוואָלט?

די יידן, קימען צי נעהנטער:

— אייער מיטאַרבעטער האָט געמסרט אינזערע געשעפֿטן, אַז מיר האַלטן אויסלענדישע סחורות...

וויצע רעדאַקטאָר:

— וויי, ווען, ווער זענט איר?

יידן:

— יידן מיט געשעפֿטן אין גאַס...

וויצע רעדאַקטאָר:

— ווי הייסט ער?

יידן:

— זיסבאַק! —

וויצע רעדאַקטאָר, פֿאַלט מיט דער פּלייצע אויף דעם אָנלעהן פֿין דער שטיהל. (פּויזע)

אַלע קיקן זיך איבער. ווען די יידן גייען אַוועק, זעהט מען, אַז דער סעקרעטעער פֿין רעדאַקטאָר עטי פּייטי איז אויך נישטאָ.

פֿערוואַלטונגס-מיטגלידער, לאָזנדיק דעם וויצע רעדאַקטאָר,

שטייען שטיל אויף פון טיש אוועק, שפּאַרן זיך אַרויס. (פּויזע)

עס שפּאַרט זיך איינער אַליין צוריק אַריין דער סעקרע-טעער פון רעדאַקטאָר עטי פּייטי. ציגייענדיק נאָענט, איינבייגנ-דיק זיך איבערן וויצע רעדאַקטאָר פון „קאָנגרעס-היט”:

— עפּעס באַטשקעט מען אין גאַס, אַז אייער צייטונג וויל גיטע אַנאָנסן פון די סוחרים, וועט זיי אייער מענטש נישט מסרן פאַר דער מאַכט... אַ גיטע נאַכט. (גייט אָפּ)

קאַפּיטל אַכצן

דער פעראיינס-מיטגליד זיסבאַק, פאַר דער פערוואַלטונג אין זעלבן זאַאַל, אָן דעם וויצע-רעדאַקטאָר פין „קאָנגרעס היט" און אויך אָן דעם סעקרעטעער פין רעדאַקטאָר עטי פייטי.

זיסבאַק:

— יידן, רחמנים! האָט רחמנות אויף מיין ווייב און קינ-דער, נעמט מיר נישט צי דעם ביסן ברויט פין מויל!

פעראיין-סעקרעטעער:

— ווי אַזוי האָט איר גענימען אַנאָנסן?

זיסבאַק:

— וואָס הייסט ווי אַזוי? כ'האָב גענימען...

פעראיין סעקרעטעער:

— געוויינליך, וויל דאָך אַ סוחר נישט לאָזן זיך אַזוי לייכט צירעדן. דאָרך וועלכע זשע מיטלען האָט איר אַרויסגעריסן דעם סוחרס צישטימונג?

זיסבאַק:

— אוי וויי, יידן, איר שעכט מיך... איר ווילט, אַז מיין רעדאַקציע זאָל מיך אָפּשטעלן פין מיין מיטאַרבעט. איך קען נישט קאָמפּראָמעטירן די רעדאַקציע...

פאָרזיצער פין דער זיצונג צים פעראיין סעקרעטעער, שטיל:

— פּראָטאָקאָלירט נישט אָט די לעצטע פראַזע... (צי זיס-

באַקן) איך לייג פאָר, מען זאָל אייך אויסשליסן ביז אַן אַלגע-מיינער פערזאַמלונג...

פעראיין-סעקרעטעער:

— מסכּים!

זיסבאַק:

— איר שעכט מיך אָן אַ מעסער.

פּאָרזיצער:

— אַז נישט וועלן מיר דאַרפן טראָגן די קאָנסעקווענצן פון דער גאַס׳ס צאָרן! דעם פעראיין דאַרפן מיר אָפּהיטן. (צו דער פערוואַלטונג) צו אָפּשטימונג!

אַלע הייבן די הענט.

סעקרעטעער פאָרמולירט און פּראָטאָקאָלירט:

— מיט אַלע שטימען אויסגעשלאָסן דעם מיטגליד זיס-באַק, פון פעראיין, ביז צו אַן אַלגעמיינער פערזאַמלונג...

קאַפּיטעל ניינצן

ד״ר פּעלשער פון דער טריבונע אין זעלבן זאַל:

די גאַנצע זאַך גייט אין דעם נאָר, אַז מיר קענען נישט אויפשטעלן די גאַס קייגן זיך. צוליעב דעם, מיינע הערן קאָ־לעגן, דאַרף איך אייך מעלדן, אַז אויף דער טאָג אָרדענונג פון דער היינטיקער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, שטייט די זעער וויכ־טיקע פראַגע וועגן דעם ה׳ זיסבאַקס אויסגעשלאָסן ווערן. דאָס וואָרט האָט ה׳ זיסבאַק, צים פערטיידיקן זיך, וואָס כ׳וואָלט מיטן גאַנצן האַרץ געווינטשן, אויב ס׳איז נאָר מעגלעך, ווי זאָגט מען דאָס: ס׳זאָל זיין „ווילק סיטי, אי אָווצאַ צאַלאַ״...

ה׳ זיסבאַק גייט אַרויף אויף דער טריבונע, גרויסע שפּאַנונג.

— ווי האָט געזאָגט אַמאָל קריסטוס: „ווער פון אייך איז אַזוי ריין, אַז ער זאָל קענען וואַרפן אין מיר דעם ערשטן שטיין?״... (פערלאָזט די טריבונע)

עס ווערט אַ מהומה:

— האַ, האַ, וואָס האָט ער געזאָגט?...

עס שטעלט זיך אויף פון זיין פּלאַץ אין דער ערשטער רייע דער וויצע רעדאַקטאָר פון „קאָנגרעס היט״:

— רבותי! ער מיינט דערמיט צו זאָגן, אַז אין דער רע־דאַקציע פון דער ציימונג „דער טאָפּ״ געפינט זיך אַ חשובער מיטאַרבעטער, וואָס אַרבעט איינצייטיק אין דער דעפענזיווע... (זעצט זיך)

עס טראָגט זיך אַדאָרך ווי אַ רויש איבערן עולם. אַ האַלבער עולם בלייבט מיט אָפענע מיילער, אַ האַלבער קעהרט זיך אָפּ צו דער וואַנט... ווי גישט זיי מיינט מען...

ד״ר פעלשער:

— איך לייג פאָר, אַריבערצוגייען צו דער ווייטערדיקער טאָג אָרדענונג, אָן אַ בעשליס פון דער דאָזיקער פראַגע, אי־בערלאָזנדיק זי צו אַ צווייטער צוזאַמענטרעפער... אַלגעמיינער פערזאַמלונג...

וויצע רעדאַקטאָר פון „קאָנגרעס היט" שטייט אויף פון זיין זיץ פּלאַץ, הייבט אויף צוויי פינגער:

— אַ בעמערקונג צו דער פראַגע... און גלייכצייטיק פערבינדן דעם איצטער אָפּגעלייגטן בעשלוס צו דער קומענדי־קער אַלגעמיינער פערזאַמלונג — מיט אויספאָרשן די זאַכליכ־קייט וועגן דער דעפענזיווע...

סעקרעטעער פון רעדאַקטאָר עטי פייטי, קומט אָן פון הינטן פון זאַאַל, בלייבט שטייען פאַר דער טריבונע, מיטן פּנים צום עולם, מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט:

— איך בעהט דאָס וואָרט צו אַ פאָרמעלן... פאָרשלאַג.

ד״ר פעלשער:

— היות, ווי אינזער פעראיין דאַרף בלייבן פאַר דער גאַס אונבעפלעקט... היות אָבער, ווי די געמיטהטער האָבן זיך דאָ זעער צעהיצט... לייג איך פאָר אַן הפסקה אויף פינף מינוט... איידער מיר שטעלן יענעם פריערדיקן פאָרשלאַג צו אָפשטימונג... וועלן מיר שטעלן צום ערשט אָט דעם לעצטן... (הייבט אויף די האַנט) איך בין פאַר דעם לעצטן אין נאָמען פון דער גאַנצקייט, אונבעריריליכקייט און אונבעפלעקטקייט פון

אינזער פעריין... און איך גלייב, אַז דערפאַר... זענען אַלע פאַר אים.

אַלע הייבן אויף די הענט.

פעראיין סעקרעטעער, פאָרמולירט און פראָטאָקולירט.

ד״ר פעלשער:

— אַ מערהייט שטימען...

אַלע צעשיטן זיך פון די ערטער.

סעקרעטער פין רעדאַקטאָר עטי פייטי, אין קאַנצעלאַריע-צימער פין פעראיין, נעמט דאָס טעלעפאָן-רעהרל:

— רעדאַקטאָר. (פויזע) כ׳האָב אייך שוין איבערגעגעבן, ס׳האָט זיך קאָמפּליצירט... (פויזע) איצטער האָב איך פאָרגעלייגט אַ הפסקה, גיט, זאָגט איר... איצט איבערגייען, זאָגט איר, אין סדר היום, צי קולטור פראַגן... ווי אַזוי אָבער זאָגט איר, פאָרמולירן דאָס צריקציען די בעשילדיקונג? די גאַס אָבער איז דאָך שוין אויפגעברויזט. די געמסרטע סוחרים שווייגן דאָך נישט... אַן עצה, זאָגט איר... אַן עצה?... (לייגט אַוועק דאָס רעהרל)

סעקרעטער פין רעדאַקטאָר עטי פייטי, אין זאַאַל אויף דער טריבונע, ווען דער עולם זיצט שוין צריק אויף די ערטער:

— איך מיין, אַז אינזערע געעהרטע מיטגלידער האָבן שוין בעריאיקט זיך און מיר קענען ציטרעהכן, זאַכליך, ווייטער.

יעדער פין אינז ווייסט, ווי שוועהר ס׳איז געווען ביים פּער־צייטישן סנהדרין דאָס וואָרט חייב... אויב עס האָט געטראָפן איין מאָל אין זיבעציק יאָר אַ טויט־אורטייל, האָט דאָס ב״ד געהייסן קטלנות... דאַגעגן זכּה, איז געווען אַלעמאָל שכיח. איך מיין, אַז איידער מיר בעשילדיקן אַ חבר, דאַרף מען די זאַך אויספאָרשן. אמת, די געליטענע זענען געניג בעגלייבטע, אָבער אַ טעות איז דאָך מעגליך... קענען זיי וויסן פין וועלכער זייט דער קלאַפּ קימט זיי — טאָמער נישט?... און טאָמער טאַקי נישט? איז, דערוייל, שוין אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל, מיט דעם וואָס מיר וועלן אַ חבר אויסשליעסן פין פעראיין? — און איר ווייסט דאָך חברים, וואָס עס הייסט אויסשליעסן: קיין רעדאַקציע וועט זיך דאָך מער נישט קאָמפּראָמעטירן מיט אַ מענטש, וואָס איז, נאָר וואָס, אַזוי בעשילדיקט... איז דער אורטייל, הייסט עס, אַ טויט אורטייל... דעריבער איז צי שוועהר דאָס דאָזיקע ענין. נאָכאַמאָל אויספאָרשן און, לאָזן די ענטגילטיקע ענטשיידונג פאַר אַ קימענדיקער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, אַזוי דיקטירט אינז דער יושר.

ציפרידענע בעוועגונג אין זאַל.

ד״ר פעלשער:

— מייגע הערן, מיר שטעלן, אַלזאָ, די פראַגע וועגן חבר זיסבאַקס בעשילדיקונג צי דער קימענדיקער, נאָרמאַלער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, וואָס קימט ביי אינז פאַר יעדעס יאָר...

בעוועגונג אין זאַל.

ד״ר פעלשער:

— מיר דאַרפן, אַלזאָ, אויפהייבן די הענט...

אַלע הייבן אויף די הענט.

ד״ר פעלשער:

— אָנגענימען...

עס בעווייזט זיך פליצלינג דער בערלינער דיכטער.

סעקרעטעער פון רעדאַקטאָר עטי פייטי ווערט גערופן צום טעלעפאָן אין קאַנצעלאַריע-צימער. ווען ער קומט צוריק מעלדט ער פון דער טריבונע:

— איך האָב פאַרצייליגן: צוליעב די פונקטן פון קולטור-ענינים אויף אונזער היינטיקער טאָג אָרדענונג, זאָל אין צוזאַמענהאַנג מיט זיי, דער געעהרטער דיכטער טיען אונז דעם כבוד און געהבן אַן איבערבליק איבערן ווייטערן וועג, ווי מיר דאַרפן גייען צו אונזער יידישער קולטור... דערביי זאָל דער געעהרטער פּאָרזיצער דערקלעהרן אַ הפסקה אויף צוואַנציק מינוט...

ד״ר פעלשער:

— עס ווערט דערקלערט אַן הפסקה אויף צוואַנציק מינוט!

קאַפּיטל צוואַנציק

אין רעדאַקציע-צימער רעדאַקטאָר עטי פּייטי, זיין סעקרע-טעַר, בערלינער דיכטער.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— וואָס האָט איר גערעדט?

בערלינער דיכטער:

— איך האָב נישט אָנגעהויבן באַלט פון די מחלוקתן און אַז זיי זענען נישט געזינט פאַר יעדן צד, נאָר צום ערשטן, וועגן די שילדלעך, וואָס הענגען איבערן פעראיין און, אַז מען דאַרף זיי איבער מאַלעווען... די בלעכלעך זענען צעבויגן, די אותיות אָפּגעשפּרינגען און, ריפּן נישט אַרויס דעם געהעריקן דרך ארץ פאַ ן פעראיין... דערנאָך ערשט האָב איך גערעדט איבער דער יידישער ליטעראַטור און, צום סוף, וועגן די מחלוקתן, וואָס קענען זיין אַ גרויסע שטערונג פאַר איר ענט-וויקלונג...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— זייער גוט... זייער גוט... און האָט איר אויך דערמאָנט וואָס פאַר אַן אָפּנעמעריין די יידישע צייטונג איז פונם יידישן ראָמאַן?

בערלינער דיכטער:

— וואָס פרעגט איר?

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— און וואָס פאַר אַ ברייטע פערשפּרייטונג זי ברענגט דער יידישער ליטעראַטור?

בערלינער דיכטער:

— איך האָב אַפילו דערמאָנט די צאָל עקזעמפּלאַרן פון אייער חשובער צייטונג.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— זעער גיט...

בערלינער דיכטער:

— און די ראָמאַנען, וואָס דריקן זיך, אַ דאַנק דער אונערמידליכער טעהטיקייט פון אייער צייטונג. און, אויך זייער אַלץ מעער פערנעמענדיקערן פלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור, ציזאַמען מיטן וואוקס פון דער צאָל ראָמאַניסטן, צי דער דערפרייענדיקער ענטוויקלונג פון איר... אַלץ האָב איך דערמאָנט, אַלץ...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— פערשטייט איר מיך, ס'איז גלאַט גיט געווען, וואָס איר האָט גערעדט אַ פריש וואָרט וועגן דער יידישער קולטור... עס ציהט אָפּ די קריגערייען אויך...

בערלינער דיכטער:

— פאַרוואָס? און די ראָמאַנען אליין פעהלט דען עפּעס? "דאָס געהיימעניש און האָטעל בריסטאָל" איז דען נישט, פאַר זיך, אַ[illegible]געווינס? און דער ראָמאַן „אינטער זיבן שלעסער" איז אויך נישט קיין שלעכטע אַרבעט. וועער שמיעסט „דער באַרג אַראָפּ"

— דאָס האָט דאָך בעשאַפן צענדליקער טויזנטער לעהזער און, בעוואויגן הינדערטער טויזנטער מוהות צי דערהויבענעם געדאַנק, עסטעטישן געגוס פון זויבערער ליבע... און אָט, אין דעם טאַקי, האָב איך זיי נעכטן אָנגעוויזן, דאַרף ליגן די קאָנקורענץ פון

יידישע צייטונגען, מיט וואָס איינע זאָל איבערשטייגען די צווי־טע... נישט אין מחלוקתן און אין נאָכקיקן איינע דער צווייטער, וואָס יענע טיהט נאָך א חוץ פאַרן גייסט...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— גאַנץ גיט... גאַנץ גיט... ישר כח.

בערלינער דיכטער:

— כ'האָב געהאַט א שווערע שטיקל אַרבעט אויף אָנצי־ווייזן זיי די וועגן, נעכטן, פאַר דער יידישער קולטור. אָבער... איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, רעדאַקטאָר: איך נעם א צי־קליין געהאַלט פין אייך, לויט מיין ווערט...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— אוי גנבל... דיכטערל... (פויזע)

מען קלאַפּט אין די טיהר, עס קימען אַריין די זעלבע יידן סוחרים, וואָס צי דער זיצונג אין פעראיין.

ערלינער דיכטער געזעגנט זיך. אָפּ.

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— זיצט, ברוכים הבאים.

די יידן זעצן זיך.

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— פערשטייט איר מיך, אז אין גיטן קען מען אַלץ מאַכן... א קודם דאַרפט איר זיך ווענדן צי יענער רעדאַקציע (צים סעקרעטעער) ווי הייסט זי? „דער היט... דער קאָנגרעט־היט?..." (צי די יידן) אז זי זאָל אייך געהבן קאָמפּיסאַציע פאַר שאָדן... דהיינו: אנאָנסן א גאַנץ יאָר בחנם, זי זאָל ווירקן אויף מיטגלי־דער פין דער שאַך־קאָמיסיע ביי אָבראָטאָווע, ווי איר דאַרפט צאָלן... אויך ביי דער קאָמיסיע פין פערמעגנס־שטייער און אַפילו — פין קהילה־עטאַט... מיט איין וואָרט... עס קען... מען קען א סך טובות טיען אייך... נאָר, יידן, אין גיטן...

יידן:

— ניי... מיר בעשטייען דעם ה׳ זיסבאַק צי דערקלעהרן
פאַר אַ רײנעם, דאָרך אייערער און אויך יענער צייטונג, ווען
דאָס זאָל טאַקי מקוים ווערן, ווי איר זאָגט.

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— ניין, נישט דערקלעהרן, נאָר שטיל זיין, שטיל זיין...
וואָרן דערקלעהרן רייסט אַמאָל אויף די אויגן... איר דאַרפט נאָר
נישט דערווידער זיין, אַז עס זאָל זיך אָפּקיהלן... און נאָך אַ
יאָר, געהבן אַ קליין נאָטיצל: נישט דערוויזן... ני, הכלל, שטעלט
זשע אייך אין פערשטענדיגונג באַלט מיט דאָרט...

יידן:

— גיט, אויב עס זאָל אַזוי זיין... (שטייען אויף)

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— יאָ, יאָ... (בעגלייט זיי)

יידן:

— אַ גיטן טאָג.

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— אויף שלום, שטייט די וועלט. נישט אַנדערש... אַ גיטן
טאָג, אַ גיט יאָר. (יידן אָפּ).

רעדאַקטאָר עטי פייטי, צים סעקרעטעער:

— אָט האָסטי שוין אַ וועג צים דערליידיקן... מילא, זעמיר
דאָך יידן, גאָט צי דאַנקען, וואָס ווילן בטבע זיך נישט קריגן,
נאָר עפּעס געווינען...

עס קימט אַריין רבקהלע פיינגאָלד מיט אַ צוויי וואָכעג־
דיק איינגעוויקלט פּיצעלעס אין אָרעם. זי איז זעער אויסגעבלייכט,
אויך אַביסל אָפּגעצעערט, אָבער האָט אַלץ דעם זעלבן ליעבליכן
בליק, נאָך אַביסל ווייכער און, אַלץ דאָס זעלבע ליעבע פרויען
צאַרטע שמייכעלע.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— האַ, וואָס איז דאָס?..

רבקהלע פּיינגאָלד:

— איך האָב, פאַרשטייט איר מיך, דאָס פּיצעלע געהאַט... און מיט אַ כשופמאַכער פון אַפריקאַ... און מען האָט מיר גע-ראָטן, אַז איך זאָל עס איבערגעבן אין אַ יידישע רעדאַקציע, כּדי עס זאָל נישט פאַרפאַרעמדט בלייבן...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— צי וואָס אין אַ יידישע רעדאַקציע?

סעקרעטערער, ריפּט אַוועק דעם רעדאַקטאָר אָן אַ זייט. סודעט זיך מיט אים אַביסל.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי, צים מיידל:

— זיצט.

רבקהלע פּיינגאָלד, זעצט זיך:

— דאַנק.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— אָט דאָס איז אינטערעסאַנט... ני, מיר וועלן דאָס צי-נעמען און אַוועקגעבן אין אַ דערציאונגס הויז...

רבקהלע פּיינגאָלד:

— יאָ, אַזוי, האָט מען מיר געזאָגט, וועט איר טיען. איר וועט בעשמט פּאַר אַ גיטן מענטש. אַ דאַנק.

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— אָט דאָס איז אינטערעסאַנט. האָט איר עס געהאַט, זאָגט איר, מיט אַ כשופמאַכער... פון וואַנען איז ער?

רבקהלע:

— פון אַפריקע...

רעדאַקטאָר עטי פּייטי:

— אָט דאָס איז גאָר אינטערעסאַנט. פון אַפריקע! עס האָט

געמיזט האָבן אַן אינטערעסאַנטע פערגאַנגענהייט... דאָס איז אַ שטיקל געשיכטע... אַ ליעבע?

רבקהלע פיינגאָלד, מיט אַ שמייכעלע:

— ני, אַז מען ליעבט נישט, האָט מען קיין קינד נישט...

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— ני, ווייסט איר וואָס, מיר נעמען שוין צי דאָס קינד. איר דאַרפט גאָרנישט מיט זיין ביים אָפּגעהבן עס, אַ טאָמער שעהמט איר זיך... מיר ווען עס אָנגעהבן ווי אַ געפינענס...

רבקהלע פיינגאָלד:

— אַז איך וועל עס וועלן אַמאָל זעען, צי וועל איך קענען?

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— יאָ, געוויס.

רעדאַקטאָר, דעקט אָפּ דעם קינד אַ שטיקל פּנימל:

— אוי, אַזאַ ליעבעטשקעס — אַ פּנימל, ווי אַן אתרוגל און, אינגאַנצן, אַווי גרויס ווי אַ פּטומל... (נעמט עס ביי איר פין דער האַנט אַרויס)

רבקהלע פיינגאָלד, פערשווינד.

רעדאַקטאָר עטי פייטי:

— ני, וואָס טיהט מען דערמיט?

סעקרעטעער:

— באַלט. (לויפט אַרויס, קימט צוריק אין אַ מינוט אַרים מיט מיסטער בינאָקלען) ני, אָט איז ער...

רעדאַקטאָר:

— זעה, בינאָקעלע, כ'האָב דיך פערהיהטן פין אַ סקאַנדאַל, נאָר גיי, פיהר עס שוין אָפּ אין אַ דערציאונגס-הויז...

מיסטער בינאָקל:

— גיט. (נעמט עס)

רעדאַקטאָר:

— ס'איז אַן אינטערעסאַנט געשיכטעלע, הא... אַ ליעבעלע?..

מיסטער בינאָקל:

— איך?... דאָס איז פֿין אַפֿריקאַנער כשופֿמאַכער... דאָס איז דאָך דאָס, וואָס אינזער צייטונג האָט געשריבן דערוועגן, מיטן כשופֿמאַכער...

רעדאַקטאָר:

— פֿין וואַנען זשע ברענגט זי עס דאָ אַהער?..

מיסטער בינאָקל:

— זי האָט געלייענט, מיז זיין, אַז אינזער צייטונג אינטערעסירט זיך מיט איר שטאַרק...

סעקרעטעער:

— ני, גייט שוין, גייט, בינאָקל, באַלעמיטשעט נישט...

רעדאַקטאָר:

— אַ טאָמער, וויל מען אַן אָנפֿראַגע מאַכן פֿין דער קינדער־אַנשטאַלט, הייס זיך דאָ אַהער ווענדן...

מיסטער בינאָקל:

— גיט, אָודאי... (אָפּ, מיטן קינד)

רעדאַקטאָר:

— ער איז דאָך אַ לייַדאַק... עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט דערביי אירע איבערלעבונגען...

סעקרעטעער:

— ני, מילא, ווער וועט דען גייען פֿערבינדן אַ קרובה־שאַפֿט מיט איר, עס שמעקט דאָך מיט סקאַנדאַל...

רעדאַקטאָר:

— אַי, וואָלט דאָס געווען אַ שפּאַנענד ראָמאַנדל, וואָס וואָלט געקענט האַלטן אַ גאַנץ יאָר די לעזער ביים האַלז...

ווער שמיעסט נאָך דאָ אַריינטיען אַ געשיכטע מיט אַ כשופמאַ־
מאַכער און רייזעס קיין אַפריקע...

(מען קלינגט אין טעלעפאָן)

סעקרעטעער, נעמט ראָס רעהרל:

— יאָ, רעדאַקציע „דער טאָפּ"... סעקרעטעער... יאָ, דאָס
קינד האָט מען געפינען דאָ אויף די שטיגן... בעשטעטיקט...
ני, יאָ, יאָ... (לייגט אַוועק דאָס רעהרל) זיי האָבן אַפילו נישט
קיין פּלאַץ, זאָגן זיי, נאָר ווייל פין רעדאַקציע געשיקט, נעמען
זיי עס צי...

רעדאַקטאָר:

— גיט, גיט... נאָר מיט גיטן... (פערטראַכט זיך אַ ווײַלע)
מעגסט זיין אַפילו דער שד פין שדים, דער מאָדערנסטער...
נאָר מיט גיטן...

בערלינער דיכטער, דערשיינט פּליצלינג:

— אָט די מעלה האָב איך שוין אין אייך אָפּגעשאַצט...
איר זענט אַ וואוילער מענטש... נאָר אַ פּענסיע גיט איר מיר
אַ צי קליינע...

רעדאַקטאָר:

— ביסט דאָך אַ גנבל... אַ שד'על, אַ מאָדערן שד'על...

בערלינער דיכטער:

— איך ?..

רעדאַקטאָר:

— ני, ווער דען ?..

בערלינער דיכטער, בייגט זיך אים איין איבערן אויער.
ביידע קיקן זיך אָן, צעשמייכלען זיך.

בערלינער דיכטער:

— מען זאָגט, אַז דעם ברית האָט איר געמאַכט... בינאָקל האָט אײך אַרײַנגעפֿירט אַלס דעם עלטסטן מכשף און גרימירט אײך פֿאַר זיך...

רעדאַקטאָר:

— קאָמבינאַטאָרל... גנבֿל... דיכטערל...

JEWISH CULTURAL CLUB OF SASKATOON

JEWISH CULTURAL [illegible] OF SASKATOON